Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 11 • #1 (483) Friday September 30, '22 • פרייטאָג וילך, ה' תשרי תשפ"ג לפ"ק • ב"ה

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניעדערמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

ומאושפיזין עילאין אושפיזין דמהימנותא תהונה אזניך קשובות רב ברכות!

# גיגאנטישער "סוכה הגדולה" ווערט אויפגעשטעלט דורך "ק"ק קרית יואל" צום בעפארשטייענדן יו"ט סוכות בצל הגה"צ מורינו שליט"א

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

געהויבענע טעג ערווארטעט אינעם עיר עוז לנו בצל הגה"צ מורינו שליט"א וועלכע וועט ווייליגן אויף יו"ט סוכות בקרב אנ"ש; וועט פראווען תפלות, נענועים, מעמדי "שמחת בית השואבה" בזמן שמחתינו בהשתתפות אלפי אנ"ש

ריזיגע סוכה וועט אויפגעשטעלט ווערן ביים סטראטעגישן ווינקל ביים צענטראלן גארפיעלד קאר. וועט ביורען אקעגן גרויסן ביהמ"ד - אויפבוי פונעם סוכה הגדולה אויפן שטח הת"ת וואו די ברעטער ווערן צוזאמגעשטעלט צו פארמיידן טראפיק פארנט פון גרויסן ביהמ"ד

הנה מה טוב ומה נעים שב"ת אחים גם יחד:

## התרגשות אין 'שכונת ויואל משה' מיט באנייאונג פון נייעם צענטראלן ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דק"ק קרית יואל מיט געהויבענע תפלות שב"ק נצבים און יו"ט 'ראש השנה' העעל"ט בהתאסף יחד תושבי השכונה כאיש אחד בלב אחד



זַכָּאָה חוּלְקָנָא וְזַכָּאָה חוּלְקֵיהוֹן:

## ערשטע שיפמענט פון 'קופת הקהלה' טשעקלעך אפגעשיקט איבערן שטאט; באצירט און באלייכט הונדערטער שטיבער פון אלמנות ויתומים ומיעוטי יכולת מיט שענסטע נוי סוכה

צדקה מעבירין: צענטראלע 'קופת הקהלה' שוין געגרייכט נאָענט צו האלב פונעם אסטראנאמישן ציל; תושבי קרית יואל זענען פאָר צו גיסן נדבות ביזן דעקן לעצטן פרוטה פונעם קאָלאָסאַלן 'פערטל מיליאן' דאלאר ציל וואס מוז געשאפן ווערן אין די נאנטע טעג פאר אונזערע ברודער עניי אחינו ועניי עירינו





פרישע דורכברוך אין שטאָט להציל נפשות מישראל:

## דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען מיט'ן צושטאנד ברענגען לעבנס-וויכטיגע זעלבסטשטענדיגע טאון אוו מאנראו "הצלה סטאַנציע" צו רעאַגירן על כל צרה שלא תבוא

וועט דינען אלס פערטע 'הצלה באזע' פון 'חברה הצלה קרית יואל'



הרחיבו מקום אהליך:

## בית המדרש דק"ק דינוב אפגעקויפט און באנייעט ביהמ"ד פארן קהלה אויפן צענטראלן ווען ביורען גאס מיט פלאן אויפצובויען מקוה מפוארה

בהרמנותא דמלכא כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א מנהיג העדה האט די קהלה געשלאסן מקח אויף גרויסן בנין אין צענטער פון שטאט



## פריידיגע יציקת הבורות פאר נייע מקוה מהודרת אין בית המדרש באגאד



## ווילעדזש פאַרלאַנגט פערמיטן פאר "יריד טישלעך" דעם קומענדיגן ערב יום טוב אויפן צענטראלן גארפיעלד רד.



## התעוררות'דיגע 'תענית ויום תפילה' וזעקה אפגעהאלטן מיט איסטערלישע התעוררות אין גרויסן בית המדרש דק"ק קרית יואל פארגאנגענעם דאָנערשטאָג נצבים העעל"ט

פייערדיגע דרשה מיט בכיות געהערט פון הגה"צ רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א חבר הבד"ץ לאור המצב הנורא

התעוררו כי בא אורח:

## קרית יואל גרייט זיך מיטצולעבן א לעכטיגע שבת פרשת חיי שרה בצל הקודש פון גרויסן גאַסט כ"ק מרן אדמו"ר מבוהוש שליט"א

ראשון הוא למקראי קודש:

צום ערשטן מאָל געלעגנהייט זיך צו ווארעמען צום פלאַמעדיגן אור הבהיר און עבודת הקודש פון בוהושער רבי'ן שליט"א ביים געהויבענעם שבת, וואָס וועט צוניפברענגען רבים מתושבי העיר ביים התרוממות'דיגן שב"ק בלהבת שלהבת על דרך אבותיו הק' לבית ריזשין זי"ע

מערכת "קרית יואל וואכנשריפט" טוט וואונטשן א גמר חתימה טובה פאר אונזערע העכער 20,000 לייענער און פאר די 7,000 תושבי קרית יואל רבתי און גאנץ כלל ישראל

ערב יום הקדוש וועט כלל ישראל גיבן כופר נפש $54 כהוראת רבותינו פאר: אתרא קדישא
ספר נפש אתרא קדישא ערב יום הקדוש
אין אלע שטעט/בתי מדרשים - אדער 24 שעה אויפן טעל 929-930-4808
עשה למען אוהביך שוכני עפר! מיר פארזיכערן זייער שמירה. זיי פארזיכערן אונזער שמירה!

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק - גרעיט נעק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
טאמס ריווער - פאסעיק
קליפטאן - דזשערזי סיטי
יוניאן סיטי - עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט:** ניו העיווען

**קליוולאנד - באלטימאר**

**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**

**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י ACH.
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י O.J.C.
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

כשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

**25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741**

**1,826**
**משפחות אלמנות**
**3,372**
**יתומים (ילדים בבית)**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד אלול תשפ"ב
**$36,170,934.00**

# חכם לב יקח מצות

**חשבון השנה**
אלול תשרי תשפ"ב $1,826,492.00
חשון - חצי טבת תשפ"ב $1,379,714.00
חצי טבת - אדר א' תשפ"ב $1,472,695.00
אדר ב' ניסן תשפ"ב $4,830,458.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר סיון תשפ"ב $1,781,181.00
תמוז אב תשפ"ב $1,374,694.00
**ס"ה $12,665,234.00**

## בעזהי"ת דאנערשטאג - פרייטאג פ' וילך, און זונטאג - מאנטאג פ' האזינו

וועט מען אהיים טראגן פאר אלע משפחות אלמנות ויתומים

## שיינע ד' מינים (אתרוג - לולב (פערטיגע געבינדענע) - הדס - ערבות)

וואס ס'איז באקאנט אז ס'ברענגט אריין א לעבעדיגקייט און א שמחות יו"ט - לב אלמנות ארנין

## בעטן מיר יעדן פערזענליך אז מ'זאל קומען צוהעלפן און אהיים טראגן לכל הפחות פאר איין משפחה, וכל המרבה הרי זה משובח

ס'וועט ווערן געטיילט פון 5 פלעצער:

**ברוקלין: היכל הכולל דאראג - 25 Ross St. - פון 10:00 צופרי ביז 10:00 ביינאכט**

| קרית יואל | מאנסי - סקווירא | לעיקוואד | מאנטריאל |
|---|---|---|---|
| הרב יואל בר"ב לויפער שליט"א | הרב אליעזר יחזקאל לאנדא שליט"א | הרב חיים יעקב ברוינשטיין שליט"א | הרב יחזקאל לויפער שליט"א |
| 845-239-7779 | 845-659-5541 | 908-415-1430 | 450-512-8040 |

מ'ברויך דעליווערן צו די אלע פלעצער

ברוקלין: וויליאמסבורג, בארא פארק, פלעטבוש, קענזינגטאן, קראונהייטס, סי-געיט, בעי רידזש, בענסענהורסט, דזשארזש טאון, מארין פארק, מיל בעיסען. סטעטען איילענד. איסט סייד. קווינס: פלאשינג - קיו גארדענס, ריגא פארק. פייוו טאונס: פאר ראקעוועי, לארענס, וואדמיר, סידערהורסט. אפסטעיט: קרית יואל, מאנסי, סקווירא, סאוט פאלסבורג, נייטרא, קאשוי. ניו דזשערזי: לעיקוואד, דזשעקסאן, זשערזי סיטי, יוניאן סיטי, פאסעיק, קליפטאן, עליזאבעט, דיעל, בערגענפיעלד, וויינלאנד. פענסילוועניא: פילעדעלפיא, פיטסבורג. קאנעטיקוט: ניו העיווען. קליוולאנד. באלטימאר. דעטרויט. לאס אנדזשעלעס. קאנאדא: מאנטריאל, טאהש, טאראנטא.

בברכת גמר חתימה טובה, ושפע ברכה והצלחה וכט"ס, וחג כשר ושמח

**אברהם לויפער - אבדק"ק דאראג**

| פרנס אלמנה ויתומים לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים - $300.00 לשבוע | $2,500.00 | $3,600.00 | $18,000.00 |
| משפחה גדולה - $200.00 לשבוע | $1,800.00 | $2,500.00 | $12,000.00 |
| משפחה רגילה - $150.00 לשבוע | $1,200.00 | $1,800.00 | $10,000.00 |
| משפחה בינוני - $120.00 לשבוע | $900.00 | $1,200.00 | $7,800.00 |
| משפחה - $100.00 לשבוע | $720.00 | $1,000.00 | $6,300.00 |
| משפחה קטנה - $75.00 לשבוע | $600.00 | $900.00 | $5,200.00 |

| מעמדות לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| מעמדות לשבוע - $26 בשר $26 דגים | $500.00 | $720.00 | $3,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר $18 דגים | $360.00 | $500.00 | $2,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר ודגים | $180.00 | $360.00 | $1,300.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר $18 דגים | $150.00 | $250.00 | $780.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר ודגים | $120.00 | $180.00 | $500.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $180,000.00 |
| פרנס השבת קודש $72,000.00 |
| פרנס היום $26,000.00 |

בס"ד

מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י
מרן רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק
מרן אדמו"ר שליט"א

עשרת ימי תשובה תשפ"ג
חידושים לטובת הציבור
ולהחזקת המוסדות הק'

# כפרות
## מיט חידושים

בסייעתא דשמיא איז אויסגעארבעט געווארן **פרישע פראקטישע חידושים פאר'ן מנהג ישראל פון כפרות אויף קומענדיגן עשי"ת** הבעל"ט, וואס מיט דעם וועט מען בעז"ה **צושטעלן סערוויס פאר'ן חשוב'ן ציבור**, און **ברענגן די ריכטיגע הכנסה פאר די הייליגע מוסדות**

# ערב יום הקדוש

פון מאנטאג נאכט **7:00 אווענט** | ביז ערב יום הקדוש **9:30 צופרי**

**אין שטח פון ת"ת בנין גאלדבערגער - לארקין דר.**

**עס וועט אויך זיין צוגעשטעלט פאר פרויען און מיידלעך ביז חצות הלילה**

**מנינים סליחות פון חצות הלילה און ווייטער בבנין הת"ת**

**וועט זיין צוגעשטעלט סליחות'לעך**

**וועט בעז"ה זיין שוחטים פון 4:30 פארטאגס ביז 9:30 צופרי**

**באסעס וועלן פארן פון 5:00 פארטאגס ביז 7:00 צופרי**



מיר קוקן ארויס אז דער ציבור זאל **געניסן פון די סערוויסעס און שטיצן די מוסדות**, ווי רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט און **העלפן אריינברענגען א שמחת יו"ט פאר די הונדערטער כלי קודש!**

א גמר וחתימה טובה, א זיס לעכטיג יאר מיט אסאך אידיש נחת!
**הנהלת המוסדות**

ב"ה

מיר וואונטשן פאר אלע
אונזערע חשובע קאסטומערס
און פאר גאנץ כלל ישראל:

# א גמר חתימה טובה, ושנת גאולה וישועה



לשנה הבאה בירושלים!

**HFA REALTY GROUP**

The most trusted realty in קרית יואל והגלילות

**845.781.2410**
Sales@HFArealty.com

**משה יוסף פריעדמאן** ext. 3
Moshe@hfarealty.com

**מרדכי יואל אונגאר** ext. 4
Cell 845-238-0039
Mordechai@hfarealty.com

בס"ד

# א העמד׳ל
# אן קיין פלעק

יום טוב׳דיג.



א פריילעכן יום טוב

MEN'S CORNER

27 QUICKWAY RD #104
845.782.6756 Free Delivery

eiffelteam.com

## אין עוד מלבדו

# RAPID CARE

## YOUR COMMUNITY URGENT CARE

**COVID TESTING**
No out of pocket cost

# תשרי סקעדזשול

**געוועגליכע טאג**
פון **4:00** נאכמיטאג
ביז **12:00** ביינאכט

**שבת און יום טוב טעג**
פון **12:00** מיטאג
ביז **12:00** ביינאכט

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ערב ר"ה<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | צום גדלי'<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | וילך - שובה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ערב יו"כ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | יום כיפור<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | האזינו<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| ערב סוכות<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ג' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שבת חוה"מ<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| הושענא רבא<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמיני עצרת<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמחת תורה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | אסרו חג<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | בראשית<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |

מיר שטייען אייך גרייט צו סערווירן
מיט געטרייע עמערזשענסי רום
דאקטוירים צו אייער צופרידנהייט!

*א גוט געבענטשט יאר, געזונטערהייט!*

**WALK IN!**
**NO appointments needed!**





**815 NY-208**
**South Blooming Grove**
**845.525.2000**


tealbluemedia
all in one
Major Appliances
& Electronics
Let's build your
sukkah, together.
Hardware
Sukkah Supplies
Tools
נוי סוכה
1 Lemberg Ct. 845-774-2433
מיר וואונטשן פאר אלע אונזערע קאסטומערס
א כתיבה וחתימה טובה און א שמחת יום טוב

SPECIAL YOM TOV

# LATE HOURS

SHOP UNLIMITED

## SEP. - OCT. 2022 — תשרי תשפ״ג

| SUNDAY | MONDAY | TUESDAY | WEDNESDAY | THURSDAY | FRIDAY | SHABBOS |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 18 א׳ סליחות 7:30am-2:00am | 19 7:30am-2:00am | 20 7:30am-2:00am | 21 7:30am-2:00am | 22 (24) 7:30am | 23 Till 15 min. b/f zman | 24 WITH DELIVERIES (24) נצבים From 15 min. after zman |
| 25 (24) ערב ראש השנה Till 15 min. b/f zman | 26 ראש השנה | 27 ראש השנה From 1/2 hr after zman - 2am | 28 צום גדלי׳ 7:30am-2:00am | 29 (24) 7:30am | 30 Till 15 min. b/f zman | 1 נצבים From 15 min. after zman - 2am |
| 2 7:30am-2:00am | 3 7:30am-2:00am | 4 ערב יום כיפור Till 1/2 hr b/f zman | 5 יום כיפור From 1/2 hr after zman | 6 (24) 7:30am | 7 Till 15 min. b/f zman | 8 WITH DELIVERIES (24) From 15 min. after zman |
| 9 (24) ערב סוכות Till 15 min. b/f zman | 10 א׳ סוכות | 11 ב׳ סוכות From 15 min. after zman - 2am | 12 א׳ חול המועד סוכות 7:30am-2:00am | 13 (24) ב׳ חול המועד סוכות 7:30am | 14 ג׳ חול המועד סוכות Till 15 min. b/f zman | 15 WITH DELIVERIES (24) האזינו From 15 min. after zman |
| 16 (24) הושענה רבא Till 15 min. b/f zman | 17 שמיני עצרת | 18 שמחת תורה From 15 min. after zman - 2am | 19 אסרו חג 7:30am-2:00am | PEPPERMINT Phone Order Dept. 845.492.8777 EXT. #1 | | |

DELIVERY ENDS @12AM EVERY NIGHT

**Peppermint** supermarket

845.492.8777 | 33 DINEV RD.

supermarketkj@gmail.com
www.peppermintsupermarket.com


בס"ד
ולקחתם
לכם "ביום
הראשון"
מיט גרויס פרייד טוען מיר איינמעלדן פאר אנשי שלומינו אז
אויך דאס יאר שטעלן מיר אהער לקראת יו"ט סוכות הבעל"ט
אונזער בארימטע
אתרוגים יריד
בלויז איין טאג
זונטאג
האזינו
(עשי"ת)
פון 3:00 « ביז 11:00
אין עזרת נשים
שע"י ביהמ"ד הגדול
טארן בלויז פרייז פון
$199
א סעט
אתרוגים מובחרים
(יאנעווע און מאראקא)
לולבים שלמים
הדסים משולשים
מאכט זיכער אז איר פארפאסט נישט דעם יריד!
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
הנהלת הקהלה
goodpointmediainc@gmail.com

**אברהם לויפער**
**אבדק"ק דאראג יצ"ו**
ברוקלין ניו יארק

**RABBI A. LAUFER**
25 Ross St. Brooklyn N.Y. 11249
718-388-5080 – Fax. 388-4207

בעזהי"ת

יום חמישי לסדר ובחרת בחיים למען תחי' אתה וזרעך (נצבים) כ"ו אלול תשפ"ב

# המשך בענין לולבי שביעית

## לולבים הבאים משדות שלא נעשו בהם מלאכות האסורות בשביעית, אבל בעליהם מחללים שביעית בשדות אחרות, אין יוצאין בהם ידי חובתן אף בדיעבד (שו"ת מנחם משיב)

**בשו"ת מנחם משיב** (יורה דעה סימן ע"ט) **להגה"צ בקש"ת רבי משה מנחם טירנויער זצ"ל דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל כתב וז"ל,**

בנידון הלולבים הבאים לחוץ לארץ מארץ ישראל בשנת השמיטה, שגדלים בשדות שבעליהם עובדים את שדותיהם בשביעית, ועושים בהם מלאכות האסורות רח"ל, אלא שיש ביניהם שדות שלא נעבדו בשביעית, ומן הלולבים שגדלו בשדות האלו שלא נעבדו מביאים לחוץ לארץ לצורך מצות ד' מינים, וכתבתי שאף על פי כן אסור ליקח מהם לולבים אף שנגדלו מאותן השדות שלא נעבדו, על פי פסקו של הרמב"ם ז"ל (פ"ח מהל' שמיטה ויובל הל' י"ד) דחשוד על השביעית אין לוקחין ממנו כל דבר שיש עליו זיקת שביעית, ואין לוקחין ממנו פשתן אפילו סרוק וכו', ע"כ, הרי שיש איסור לקנות מחשוד על השביעית כל דבר שיש בה זיקת שביעית, ולולב יש בו משום זיקת שביעית, **ואם כן אסור לקנות הנהו לולבים, אף אם הם בודאי מן השדות שלא נעבדו בשביעית,** ומשום איסור ליקח מן החשוד דבר שיש בה זיקת שביעית.

ואחר שהאריך לבאר הלכה זו כתב וז"ל,

ואם כן נמצא דלפי מה שנתבאר בס"ד דהנהו **לולבים הנלקחים מהשדות שבעליהם עושים מלאכה בשביעית אף על פי שלא נעשה בהם שום מלאכה בשביעית, אפילו הכי יש איסור ליקחם מהם,** דמיקרי דבר שיש בו זיקת שביעית, ובארנו נמי דבנידון שאלתינו שיש בזה צורך להרבים וע"י שקונים הלולבים אלו מן הלוקחים מהחשודים, נגרם שיקנה הלוקח עוד מן החשוד. יש לומר דשייך לקנוס אותו גם לאחר שכבר לוקחו מן החשוד, **שיהא נאסר הלולב אף בדיעבד,** א"כ צע"ג אם בכהאי גוונא יש בלולבים אלו דין ממון, כיון שהם נאסרים בדיעבד, וכבר נתבאר דבלולב בעינן נמי שיהא לו דין ממון, ואם אין בהם דין ממון פסולה, **ואין יוצאין בהן ידי חובתן אף בדיעבד, עכ"ל בשו"ת מנחם משיב.**

*

## לולבים שבעליהן הם שומרי שביעית כהלכתו, יש להחמיר שלא לקנותם (שו"ת מנחם משיב).

**בשו"ת מנחם משיב שם כתב וז"ל,**

והנה ראיתי התשובה שכתב רו"מ בנידון הלולבים מארץ ישראל, ובארת מחלוקת הראשונים אם יש קדושת שביעית בלולבים, והאמת שמשום טעם זה לחוד יש להחמיר **שלא** לקנותם, דלדעת הרבה גדולי הראשונים ה"ה **רש"י** (שם מ' ע"א ד"ה יצאו עצי הסקה), **ותוס'** (בבא קמא ק"א ע"ב ד"ה והאיכא), **ורבינו חננאל** (סוכה שם ד"ה ודחי רבא), **והריטב"א ז"ל** (שם ד"ה ופרקינן), **יש קדושת שביעית בלולבים,** וא"כ יש בזה חשש איסור משום סחורה בפירות שביעית, ועוד כמה איסורים התלויים בקדושת שביעית, ולמה לנו לסמוך בחשש איסור דאורייתא על שיטת המקילין. ובשו"ת שבט הלוי (ח"א סי' קפ"א) כתב דהמקילין יש להם עמוד ברזל לסמוך, והמחמיר יחמיר לעצמו, וברוך יאמר לעומתו, עיי"ש. וכל זה שייך לבני ארץ ישראל שיש להם דוחק בזה, אבל אנו בני חו"ל שיש בעז"ה לולבים ממקומות אחרים, למה לא נחוש להחמיר לצאת ידי כל הדיעות, **ואפילו אם על ידי זה לא ימצאו לולבים מהודרים כל כך בשאר הידורים, אין ספק שהידור זה שיהא נקי מחשש איסור, הוא הידור יותר משאר הידורים שבשרים מדינא.**

ובתשובה שכתבתי העתקתי דברי החתם סופר ז"ל (שם ל"ו ע"א ד"ה ניקב, דפו"ח דף צ"א) דעיקר הידור המצוה היא קיומו, והיא הודו והדרו, ולכן אע"פ שכמה פעמים ע"י משמוש היד נולדו בו נימורים וכדומה, כיון שבאו ע"י מצותו זהו הודו והדרו, ומכל שכן שיש לדקדק שיהיו נקי מכל חשש איסור.

**ועיין בלשון קדשו של רשכבה"ג הר"ר יונתן אייבשיץ ז"ל בספרו אורים ותומים** (חו"מ סי' ס"ז סק"א) **שכל דבריו בוערים כגחלי אש, בגודל החיוב שיש לנו בני חוץ לארץ להזהר בכל דבר שיש לו שייכות עם קדושת שביעית,** עיי"ש, וידוע לכל כמה מסר נפשו אותו צדיק מרן זצוק"ל על דבר זה, עכ"ל בשו"ת מנחם משיב.

*

## כמה גדולי ישראל שדרו בארץ ישראל, החמירו בלולב שנוהג קדושת שביעית

כבר הבאתי במכתבי הראשון משו"ת ציץ הקודש **שהגה"ק רבי יושע לייב דיסקין זצ"ל,** וכ"כ בספר תורת הארץ **להגה"ק ר' משה קליערס זצ"ל** אב"ד טבריא יצ"ו, שבלולב שייך קדושת שביעית.

ובשו"ת **אז נדברו** ח"ד סי' נ"ז כתב וז"ל, **שהדבר ידוע שהחזון איש החמיר, והנהיג להחמיר בזה,** וכן כתב הגר"ח גריינימן שליט"א במכתב שנהגו להחמיר בזה, עכ"ל בשו"ת אז נדברו. ועע"ש שמבאר באריכות ששיטות רוב הראשונים שנוהג בלולב קדושת שביעית.

עוד כתב שם בהמשך דבריו וז"ל, סוף דבר מה שכתבתי בספר הלכות שביעית **אינו חומרא יתירה, אלא דינא דגמרא מפורש מוסכם ע"פ פוסקים ראשונים ואחרונים להחמיר,** ואין לזוז כמלא הנימא מסיכום ההלכה שבקונטרס ארבעה מינים: ולולב וכו' יש בו קדושת שביעית, יש אומרים שאין קדושת שביעית בלולב ודינו כעצים, ואין לסמוך על זה אלא בשעת הדחק, **ועיקר כהאומרים שיש קדושת שביעית בלולב.**

ובשעת הדחק נכון להשתדל עכ"פ להשיג לולב שיש בו עוד צירופי ספיקות להקל, וכגון ממקומות שהם ספק אם נכללו בגבול ארץ ישראל, ואם גם זה אין להשיג יש ליקח לולבין מקרקעות ארץ ישראל שהם של עכו"ם. **עכ"ל בשו"ת אז נדברו שם.**

עוד כתב שם בהמשך דבריו וז"ל, סוף דבר מה שכתבתי בספר הלכות שביעית **אינו חומרא יתירה, אלא דינא דגמרא מפורש מוסכם ע"פ פוסקים ראשונים ואחרונים להחמיר,** ואין לזוז כמלא הנימא מסיכום ההלכה שבקונטרס ארבעה מינים: ולולב וכו' יש בו קדושת שביעית, יש אומרים שאין קדושת שביעית בלולב ודינו כעצים, ואין לסמוך על זה אלא בשעת הדחק, **ועיקר כהאומרים שיש קדושת שביעית בלולב.**

ובשעת הדחק נכון להשתדל עכ"פ להשיג לולב שיש בו עוד צירופי ספיקות להקל, וכגון ממקומות שהם ספק אם נכללו בגבול ארץ ישראל, ואם גם זה אין להשיג יש ליקח לולבין מקרקעות ארץ ישראל שהם של עכו"ם. **עכ"ל בשו"ת אז נדברו שם.**

בספרי האשל ברמה לולבי שביעית (דף ל"ג) העתקתי התשובה שקבלתי מאת **הגאון האדיר המפורסם רבי חיים קנייבסקי זצ"ל,** שציין לספרו דרך אמונה (פרק ח' משמיטה הלכה י"א אות פ"ו) בביאור הלכה שם, בשם החזון **איש** וז"ל, **ומכל מקום למעשה החמיר בזה מרן לעצמו ולא רצה ליטול לולב ממשומר** (כדרכו להחמיר לעצמו במשומר), **וגם לא לקנות לולב משום איסור סחורה, רק ליטול מהמופקר,** עכ"ל בביאור הלכה שם.

ובזכות שמירת שביעית כהלכתה נזכה לכוח"ט ולשנת גאולה וישועה בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**הק' אברהם לויפער**
**אבדק"ק דאראג**

אברהם לויפער
אבדק"ק דראג יצ"ו
ברוקלין ניו יארק

RABBI A. LAUFER
25 Ross St. Brooklyn N.Y. 11249
718-388-5080 – Fax. 388-4207

לסדר ושמחת בכל הטוב, תשפ"ב

בעזהי"ת

שלומים מרובים כטל וכרביבים לכבוד ידידינו החשובים כאו"א בשמו יבורך

הנה בזה להודיע שבעזהי"ת עלה בידינו בשנה זו לקצור

# יאנעווער - מאראקאנער - אתרוגים

בלי שום מירוח (גלאנץ) כלל

מובחרים ומהודרים ביותר - גם עם פטמאות מהודרים בתוארם ובגידולם. בהשגחת התאחדות הרבנים

**בשנה זו שנת השמיטה יהי' לנו לולבים והדסים אך ורק מחוץ לארץ**

## לולבים מובחרים – חוץ לארץ

"פריש געשניטענע לולבים" בלי שום מירוח כלל – "ארגינעל"

**הדסים משולשים - חוץ לארץ** (מאראקא)

חופין את עצו, עלים קטנים, עצים קשים עד למעלה

## בהיכל הכולל דראג

## 25 Ross St.

(צווישן קענט – ווייט עוו.)

**גם סדרנו שיהי' דומ"ץ "התאחדות הרבנים" בחדר מיוחד שע"י היכל הכולל בתמידות - כל הזמן מבוקר עד הערב**

**החל מיום צום גדלי' בכל יום משעה 12 בבוקר עד שעה 11 בלילה**

**ערב שב"ק פ' וילך - פ' האזינו משעה 11:00 עד שעה 2:00**

**מוצאי שבת קודש משעה 10:00 עד שעה 12:00 בדיוק**

**י"ג מדות משעה 4:00 עד שעה 10:00**

**ערב ומוצאי יו"כ געשפארט**

718-388-5080 – 347-415-7949

**תלי"ת איז דא א שפע פון "נקי מכל אתרוגים**

**האלסעיל * ריטעיל**

בניי וחתניי היקרים יעמדו על משמרתם לשרת בקודש ובעזהי"ת יהי' כאו"א שבע רצון ביותר

בברכת כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה בכלליות ובפרטיות

**אברהם לויפער**

בן אאמו"ר החסיד האמיתי איש החסד כש"ת מוה"ר שלו' לויפער זצ"ל

מנחה בבכל יום
בשעה 7:30
מעריב בזמן ר"ת

**זעלטענע געלעגנהייט**
געזוכט טויגליכע אינגעלייט
ביים פארקויפן אתרוגים
* שיינע פארדינסט *
מ'באצאלט שיין אויף די שעה,
און אויך קאמישאן פאר יעדע
קאסטומער וואס ער ברענגט

יכולים להתקשר על הטעלפאן - הר"ר יואל לויפער נ"ו – 718-797-4040

הר"ר זלמן לויפער נ"ו – 718-809-5495 / הר"ר צבי הירש לויפער הי"ו – 718-576-3963

**צדקת שלו'**

היות שאאמו"ר הרה"ח רבי שלו' לויפער זצ"ל מכר בכל השנים אתרוגים לולבים והדסים למעוטי יכולת במחיר נמוך, ע"כ יהי' ניתן לקנות ד' מינים מובחרים ומהודרים (לולב שיכולין לבחור כאו"א - ולא בכיס סגור - הדסים משולשים כולו א"א)

**שמחירו הרגיל סך $250.00 בעד סך $150.00 - לולב לבד $75.00**

בס"ד



ארבעה מינים
סוכות תשפ"ג

יאנעווע מאראקא
דערי לולבים

# פלאהר מארקעט

# קרן ויואל משה

## צווייטע שטאק

## 55 Forest Rd.

הרחבה'דיגע צענטערן
אריין און ארויס
ריזיגע אויסוואל
קלארע פרייזן
העפליכע סערוויס
אתרוג אינשורענס!
דיין אויפן פלאץ

**שעות**

טעגליך: פון 2:00 מיטאג ביז 11:45 ביינאכט
ערב שבוע"ט: פון 10:30 ביז 1 מיטאג
מוצאי שב"ק ויו"ט: פון 2 שעה נאכן זמן

מיר ווארטן אייך צו סערווירן:

**שמואל נתן גרינפעלד**
845-248-0995

**פנחס** בראָ"ל **בראך**
845-325-4045

845.779.0745 VISA DISCOVER MasterCard AMERICAN EXPRESS

קרית יואל · וויליאמסבורג · בארא פארק · מאנסי · לעיקוואוד

ב"ה

COUNTLESS SWEET DEALS
MADE IN ONE YEAR



מיר וואונטשן תושבי קרית יואל והגלילות א
שנה טובה ומתוקה

loop REALTY

נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן
Lic: #10311209368
Upstate: 845-388-1155
Brooklyn: 718-925-2262

Bringing it all together.

52 Bakertown Road Suit #419
Monroe, NY 10950
info@looprealtyinc.com

DPMGGROUP.COM





## מטה אפרים
סימן תרד - תרה סעיף י'

"מען זאל געבן פאר יעדן משפחה מיטגליד באזונדער געלט פאר "פדיון נפש" און עס טיילן פאר ארימעלייט לכפר על נפשותיכם."

## אייער שליח אין מירון!

געבט פדיון נפש פאר יעדן פון אייערע פאמיליע מיטגלידער, און א ספעציעלער שליח פון "משמחי לב" וועט אי"ה מתפלל זיין און דערמאנען אייער קוויטל ביים ציון פון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי אין אתרא קדישא מירון בעיצומו של יום הקדוש.

(מינימום 2 משפחה מיטגלידער).

## קריאה דחופה מגדולי ומאורי ישראל

"...כבר פקיע שמיה של מפעל החסד הענקי "משמחי לב" העומדים לעזר להרנין אלפי יתומים ואלמנות, לשמח לבבות נשברות, חולים ונדכאים, ולחזק ידי רבנן ותלמידיהון ומשפחות ברוכות ילדים בכל עת ועדין ובפרט לקראת מועד במועדו להמציא צרכי החג ...ע"כ פונים אנחנו בקריאה של חיבה אל אחבנ"י בכל מקומות מושבותיהם, אנא שאו ידיכם קודש להוסיף בסיוע שיש בו ממש לסייע להכניס אורה ושמחה בביתי אביוני בית ישראל. קנו לכם זכות עצומה במפעל קודש זה, שנוכל להמשיך ולהתקיים לשמח לב העטופים ברעב ואין פורש למו... וכל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים, וכל המסייעים למצוה נשגבה הלזו, יתברכו בברכה המשולשת בתורה, בני חיי ומזוני רויחי..."

י"ט אדר ראשון תשע"א לפ"ק

יצחק טובי' וויים | חיים קניבסקי | שמואל הלוי וואזנר | מיכל יהודה ליפקוביץ
יעקב מאיר שכטער | נסים קרליץ | שמואל אויערבאך | דוד טווערבקי

wow@HaddarDesign.com

MESAMCHE LEV
משמחי לב
נתייסד ע"י הרה"צ רבי יואל זלמן אשכנזי זצ"ל

FAX: 718.838.3310
ONLINE: MESAMCHELEV.ORG
MAIL: 1364 53RD ST, BROOKLYN, NY 11219

רופט 24 שעה:
718.506.1400

קרית יואל
וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 • Monroe NY 10949 • Tel. 845-774-6234
Fax: 845-501-0246 • E-Mail: ads@kyweekly.com

נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

## אינהאלט

זמני בית הוראה - לחודש תשרי 31

לוח הזמנים לעיר קרית יואל 34

זמני בית הוראה 69

תפיסה ווענט דערציילן 76

על הצדיקים 81

לפני ה' תטהרו - סיפורים אויף יוה"ק 83

זיבעציג יאר פון דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל תשי"ב 87

פון נאצישן יאמערטאל - ענדע 91
אַ סעריע רירנדיגע זכרונות פון הגאון האדיר רבי פנחס הירשפּרונג זצ"ל
אב"ד מאָנטרעאָל, איבער די מלחמה יאָרן

שהשמחה במעונם 93

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, 15 Van Buren Dr. #311 Monroe NY 10950.

יַעֲלֶה תַחֲנוּנֵנוּ וְיָבוֹא שַׁוְעָתֵנוּ

# התעוררות'דיגע 'תענית ויום תפילה' וזעקה אָפּגעהאַלטן מיט אויסטערלישע התעוררות אין גרויסן בית המדרש דק"ק קרית יואל פארגאנגענעם דאָנערשטאָג נצבים העעל"ט

## ריזיגער ציבור באַטייליגט זיך מיט 'תענית חצי היום' ואמירת 'כל ספר תהלים' בתפלה ובתחנונים, עפ"י קריאתו הקודש פון ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובית דינו הצדק אין ליכט פון פאַרשאַרפערטע גזירות על חינוך דורותינו היל"ת אין ניו יאָרק

### פלאַמפייערדיגע דרשת התעוררות דורך פום ממלל רברבן, הגאון הצדיק רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א חבר הבד"ץ, באַגלייט מיט דמעות שליש ציטערט אויף אַלע הערצער לעורר רחמים רבים לביטול רוע הגזירה

קרית יואל. - אין שאטן פון די שמועות מבהילות וועלכע הערן זיך אויפ'ן גורל'דיגע קאַמף למען עתיד חינוך הדורות אין דער שטאָט ניו יאָרק, איז דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג נצבים העעל"ט, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ "יום תפלה וזעקה" אין גרויסן ביהמ"ד דא אין קרית יואל, אין דעם מסוגל'דיגן זמן קיבול תפלות פון די ימי הסליחות, להרעיש ולקרוע שערי שמים לבטל רוע הגזירה.

דער יום תפלה וזעקה איז פאררופן געוואָרן אין אַלע סאַטמאַרער בתי מדרשים בכל רחבי ניו יאָרק, אויף די פערזענליכע קריאת הקודש פון דעם ראש גולת אריאל, כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ובית דינו הצדק, וועלכע האָבן מעורר געווען איבער דעם חיוב צו מרבה זיין בתפלה און שפּאַלטן די הימלען מיט תפלות ותחנונים אין אַזא קריטישע צייט ווען דער צוקונפט פון דעם גאַנצן הייליגן חינוך ווערט חלילה באַדראָעט. דער רבי שליט"א האָט דערפאַר באַשטימט דעם אויסנאַמליכן יום תפלה פאר די גאַנצע עדה הק' איבער גרעיטאָר ניו יאָרק, שלא ינוח שבט הרשע על גורל תשב"ר.

ווירקליך איז דער יום תפלה פאראיבער מיט א געוואלדיגע התעוררות בכל מקום אשר דבר המלך מגיע. דאָ אין קרית יואל איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דער צענטראַלער מנין לאמירת כל ספר תהלים אין בית המדרש הגדול, וואו ס'האָט זיך דערקענט דאָס ווארימקייט וואָס הערשט ביי אידן איבער דעם חובת השעה איינצורייסן ביים בורא עולם לביטול רוע הגזירה, אידן שפירן מיט דעם צער השכינה און זענען אוחזין מעשי אבותיהם בידיהם זיך אויסצובעטן ביים תהלים'ל פאר'ן שומר ישראל, זאל אפהיטן אונזערע קינדערלעך פון סיי וועלכע שינויים חלילה אין דעם ריינעם חינוך.

נאָכ'ן מסיים זיין דעם גאַנצן ספר תהלים במעמד עם רב, האָט מען געהערט פלאַמפייערדיגע דיבורי התעוררות פון הגאון הצדיק רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א חבר הבד"ץ, וועלכער האָט מיט בכיות ודמעות שליש מעורר געווען איבער די גרויסע פליכט וואָס ליגט אויף יעדן איד צו איינרייסן מיט אַלע כוחות, על נפש בנינו ודורותינו, אַז מיר זאָלן קענען מגדל זיין ערליכע דורות אויף דעם זעלבן וועג וויאַזוי רבינו הק' זי"ע האָט אונז מנחיל געווען במסירת נפש.

דאס זעלבע האבן די תינוקות של בית רבן אין דער 'תלמוד תורה' און 'בית רחל' איינגעריסן בהתעוררות רחמים רבים, נאכ'ן הערן דברי כיבושין והסברה פון זייערע מחנכים ומחנכות די געטרייע מרביצי תורה וועלכע האבן ערקלערט די גרויסקייט פון הבל פיהם של תשב"ר וואָס איז מבטל אַלע שלעכטע דינים.

עס איז זיכער אז תפילות בני ישראל האבן געמאכט א געוואלדיגן רושם בשמי מעל צו פועל'ן לביטול הגזירה, ווי חז"ל זאגן בזמן שהקול קול יעקב אין ידי עשו שולטים, והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים.

ומאושפיזין עילאין אושפיזין דמהימנותא תהינה אזניך קשיבות רב ברכות!

# גיגאנטישער "סוכה הגדולה" ווערט אויפגעשטעלט דורך "ק"ק קרית יואל" צום בעפארשטייענדן יו"ט סוכות בראשות הגה"צ מורינו שליט"א

הגה"צ מורינו שליט"א וועט ווײלן אויף יו"ט סוכות בקרב אנ"ש צו פראוועגען זמן שמחתינו אינעם עיר עוז לנו - רײזיגער ציבור ערווארט מיטצוהאלטן תפילות און נענועים אין גרויסן בידהמ"ד בצל הגה"צ מורינו שליט"א וועלכע ווערט אויסגעשטעלט מיט לאנגע רייעס זיץ פלעצער צו קענען אקאמאדירן פלייץ פון תושבי קרית יואל זקנים עם נערים מיט די מאקסימאלסטע כבוד הציבור כראוי וכיאות

## גראנדיעזע מעמדי שמחת בית השואבה פאר אלפי אנ"ש און טויזענטער בחורי קרית יואל בראשות פונעם רב שליט"א וועט אפגעראכטן ווערן אין מאסיווען סוכה הגדולה

צענדליגע קרית יואל'ע עסקנים וועלן פארפיגן אויף די נויטבאדערפעניש אינעם סוכה הגדולה אויסצושטאפירן "סוכה הגדולה" מיט טויזענטער זיץ ערטער

קרית יואל. - ותתן לנו ד' אלוקינו באהבה את יום חג הסוכות הזה זמן שמחתינו באהבה מקרא קודש. אן אומבאשרייבליכע התרגשות און עקסטאז נעמט ארום אלופי אלפי תושבי העיר זיך

גרייטענדיג מיט אן הכנה דרבה צום הייליגן יו"ט סוכות זמן שמחתינו הבעל"ט ווען מען וועט האבן די זכיה צו פראוועןן דעם הייליגן יום טוב בראשות כבוד הגאון הצדיק דער רב שליט"א וועלכע וועט

מאציל זיין מזיו אורו במשך דעם יו"ט סוכות הבעל"ט בעיר עוז לנו קרית יואל המעטירה.

די געוואלדיגע בשורה טובה ומרנינה אז דער רב שליט"א וועט ווײלן אין שטאט דעם קומענדיגן יו"ט סוכות האט ווי א בליץ באטראפן די קרית יואל'ע באדן, אויסרופענדיג שאַלן פון פרייד ביי אלפי אנ"ש, וועלכע וועלן האבן די זכיה צו נהנה זיין מאורו פונעם רב שליט"א, מיטצוהאלטן די

# ריזיגע סוכה וועט אויפגעשטעלט ווערן ביים סטראטעגישן ווינקל ביים צענטראלן גארפיעלד גאס קאר. ווען ביורען אקעגן גרויסן ביהמ"ד

## אויפבוי פונעם סוכה הגדולה דורך ריזיגע מאן-שטאב קומט פאר אויפן שטח הת"ת צו פארמיידן ריזיגע טראפיק פארנט פון גרויסן ביהמ"ד

לעכטיגע תפילות אין גרויסן בית המדרש, די הייליגע נענועים און גראנדיעזע מעמדי שמחת שמחת בית השואבה.

ווי באקאנט ווערן די שבתים וואס דער רב שליט"א ווײלט אין שטאט, פארוואנדלט אלס א יום טוב, ווען דער גרויסער ביהמ"ד ווערט פארוואנדעלט אלס א תל תלפיות און אבן שואבת פאר טויזענטער תושבי העיר וועלכע ווילן מיטהאלטן די תפילות און שלש סעודות מיט'ן רב שליט"א.

דאן איז דאך פשוט אז ווען דער רב שליט"א וועט ווײלן אויף יום טוב זעלבסט אין קרית יואל רופט דאס אויס א זמן שמחה לכל, און עס איז ערווארטעט טויזענטער אנ"ש במשך דעם יו"ט.

צוליב דעם איז באשלאסן געווארן דורך די הנהלת הקהילה אויפצובויען א גיגאנטישער "סוכה הגדולה" פאר ק"ק קרית יואל, וואו מען זאל קענען אפרעכטן די געהויבענע מעמדי שמחת בית השואבה בצילו פונעם רב שליט"א.

נאכן איבערקוקן פארשידענע אפציעס אויפ'ן טיש איז באשטימט געווארן צו אוועקשטעלן דעם סוכה ביים אנהייב פונעם גארפיעלד גאס קאר. ווען ביורען פארנט פונעם בנין החסד. אויפ'ן גרויסן שטח, אל המקום אשר הכינותי. אקעגן איבער דעם גרויסן בית המדרש ווי דארטן וועט אוועקגעשטעלט ווערן דעם קרית יואל'ע סוכה הגדולה.

פארשטייט זיך און נעמענדיג אין באטראכט דעם ריזיגן טראפיק אויפ'ן צענטראלן גארפיעלד גאס פארנט פונעם גרויסן ביהמ"ד, און אין אכט נעמענדיג ווי יעדע ווינקל אויף גארפיעלד גאס ווערט אויסגענוצט מיט פארקינג, און כדי נישט צו פאראורזאכן א באלאגאן און סומאטאכע אינערהאלב די טראפיק קריזיס אויף גארפיעלד ראוד. איז באשלאסן געווארן דורך די הנהלת הקהילה צו אויפבויען צום ערשט די סוכה ביים שטח הת"ת אויף לארקין דרייוו און דערנאך עס אריבערברענגן צום שטח הסוכה הגדולה.

די הנהלת הקהילה איז געזיצן מיט די בארימטע 'אינדיגאו' פירמע וואס האט שוין א רעזעמע אויפצובויען בנינים אדירים פאר קהלתינו הק' לענגאויס די שטאט. און מען האט זיי אצינד ווידער איינגעשפאנט צו פארפיגן אויף די מלאכת הבנוי' פונעם סוכה הגדולה. באזונדער איז אויפגענומען געווארן א ריזיגע שטאב פון עסקנים צו אויסשטעלן דעם סוכה הגדולה מיט די מאקסימאלסטע מעגליכקייטן אהערצושטעלן טויזענטער זיץ ערטער מיט די מאקסימום כבוד הציבור ווי שטענדיג געוואוינט אינערהאלב קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל, כדאי אלעס זאל זיין עצהיו"ט ובכבוד הראוי.

אזוי אויך ווערט יעצט אויסגעארבעט דורך די הנהלת הקהילה די לעצטע דעטאלן פונעם יו"ט, די סדרי וזמני התפילות און מעמדי שמחת בית השואבה.

אין די זעלבע צייט ווערט דורך די הנהלת ביהמ"ד הגדול אויסגעארבעט די לעצטע פלענער פון די אויסשטעל פון די זיצן אין גרויסן ביהמ"ד פאר די טויזענטער אנ"ש וועלכע וועלן קומען מיטהאלטן די תפילות און נענועים פונעם רב שליט"א.

מער דעטאלן פונעם סוכה הגדולה און יום טוב ביים רב שליט"א וועט נאכפאלגן אין קומענדיגן נומער בס"ד.

**וזכינו לישב ימים רבים על האדמה אדמת קודש**





# רעצערווירט פאר דעם שבת

דאנערשטאג פרשת האזינו \\ ממחרת יום הקדוש

## צענטראלע
## קרית-יואל אתרוגים יריד



## א חידוש אפי' אין א געווענדליכע יאר
## פרייזן וואס עס איז נאך קיינמאל נישט געווען

אתרוגים || מארוקו / יאנעווע מיט פיטום'ס || לולבים דרי / קאליפארניע הדסים

דאנערשטאג פרשת האזינו \\ ממחרת יום הקדוש
פון 1:00 נ.מ. ביז 12:00 ביינאכט
אין די זאל פון פילמאר גארדן 11 Fillmore ct.

**מורא צדק אויפ'ן פלאץ**
הרב הגאון **ר' יואל יצחק שטערן** שליט"א
הרב הגאון **ר' יואל ברוין** שליט"א

Brainstorm | 845.444.6099


בס"ד
יו"ט סוכות
איז שוין אט
אָט דאָ!
די קופת
הקהלה
טשעקס
דארפן
שוין גרייכן
הונדערטער
פאסט
קעסטלעך!
דיין נדבה וועט דערלייכטערן הונדערטער אנ"ש
צוצוגיין צום יו"ט מיט הרחבת הדעת!
רופט אריין:
845.783.5688 #9
אדער אין די בתי מדרשים
קופת
הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

בס"ד

**ישיבה גדולה תורה ויראה**
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע

**דרבינו יואל מסאטמאר**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# רעגיסטראציע
# אין קרית יואל

## פאר די תלמידים פון אלע חלקים

## זונטאג פ' האזינו
הבעל"ט
## פון 1:00 מיטאג
## ביז 7:00 אווענט

## אין די קלאוו פלאזא זאל
**101 Forest Rd.**
**טעל: 718-782-7070 # 116-121**

נוצט אויס די געלעגנהייט, און שפארט אייך איין שפעטער צו דארפן פערזענליך אריינקומען קיין וויליאמסבורג צום צענטראלען אפיס.

**הנהלת הישיבה**


בס"ד
אנ"ש גיסן הארציגע נדבות
ברוח נדיבה
אנ"ש ערהאלטן הארציגע מתנות
בדרך כבוד
עס איז פאר אונזערע ידידים און קרובים, אנ"ש,
וואס תמיד זענען מיר זיך משמח בשמחתן,
יעצט וועלן מיר זיך מצטער זיין בצערתן,
און פארזארגען דאס צו זיין צום יו"ט!
קופת הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
רופט אריין:
845.783.5688 #9

הנה מה טוב ומה נעים שב"ת אחים גם יחד:

# התרגשות'דיגע אטמאספערע אין 'שכונת ויואל משה' מיט באנייאונג פון נייעם צענטראלן ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דק"ק קרית יואל; געהויבענע תפלות שב"ק נצבים און יו"ט 'ראש השנה' הבעל"ט אפגעהאלטן בהתאסף יחד תושבי השכונה כאיש אחד בלב אחד

**פתחו לי שערי צדק: פייערדיגע 'פתיחת הביהמ"ד' בליל שבת קודש נצבים מיט די באטייליגונג פון אלע תושבי השכונה, פלאמעדיגע דרשה געהערט דורך הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א מיט דברי הדרכה לרגל פתיחת שערי בית ה' — כולם נקבצו באו לך: מאסן צוזאמקום אינעם גרויסן היכל הביהמ"ד דורכאויס געהויבענע תפלות, אלע זיצן אנגעפילט עד אפס מקום מיט שטארקע דגוש פון די גבאים צו מכבד זיין די פילע באי בית ה' כראוי וכיאות, נדיבי הלב לאָזן זיך קאָסטן גרעסערע געלטער ביים עולה זיין לתורה פאַר'ן כבוד הביהמ"ד — כי ביתי בית תפלה: געהויבענע תפלות אונטער ערנסטע אַטמאָספערע אין די פארכטיגע ימי הדין מיט האַרציגע בעלי תפלות און ווארימע תקיעות שופר דרשה א חטיבה אחת פון התרוממות הנפש בקרב השכונה — לכבוד ולתפארת: איבערראַשונג ביים ציבור ווי "יעדער דעטאַל" קלאַפט אויפ'ן שענסטן טאַקט ביז'ן אויסשטאפירן דעם אוצר הספרים מיט הונדערטער ספרי קודש לתועלת הלומדים**

קרית יואל: והופע בהדר גאון עוזיך, על כל יושבי שכונת ויואל משה! אן אומבאשרייבליכער טיפע הרגש פון שמחה און התרגשות פון שמחה וחדוה און הודאה הערשט אין די גאסן פון די שכונת ויואל משה אומגעגענט, ווען מען האט בשמחת לב זוכה געווען צו באנייען דעם צענטעראלן ביהמ"ד פונעם שכונה, מיט'ן אפרעכטן די געהויבענע תפילות דעם פארלאפענעם שבת און נאכפאלגענדן יו"ט ראש השנה וואס איז ב"ה פאַראיבער אין אַ חטובה אחת פון התרוממות הנפש, אַלס אַ ריכטיגע רא"ש פארן נייעם יאר הממשמש ובא.

דאס עפענונג פון נייעם ביהמ"ד האָט ווירקליך געעפענט א נייע קאפיטל בקורת ימי קרית יואל ,א נייע גאלדענע עפאכע פארן ציבור אנ"ש, און תושבי שכונת ויואל משה והגלילות ,מיטלעבנדיג דעם פריידיגן מציאות ווען מען איז זוכה צו באנייען אזא הערליכן מקום קדוש, דעם בית מקדש מעט, דעם צענטראלן ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דקהל יטב לב, וועלכער איז דער גרעסטער ביהמ"ד אין דער שכונה און דינט אלס מאגנאט פאר אלע תושבי 'שכונת ויואל משה', בפרט פאר אנ"ש היקרים וועלכע ווילן זיך קלאמערן אויפן דרכו הסלולה פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע מייסד העיר, תחת נשיאת קדשו פון דעם רעיא מהימנא קדישא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

## ובהיכלו כולו אומר כבוד!

דאס הערליכער ביהמ"ד בית יקותיאל איז אויפגעשטעלט געווארן אין א שנעלע גאלאפ אויפן צענטראלן אוסטראה גאס מיט א פיבערדיגע מאנשאפט וואס האט אן אפשטעל מארשירט שטאפל נאך שטאַפל, און האבן טאקע באוויזן אין בליץ שנעלקייט דאָס אומגלויבליכע, אהערצושטעלן אזא פרעכטיג - רחבות'דיגע היכל ביהמ"ד, היכל עזרת נשים, בית הוראה, משמש שטיבל, חדרי תפלה, ברייטע אריינגאנג, רחבות'דיגע קארידאר וועלכע פירט צו אלע אָפטיילונגען, און גלייכצייטיג גרייט מען זיך אָט צו באַנייען דעם גולת הכותרת, די הערליכע מקוה וואס וועט בעז"ה געעפענט ווערן אויף דעם קומענדיגן זמן שמחתינו חג הסוכות הבעל"ט, און ווערט געבויעט מיט אלע חומרות והידורים פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע דורך די דייני הקהלה און הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א.

דאס גאנצע ביהמ"ד איז מייסטערהאפטיג אויסשטאָפירט געווארן מיט יעדן דעטאל, טישן בענק, ארון הקודש, אוצר הספרים און הונדערטער ספרי קודש איבערן גאנצן מערב וואַנט, אַלעס צוגעשטעלט און הערליך איינגערישט, מיט אַ רחבות'דיגן קאווע שטיבל און אלע צרכי ציבור.

א באזונדערע מודעה האט געצייגט די זיצן מאפע פונעם היכל מיט די נעמען, זריזים מקדימים, פון די פילע געקויפטע קביעות'דיגע זיץ ערטער דורך די תושבי השכונה. דאָס האָט צוגעברענגט באַלד נאָך דעם ערשטן שבת א געדרענג פון מתפללים, וועלכע האבן באלאגערט דעם משמש, זיך איינצוהאנדלען זיצן בעוד מועד, זעענדיג איבער שבת דעם גרויסן ציבור בליעה"ר זיך צו פארזיכערן מיט א זיץ אין 'שטאט' אינעם צענטראלן ביהמ"ד.

דאָס געשפרעך פון אלע תושבי השכונה איז הויפּטזעכליך געווען אז אַזאַ אומגלויבליכע סייעתא דשמיא איז בלויז צו פאַרדאַנקן די איבערמידליכע עבודת הקודש פון די געטרייע חברי הנהלה און וועד קרן הבנינים פון "קהל

יטב לב קרית יואל", וואָס מיט זייער גאלדענע רעפוטאציע צייגן זיי איינמאל און נאכאמאל אז "מען איז דא פארן ציבור"! מען בויעט און מען שטעלט אהער מיט א שלימות, ממסד ועד הטפחות, פון אל"ף ביז תי"ו און אלעס אינדערמיט, בלויז מיט דער הייליגער כוונה אוועקצושטעלן פרעכטיגע בתי מקדש מעט אין יעדן שכונה ושכונה לענגאויס קרית יואל רבתי. מען זשאלוועט און מען שפּאָרט נישט קיין געלט, מיה און פּלאָג, אלעס לרומם ולהגביר קרנות צדיק בכל גבולות העיר, אז די תושבי העיר און ציבור אנ"ש זאָלן קענען דאווענען אין סאַטמאַרער בתי מדרשים, כרצון צדיק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע, מייסד העיר ומרא דאתרא קדישא הדין.

ווירקליך, ברוב עזר ממעל, ובכוחו ובזכותו של אותו זקן, האט מען דעם פארלאפענעם שב"ק לסדר אתם נצבים כלכם לפני ה' אלקיכם ראשיכם שבטיכם כל איש ישראל, זוכה געווען צו באנייען און אראפשטעלן די יסודות השכונה.

דער ערשטער דערהויבענער שב"ק איז געפּראַוועט געוואָרן מיט דער באטייליגונג פון אלע תושבי השכונה, אנ"ש היקרים, ועל צבאם דייני קהלתינו הק' שליט"א. באַזונדער האָט זיך אָנגעזעצן די חברי הנהלת הקהלה און חברי וועד קרן הבנינים מיט דער באטייליגונג פון דעם סגן ראה"ק הרה"ח בונה ומקים עולמות של תורה, מו"ה ישראל חיים קרויס הי"ו.

גלייכצייטיג איז געווען קענטיג דאָס השתתפות פון די ראשי העיר און דעוועלאפער שטאב פון דעם הערליכן שכונה, כולם באו נקבצו, צו מיטלעבן דעם מאמענט ווען די שכונה ווערט דערהויבן מיט דעם רוחניות'דיגן חותם, די עטאבלירונג פון דעם בית נכון רם ונשא אין צענטער פון דער נייער געגנט, וואס דערמיט ווערט ערגענצט די פראַכט פון דער שכונה נאה, מיט איר פולן שיינקייט, ביז דעם אויפבוי פון דעם גרויסן בית המדרש החדש המפואר.

## וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך:

די געהויבענע יום טוב'דיגע שטימונג האט זיך שוין אייגנטליך אנגעהויבן בפניא דמעלי שבתא ערב שב"ק פרייטאג נאָכמיטאָג, ווען ס'איז אָפּגעראָכטן געוואָרן די התרגשות'דיגע 'מעמד קביעת מזוזה', מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסע צאל תושבי השכונה, א צאל חשוב'ע בעלי בתים, נדיבים ואנשי שם. איבערהויפּט האָט אַרויסגעשיינט די אָנוועזנהייט פון די חברי הנהלת הקהלה פון קרית יואל וועלכע זענען געקומען לרגל האי יומא דקא גרים פון הרחבת גבולי הקדושה דקהלתינו הק', און נאָך חשוב'ע אנשים מפוארים ובוני השכונה וועלכע האָבן באַשיינט די מאורע הנשגבה.

דער מעמד "קביעת מזוזה" איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויפ'ן הויפט ארייַנגאנג אויף אוסטראה-פּאַרקוועי. מען האָט געקלאַפּט די מזוזה אויף די שערי הביהמ"ד החדש און דערנאך אויף די אנדערע שערים לענגאויס דעם בנין, במעמד קהל ועדה. דער ציבור תושבי השכונה זענען זיך צונויפגעקומען און מיטגעהאלטן די קביעת מזוזות בין כותלי בי מדרשא הדין, מיט פרייליכע גליקליכע געפילן, פּאַקטיש צו באַנייען דעם ביהמ"ד החדש און פון דארט איז מען זיך צוגאנגען מיט די ריכטיגע הכנות לקבל שבת מלכתא דער געהויבענער שבת צו פאקטיש באנייען דעם ביהמ"ד החדש והמפואר.

## ויברכונו בבואם לביתי ביום קדשינו

כד עייל שבתא, לעת כניסת השב"ק, האָט זיך אָנגעזעצן אַ שטראם פון אלע עקן און געגענטער, ווען ס'דוכט זיך אויס ווי כל הדרכים מוליכין לפּונדק אחד, יעדער שפּאַנט מיט א שבת'דיגע שמחה אויסגעגאָסן אויף די געזיכטער, און אריינקומענדיג אין ביהמ"ד באַגריסט מען זיך, איש את רעהו, מיט א ליכטיגן פרייליכן "גוט שבת", ויפג לבם מלהאמין, אז מ'האלט שוין ב"ה דאָ, מ'קען זיך שוין צונויפקומען אין א רחבות'דיגן בית מקדש מעט, א סאטמארער ביהמ"ד במלוא מובן המילה – ויברכונו בבואם לביתי ביום קדשינו!

דער ציבור האט זיך נישט געקענט גענוג אפּוואונדערן ווי אדאנק די געטרייע כוחות פון די עסקנים האָט מען צוגעשטעלט דאס ביהמ"ד מיט אלע פּיטשוועקעס. ציכטיג-ווייסע טישטוכער, אַן עמוד תפלה, אַן ארון הקודש, סידורים, חומשים, ספרים, ליכט, קאַווע מיט מילך, און אַלע צוגעהערן וואָס אַ ביהמ"ד דאַרף צו האָבן.

די גבאים פון ביהמ"ד, וועלכע זענען קוים נתמנה געווארן צו זייער אַרבעט, האבן שוין אָנגעהויבן מיט אַ שווערע אויפגאַבע... נעמליך, דער שטראם איז געווען פיל העכער ווי דערוואַרטעט, און מ'האט זיך ארומגעזען מיט אַ מאַנגעל אין פּלאץ -- שוין ביי דער ערשטער תפלה אין ביהמ"ד!

## תוך אמוני עם סגולה בואי – די ערשטע תפלה בליל שבת קודש

זיך אומקוקנדיג אויף דעם ציבור המתפללים איז געווען אַ באַזונדער ערהאַבענע מחזה זיך צו איבערצייגן די שיינקייט פון דער שכונה מהוללה, וואס איז באשאנקן און געבענטשט מיט אַזויפיל חשוב'ע משפחות מסלתה ושמנה, דאָס סמעטענע וואס קרית יואל שטעלט מיט זיך פאר.

דער עולם איז אריינגעקומען מיט פרייליכע, אויפגעלייגטע פנימ'ער, מיט אַ שמחה דקדושה, עס האט זיך אנגעזען ווי יעדער איז אויפגעלייגט און איבערגענומען, אז מ'האלט שוין ב"ה דא, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה, אז מ'האט געקענט באַנייען דעם ביהמ"ד, פאר זיך און די קינדער, וואו מ'קען אפרעכטן די תפילות כראוי וכיאות, בקרב אנ"ש, אחים לדעה, יראים ושלמים.

די תפילות השב"ק זענען געווארן אפגעראכטן בראשות הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א דומ"ץ בית מרדכי לייב דקיט"ל וועלכער האט יורד געווען לפני התיבה צו תפלת מנחה מיט גרויס התעוררות. ווי שיין איז געווען ווען דער דיין שליט"א האט אויסגעשריגן 'הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו' און דער גאנצער ציבור תושבי השכונה זענען מיט א פייער מיטגעשלעפט געווארן אין א פלאמעדיגן מנחה וואס האט אפגעקלונגען איבער די שוין טונקעלע גאסן פון די שכונה, אפגעבנדיג א שבח והודי' פארן אויבערשטן, על כל הטובה והחסד אשר גמלנו, אלה וכאלה יוסף עמנו להגדיל שמו הגדול הגבור והנורא שנקרא עלינו!

נאך די געהויבענע תפלת מנחה האט דער באַליבטער גבאי, האברך ברוך הכשרון מו"ה פישל גאנץ הי"ו, צוגעגרייט דעם בימה אויפ'ן מזרח וואנט וואו דער דיין שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט אַ דרשה נפלאה, מלאים זיו ומפיקים נוגה, וועלכע האט געדינט אלס 'פתיחה דרשה' און יסוד בסיס פארן שכונה.

במטיב אמריו האָט דער דיין שליט"א פותח געווען בכבוד אכסניא ארויסהייבנדיג די געוואלדיגע חן פון דעם "שכונת ויואל משה", וואס איז געבויעט און האט זיך אויסגעשטעלט אלס א הערליכע בריליאנט בתוככי העיר רבתי מיט לויטער ערליכע איינוואוינער, ווי מען זעט דא אין ביהמ"ד בליעה"ר, אזא ערנסטער ציבור אברכים און בעה"ב חשובים, וועלכע זענען געקומען דא וואוינען בלויז צו קענען מגדל זיין ערליכע דורות, בתים נאמנים בישראל אין רבי'נס



שטאט כאוות רצונו קדשו.

דערביי האָט ער באַזונדער ארויסגעהויבן דעם הערליכן בית השם וואס די קהלה האט מיט כוחות עצומות באוויזן אהערצושטעלן במלוא הדרה, באַדאַנקענדיג זיך מיט די פאסיגע הכרת הטוב פארן געטרייען מזכיר הקהלה, הרב יושע אליעזר שטויבער הי״ו, און באַטאָנט דעם חיוב פון יעדן תושב צו שטיין לעזר ולימין למען קיום הביהמ״ד, ביז מען וועט, מיטן כח פונעם גאנצן ציבור אינאיינעם, בכל נפש ובכל מאוד, זוכה זיין צו באנייען דעם גרויסן ביהמ״ד לתפארת השכונה ההולכת ונבנית.

דאן האט דער דיין שליט״א אפעלירט אַז יעדער זאָל זיך טאַקע צייל צווישן די ׳הולכי ביהמ״ד׳ און פון די ׳עושי ביהמ״ד׳, צו זיין סיי פון די הולכין און סיי פון די עושין, צו קומען אין צייט און דאווענען אזוי ווי עס פאסט אין א סאטמארער ביהמ״ד מיט אן ערנסקייט און מתינות. ער האָט באַזונדער מעורר געווען איבער דעם חיוב און התחייבות צו דאווענען אין א סאטמארער ביהמ״ד וואס בלויז דאן שפירט מען זיך נתחייב מיט די תקנות און מיטן גאנצן אַטמאָספערע וואס הערשט אינעם ביהמ״ד, צו זיין א טייל פונעם ציבור ואל תפרוש מן הציבור.

לכבוד פתיחת ביהמ״ד האָט דער דיין שטאַרק מעורר געווען, מתובל בדברי הכנה לימים נוראים, איבער קביעת עתים לתורה און וויאַזוי דאָס געשטעל פון ביהמ״ד דאַרף זיין אַוועקגעשטעלט, אַז יעדער זאָל זען קובע מקום זיין בכל יום תמיד.

נאך די געוואלדיגע דיבורים האט מען מיט א ברען אנגעהויבן ׳לכו נרננה׳. מיט קבלת שבת איז נתכבד געוואָרן האי איש האשכולות, מוה״ר מרדכי אהרן קארצאג הי״ו, גבאי עמוד התורה פונעם בית המדרש, וועלכער האָט אויך געפּראַוועט אַ שמחה דעם שב״ק למז״ט.

די ערשטע תפלה בליל שבת קודש איז פאריבער מיט א גרויס דערהויבנקייט, און נאָכ׳ן דאווענען האט זיך אנגעזען די גוטמוטיגע אויפגעלייגטקייט ביי אלע מתפללים, און די גבאים האבן קלארגעשטעלט אַז צוליב דעם גרויסן אָנלויפעניש דעם ערשטן שבת, וועט מען אי״ה אין די נאָענטע טעג אַרבעטן מיט אלע כוחות צוצושטעלן זיצן פאַר יעדן איינעם לויט די בעסטע מעגליכקייטן.

דער ציבור איז אריבער גוט שבת זאגן פאר׳ן דיין שליט״א וועלכער האט כמים פנים ווארעם צוריק געוואונטשן און דאן האָט מען צושפרייט איבער די גאסן פון שכונה מיט געהויבענע געמיטער אין באגלייטונג פון די מלאכי השרת מלאכי עליון שיפקדנו בבואם לביתי.

## וביו״ם השבת שישו ושמחו – דער שמחה׳דיגער דאווענען שבת צופרי

בצפרא דשבתא האבן זיך ווידעראמאל צונויפגעזאמלט די תושבי השכונה ווען די גאנצע היכל איז איינגעהילט געווארן אין א קול תורה אין א שבת׳דיגע אַטמאָספערע, ווען טאטעס מיט קינדער און בחורים חברותות לערנען זייט ביי זייט זיך גרייטנדיג צו די געהויבענע תפילות שב״ק מיט א ווארימע קאווע צוגעשטעלט אינעם רחבות׳דיגן קאווע שטיבל, דורכ׳ן געטרייען משמש, הר״ר ליפא טעלער הי״ו, וועלכע פארפיגט אויף אלע הצטרכות׳ער פונעם ביהמ״ד.

צו דער באַשטימטער צייט האט מען זיך געשטעלט דאווענען אינעם נייעם גרויסן ביהמ״ד, בהשתתפות פילע אנשים חשובים, אנשי שם, וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די הערליכע מאמענטן בקרב השכונה. מיט די תפילות זענען נתכבד געווארן די בעלי שמחה און עס האָט אפגעדינערט א נשמת כל חי תברך, ווען ׳כל עצמותי תאמרנה׳ די לויב פארן מציל עני מחזק, קונה שמים וארץ.

מיט די עליות זענען נתכבד געווארן די ראשי הקהלה וראשי העיר וועלכע האבן געש׳נדר׳ט גרויסע געלטער פון פרנסי החודש, נר למאור, פאר די ווייטערדיגע עקזיסטענץ און אויפבוי פונעם ביהמ״ד, ביז איר גענצליכער שלימות מיט די מקוה נהדרה כלול ביפיה.

נאכן דאווענען איז אפגעראכטן געווארן די קידושא רבה לרגל שמחת הולדת הבת הנולדה למז״ט ביי האברך החשוב הר״ר מרדכי אהרן קארצאג הי״ו גבאי עמוד התורה, וואס האט גלייכצייטיג געדינט אַלס אַ קידוש לרגל חנוכת הבית, ווען דער ציבור וואונטשט זיך לחיים בפנים צהלות ושוחקות צום גרויסן מאָמענט.



## בני היכלא דכסיפין – תפלת מנחה וסעודת רעוא דרעוין

שב"ק לעת ערב נאָך תפלת מנחה איז געפּראַוועט געווארן שלש סעודות, אויף א הערליכן שיינעם פאַרנעם, בני היכלא דכסיפין ווי א ריכטיגער "סאטמארער שלש סעודות" מיט'ן גאַנצן ציבור שבת אחים גם יחד, אין אן ערנסטער אַטמאָספערע, בבי רעוא דרעוין.

עס האָט געוואַרעמט דאָס האַרץ וויאַזוי לאנגע רייעס זענען אויסגעזעצט מיט צענדליגער חשוב'ע יונגעלייט און בעלי בתים וועלכע זינגען די זמירות מיט אזא התעוררות און האלטן מיט די ווארימע שלש סעודות תורה במשנתו של מרן רביה"ק זי"ע, דורך הרה"ג ר' משה זאב שווארץ שליט"א מו"ץ בבית הוראה דקרית יואל, וואס דער ציבור האט געשלינגען מיט דארשט מיט א ריכטיגן כבוד בית ה'.

דערמיט האט זיך געשלאסן א געהויבענער שבת, וואָס איז געווען א קייט פון תפלות און ווארימקייט, וואָס האָט ב"ה אַראָפּגעשטעלט אַ נייעם גייסט פאר דער גאַנצער שכונה, לעלות מעלות רמות ונשגבות.

ובשירי דוד עבדיך הנשמעים בעירך:

# 'שכונת ויואל משה' פעדימט איין פרישע חברת תהלים שע"י קהל יטב לב פאר די הונדערטער ילדי תשב"ר תושבי השכונה

בזמן שהתינוקות מצפצפין בקולם:

## ניי חברת תהלים וועט צונויפזאמלען דעם שב"ק הונדערטער 'שכונת ויואל משה' קינדער פון אלע גאסן ארום צום צענטראלן אוסטראדה גאס אינעם היכל הגדול ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דק"ק קרית יואל

פרישע סניף פון שטאטישע חברת תהלים דקהל יטב לב וואס פינקציאנירט לענגאויס עיר רבתי אין אלע קהל'ישע בתי מדרשים וועט שטיין אונטער די געטרייע פלעגונג פון לאנגיעריגע עסקן פון חברת תהלים הרה"ח ר' מנחם יאקאבאוויטש הי"ו מחשובי התושבים

שכונת ויואל משה, גרויס פרייד נעמט ארום די הונדערטער תושבי השכונה מיטן מודעה וואס איז ארויסגעשטעלט געווארן דורכ'ן צענטראלן חברת תהלים דק"ק קרית יואל איבער דאס גרינגונג פון א פרישע רינגעלע אין די קייט פון חברת תהלים אין אלע בתי מדרשים לענגאויס קרית יואל רבתי דאסמאל "סניף שכונת ויואל משה".

פון אלע עקן שטאט הערט זיך ארויס יעדן שבת אינדערפרי די לויטערע קול פון די תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא וועלכע רייסן זיך ארויס פון בעט אין די גאר פריע שעות ווען די שטאטישע גאסן זענען נאך איינגעהילט אין די שבת'דיגע מנוחה און פון אלע עקן זעט מען מען פילע קינדער ילדי חן מאכן זייער וועג צו די קהלישע בתי מדרשים איינצורייסן למען הכלל והפרט בדבר ישועה ורחמים און היטן אפ אונזער שטאט מכל עקתין בישין.

די חברת תהלים קומט באגלייט אונטער די געטרייע אויפזיכט פון חשוב'ע מרביצי תורה וועלכע פירן אן מיטן מייסטערהאפטיגן פראגראם וועלכע ציהט וועכנטליך ילדי קרית יואל צו קומען און דאס מיטהאלטן און זיין א טייל פון די תוכנ'פולע שבת צופרי שעות.

מיטן גרינדונג פון חברת תהלים 'סניף שכונת ויואל משה' וועט פון היינט אויך פארקומען יעדן שבת אינדערפרי די בארימטער חברת תהלים אינעם צענטראלן ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דקהל יטב לב וואו די קינדער וועלן ערהאלטן פאסיגע געשאנקען און ווערדפולע קארטלעך, אריינצוברענגן א חשק און מתן שכרה בצדה.

דאס עטאבלירונג פון חברת תהלים "סניף שכונת ויואל משה" הייבט די גאנצע שכונה און דינט אלס סימבאל פון די פילע כוחות, מיה און פלאג דורך ק"ק קרית יואל אויפצוהייבן די רוחניות'דיגע ניווא און תורה'דיגע הנהגה אין אלע געגענטער לענגאויס קרית יואל. נאך די געוואלדיגע הצלחה פון אוועקשטעלן דעם צענטראלן ביהמ"ד וואס איז געווארן ווי א מאגנאט קראפט פאר אלע תושבי השכונה און זיך גרייטנדיג לכבוד יו"ט סוכות זמן שמחתינו צו באנייען דעם מקוה המפוארה און אוועקשטעלן בקרוב אויך אינעם שכונה א לשכת הוראה פון די צענטראלע בית הוראה דק"ק קרית יואל.

די הייליגע קאפיטלעך תהלים טוט זיכער דינען אלס שמירה פארן גאנצן געגענט און טוט מרומם זיין די קרנות צדיקים שלא ינוח שבט רשע על גורל הצדיקים אז די גויים זאלן נישט קענען שטערן אונזער ריינעם ערליכן חינוך הטהור און די קינדער זאלן קענען שטייגן און וואקסן על במתי התורה

**שכינה מדברת מתוך גרונם!**



## סליחות זכור ברית - במוצאי מנוחה קדמנוך:

נאך די געהויבענע תפלת מעריב, און וואונטשן א גוטע וואך צווישן די מתפללים ותושבים האט נאכגעפאלגט א הכרזה פונעם געטרייען גבאי איבער די זמן אמירת סליחות בתוככי השכונה.

אין די פריע פאַרטאָגס שטונדן איז טאַקע די סליחות פון "זכור ברית" פארגעזאגט געווארן מיט גרויס ווארימקייט דורך הרה"ח מו"ה חיים אלי' טייטלבוים הי"ו, מיט א גרויסע ציבור תושבי השכונה. דאָס האט נאכגעפאלגט מיט 'התרת נדרים' און חתימת שטרי פרוזבול אויף די פרוזבול המהודרים פון 'בית הוראה קרית יואל' וואס איז געווען אויסגעשפרייט איבער די טישן.

## הכל תלויברא"ש; לעכטיגע תפלות ראש השנה באַנייען דעם בית ה'

מיטן אריינקום פון נייעם יאר תשפ"ג לפ"ק האט זיך ווירקליך אנגעהויבן א פרישע התחדשות אין דער געגנט, ווען דער ציבור אנ"ש תושבי 'שכונת ויואל משה' זענען זיך צאַמגעקומען כאיש אחד בלב אחד באגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם. וואָס באמת זענען אלע תפילות באזונדער ווערד א קאפיטל פאר זיך, און ס'איז שווער צו שילדערן דאָס התרוממות, התעוררות, געהויבנקייט, און לעכטיגקייט וואס האט זיך געשפירט במשך אלע תפלות אין לויף פון דעם פאָרכטיגן ראש השנה. ת'הא ש'נת פ'ועלן ג'וטס.

די באי בית השם זענען אַלע געווען מסודר מיט פאראויס געדינגענע זיצן וואס איז פארקויפט געווארן אין די ערב יו"ט טעג ביים געטרייען משמש, וועלכער האָט זיכער געמאַכט אַז ס'איז פאַרהאַן גענוג פלאַץ מיט הרחבת הדעת פאר יעדן מתפלל, לקראת די ערשטע ימים נוראים בתוככי השכונה.

נאָך אַ התרוממות'דיגן תפלת ערבית ליל ראש השנה האָט דאָס "לשנה טובה וואונטשן" גענומען א לאנגע ווײלע ביז ווען דער גאנצער ציבור האט זיך געענדיגט וואונטשן און זיך באקענען מיט די נייע שכנים פון דער געגנט, צו מרבה זיין באהבה ואחוה ושלום וריעות וואס האט אַזוי אַרויסגעשיינט.

אויך שפעטער האָט די ברודערליכע שטימונג פאָרגעזעצט איבער די גאסן פון די שכונה, ווען מען האט זיך געטראפן מיט די תושבי השכונה מתפללים אין גרויסן ביהמ"ד וועלכע זענען ווארעם באגריסט געווארן דורך די 'שכונת ויואל משה' איינוואוינער וועלכע מאכן די וועג אריבער קיין אלט קרית יואל וואונטשן לשנה טובה פאר די עלטערן און רבני העיר שליט"א און פארן גרויסן גאסט הגה"צ רבי יואל שליט"א בנו יקירו פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

## כי ביתי בית תפלה יקרא!

דער גאַנצער יום טוב של ראש השנה איז אַריבער אַלס אַ חטיבה אחת פון די התעוררות'דיגע תפלות, ווען די בעלי תפלה, מכבדי ה' מגרונם, אינאיינעם מיט דעם גרויסן ציבור המתפללים, האָב ממליך געווען דעם אויבערשטן דאסמאל אין א שפאגל נייעם שכונה, פון וואו עס האט זיך די ערשטע מאל אַרויסגעהערט דעם הילכיגן "וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יצור כי אתה יצרת".

תפלת שחרית דעם ערשטן טאג האט פארגעדאווענט מיט געוואלדיגע ווארימקייט הרב אדוני' קרויס שליט"א מרביץ תורה במוסדות קרית יואל. די עליות זענען געקויפט געווארן פאר שיינע סכומים דורך די מתפללי ביהמ"ד.

הרה"ג ר' משה זאב שווארץ שליט"א מו"ץ בבית הוראה דקרית יואל, האָט משמיע געווען אַ וואַרימע דרשה תקיעת שופר, זייענדיג מעורר דעם ציבור אויסצונוצן די מסוגל'דיגע זמנים מתובל מפי ספרים וסופרים ובפרט ספרי דבי רב מרן רבינו הקוה"ט זי"ע.

דער בעל תוקע איז געווען הרה"ח מו"ה הלל פאזען הי"ו וועלכע האט געבלאזן אלע תקיעות בהידור, ווען דער קול שופר דינערט אפ צווישן די נייע שטאטישע גאסן און רופט פאר תשובה ותיקון המעשים. מוסף האט פארגעדאווענט הר"ר יוסף ברייער הי"ו מיט גרויס מתיקות און ווארימקייט.

דער צווייטער טאג שחרית האָט געדאַוונט לפני התיבה, הרה"ג ר' אברהם יודא פיש שליט"א, מיט אַ גרויס געפיל און רגש. מוסף האט געדאווענט הרב אדוני' קרויס שליט"א מרביץ תורה במוסדות קרית יואל מיט זיין נעימות'דיגן נוסח התפלה.

## פנת יקרת לכל ימות השנה!

נאָכפאָלגענדיג דעם שבת קודש און דעם זעלטן געהויבענעם ראש השנה זעצט דאָס ביהמ"ד ווייטער פאר צוניפצונעמען דעם ציבור אין די וואָכן-טעג, ווען די שערי הבית זענען פתוחים לרווחה, ללימוד התורה, מניני תפלה, חברותות, שיעורים און הוראה מדי לילה בלילה אינעם ספעציעלן "חדר הוראה" וואָס איז שוין פארוואנדעלט געווארן אין א "תל תלפיות" פאר אלע אברכים פון דער אומגעגענט לדרוש את דבר ה' ביים געהויבענעם דיין. אַזוי אויך ווירבלען און פיבערן די מנינים, און דער ציבור דערקוויקט זיך פון די אלע צוגעשטעלטע רוחניות'דיגע סערוויסעס.

אַזוי אַרום האָט דאָס פתיחת שערי הביהמ"ד החדש משלים געווען דעם שכונה, וועלכע האבן ביז היינט אזוי ארויסגעקוקט צו קענען זיך קובע מקום זיין אין א "סאטמארער ביהמ"ד" צו דאווענען מיט די קינדער, אונטער די ערליכע ריינע השקפה און אטמאספערע פון א ביהמ"ד תחת דגל מחנה קהלתינו הק', און אצינד מהיום והלאה שטייט דאָס פולקאָם גרייט ומן הבית הגדול והקדוש הזה תצא תורה ותפלה, ביז מ'וועט זוכה זיין בעז"ה בקרוב צו באַנייען דעם אויג-פארכאפנדן פערמאַנענטן בית גדול רם ונשא לתפארת כל קהל עדתינו, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ להגדיל קהלתינו הק' ולהאדירה ביתר שאת וביתר עז, עד ביאת גואל צדק ומלכינו כ"ק מרן רבינו שליט"א מרא דאתרא קדישא בראשינו בבב"א.

**זה היום קוינו לו – וילכו מחיל אל חיל!**

# מאנטאג י"ג מידות, יאָרצייט פון הרב החסיד המפורסם ר' בנימין צבי הכהן בערקאָוויטש ז"ל

## לאַנגיעריגער ציר נאמן פון מרן רביה"ק זי"ע אַלס מנהל פון "בית רחל"




קרית יואל. – דעם קומענדיגן מאנטאג, ח' תשרי, י"ג מידות, פאַלט אויס די יאָרצייט פון איינעם פון די חשוב'סטע מזכי הרבים בדורנו און פון די נאָענטסטע מקורבים בקודש הקדשים מרן רבינו הק' זי"ע, ה"ה הרבני החסיד המפורסם איש האשכולות מוה"ר בנימין צבי הכהן בערקאָוויטש ז"ל, לאַנגיעריגער מנהל רוחני פון די סאַטמאַרער מיידל שולע "בית רחל".

דער בלויזער נאָמען "ר' בנימין הערש בערקאָוויטש" איז געווען אַזאַ שם דבר צווישן תלמידי וחסידי סאטמאר בפרט און שלומי אמוני ישראל בכלל, וועלכער האָט בחיים חיותו זוכה געווען צו זיין פון די "לייב-גוואַרדיסטן" ביים רבי'ן זי"ע. נאָכ'ן הסתלקות האָט ער ווייטער איבערגעגעבן פאַר די פרישע דורות וואָס ער האָט מקבל געווען פון רבי'ן זי"ע, וואָס דאָס האָט ממשיך געווען דעם קשר פון די פרישע דורות מיט'ן אילנא דחיי.

עס איז שוין אַ סאַך געשריבן געוואָרן אָפּצושאַצן דעם חלל וואָס עס האָט זיך געשאַפן מיט זיין פטירה, דער איש האשכולות וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַזויפיל אין יעדן הינזיכט, זיין התמדת התורה, זיין פייערדיגער דאַווענען, זיין עוסק זיין בצדקה וחסד אויף אַ וועלטס פאַרנעם אין וואָס ער איז געווען אַ חד בדרא אין פולן זין פון וואָרט, זיין זעלטענעם ענוות חן וויאַזוי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו יעדן איינעם מיט אַזאַ סבר פנים יפות, און זיינע שטענדיגע ברכות כהן מיט וואָס ער האָט יעדן באַגאָסן מיט אַזאַ מין אהבת ישראל.

און איבער אַלעמען זיין עבודת הקודש וואו ער האָט יאָרן לאַנג געדינט אַלס מנהל פון "בית רחל דסאַטמאַר" זייענדיג דער שליח נאמן וועמען מרן רבינו הק' זי"ע האָט פאַרטרויט מיט דעם ענין חינוך הבנות, וואָס ס'איז נישט שייך צו באַשרייבן וויאַזוי דער איד איז געגאַנגען פאַר'ן רבי'ן זי"ע אין פייער אויסצופירן רצון קדשו, און זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרנישט אויף דער וועלט.

עס איז זיכער אַז די אַלע טויזנטער אידן ובפרט די בנות ישראל וועלכע האָבן אַזוי נהנה געווען פון אים, וועלן אים אינזין האָבן אין טאָג פון זיין יאָרצייט און טון פעולות טובות לע"נ ר' בנימין צבי בן ר' דוב הכהן ע"ה, און ער וועט אוודאי זיין אַ מליץ יושר פאַר זיי.

ויה"ר אַז אַזוי ווי ר' בנימין הערש ז"ל בחיים חיותו האָט זיך געפריידט ווען אימער ער קען געבן אַ ברכה פאַר אַ איד און אַ ברכת כהן, אַזוי אויך זאָל ער בשמי מרומים זיין דער מליץ יושר פאַר זיינע חשוב'ע בני המשפחה און גוטע פריינד, להוושע בכל משאלות לבם לטובה.


בס"ד
63 פראצענט
'קופת הקהלה
טשעקס' האבן
שוין דעקונג!
אינאיינעם
וועלן מיר
שאפן
דעקונג
פאר אלע!
קופת
הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
רופט אריין:
845.783.5688 #9
אדער אין די בתי מדרשים

## דורכברוך בעולם הכוללים:

# לומדי "כולל סאַטמאַר קרית יואל" וועלן ערהאַלטן לכבוד יו"ט מאַסיווע "געשעפטן דיסקאונטס" דורך מפעל הכביר "חסדי גאלדא ורבקה"

**נדבת הרבני הנגיד מגדולי תומכי הכולל, מוה"ר אברהם בנימין קרויס הי"ו — פטרון "חסדי גאלדא ורבקה", בשותפות הרבני הנגיד המרומם מוה"ר מענדל שווימער הי"ו ראה"ק**

### פרישע פילאנטראפישע סומע בייגעשטייערט דורכ'ן נדבן הדגול, אלס פרישע גראנדיעזע חלוקה פאר די אריבער 500 רבני הכולל, מיט'ן געניאלן וויכטיגן חידוש פון צרכי החג אינעם ירח האיתנים, אין צוגאב צו צענטראלע פסח-חלוקה

### דראסטישע דיסקאונטס וועלן אריינשטראלען א שמחת המועדים בבתי הלומדים, מיט'ן שפארן גאר אסאך געלט פון די קאסטבארע אויסגאבן אינעם ימים טובים סעזאן, ספעציעל אין די יעצטיגע עפאכע פון יקרות וואס רופט זיך שווער אפ איבערהויפט ביי די קינדער-געבענטשעטע משפחות לומדי תורה

# גאר שטארקע דיסקאונטס ווערט צוגעשטעלט פאר די הויפט קאסטן אין חודש תשרי, ווי פאלגענד:

**50% פאר "פיש" ארדערס אום חודש תשרי**

**25% פאר "ד' מינים" איינקויף ביים אתרוג סוחר**

**35% פאר "קליידונג" אין 'פרינצעס בוטיק' געשעפט**

מיט אותות הערכה ווערט אויסגעדרוקט די הכרת תודה פאר'ן פטרון הנעלה, הרבני הנגיד ר' אברהם בנימין הי"ו, וועלכער זעצט פאר מיט זיינע ענדלאזע פעולות נשגבות צו פארלייכטערן פאר די לומדים, און מרים זיין קרן התורה באופן גבוה ונעלה, בכל נימי נפשו, גופו ומאודו

# געהעכערטע "תורתי" זעצט פאָר מיט התלהבות'דיגע גאַלאָפּ אין צענטראַל-פונקט פון "תקופת העולים"

לולא 'תורתי' שעשועי:

פּרוכטבאַרע פּועל יוצא פון אַקטיווע 'תורתי' באַזע מיט הונדערטער וועכנטליכע תומכים, שיינט ווידער אַרויס מיט אַ "דריטן בין הזמנים" וואס די לומדים ווערן נישט קאַסירט די "כולל התחייבות"

כולל-התחייבות עלימינירונג דינט אַלס באַזונדערע געבענטשטע הכנסת אורה אין די שטובער פון די לומדים לכבוד יו"ט מיט די גרויסע הוצאות החג

כולל סאטמאר קרית יואל
זכות תורתי
$31 לשבוע

צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה

קהל יטב לב ד'סאטמאר

# בצל תומר

מועדים לשמחה חגים וזמנים

בצלא קדישא עלאה
של איתן אדונינו הוד
כ"ק מרן רבינו
עט"ר שליט"א

וְתֶאֱסוֹף גָּלֻיּוֹתֵנוּ לְחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ

שע"י קהל יטב לב דסאטמאר

שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי

## כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ:

# אש"ל עסקנים

## אין אַלע סאַטמאַרער צענטערן

צו העלפן דעם ציבור אנ"ש בכל מקומות מושבותיהם זיך מסדר זיין מיט אש"ל אויף די

**צווייטע טעג - בצלא קדישא עלאה**

**קרית יואל**
מוה"ר **משה יחזקאל פערלמוטער** הי"ו
845.274.6494

**בארא פארק**
מוה"ר **שמואל נתנאל ראזענבערג** הי"ו
347.461.8622

**מאנסי**
מוה"ר **שמעון ליבערמאן** הי"ו
917.617.1859

**קרית יטב לב**
מוה"ר **מענדל ווייס** הי"ו
845.239.8916

**לעיקוואוד**
מוה"ר **יואל הערש לאנדא** הי"ו
347.213.9944

**מאנטריאל**
מוה"ר **יעקב יושע ראזענבערג** הי"ו
4384086544

**ארצינו הקדושה**
מוה"ר **יואל עקשטיין** הי"ו
0533150809

**לאנדאן**
מוה"ר **פנחס הערצאג** הי"ו
07391682600

## למען טובתכם!

די געטרייע עסקנים שטייען גרייט אייך צו העלפן זיך מסדר זיין אויף אש"ל צו קענען זיך מסתופף זיין בצלא דמהימנותא, אבער היות די דירות-אויסוואל איז זייער ענג.

**דעריבער ווי פריער איר טוט זיך איינמעלדן אלס בעסער וועט מען אייך קענען מסדר זיין מיט א געשמאקע דירה לשביעת רצונכם.**

וכל הקודם זכה!

בברכת שמחת יום טוב
**ועד האש"ל**

בס"ד

# זמני הוראה
## לחודש תשרי הבעל"ט

24 שעה על ההוראה ליין:
**845.783.0546**

לשכת בית הוראה - מול ביהמ"ד הג':
**6 גארפיעלד רד. 013#**

מען קען הערן די נומערן און אדרעסן פון אלע דיינים, אזוי אויך צו פארבינדן
דירעקט צו איינע פון די דיינים רופט אויף די הוראה ליין עקסטענשאן 5#

**ערב ראש השנה • ערב יוה"ק • ערב סוכות • ער"ש חוה"מ**
כל היום עד זמן הדלקת הנרות רק על הטעלעפאן

**ד' וילך, צום גדלי'**
משעה 11:00 עד 7:00 אחצ"ה, ומשעה 9:00 עד 10:10 בערב

**עש"ק וילך • עש"ק האזינו**
כרגיל: משעה 10:00 עד 2:00 אחצ"ה
ועד זמן הדלק"נ על הטעלעפאן

**מוצש"ק וילך • מוצש"ק האזינו**
משעה 10:00 עד 11:30

**ביום ה' וילך - א' - ב' - ג' האזינו**
ישבו בלשכת בית הוראה ב' מורי הוראה
במיוחד לאלו הבאים עם הד' מינים
משעה 4:00 עד 7:00 אחצ"ה ומשעה 8:00 עד 10:30

**ימים הראשונים של חג הסוכות**
10 מינוט קודם מנחה ו10 מינוט אחר מעריב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול

**חול המועד יום ד' ויום ה'**
משעה 5:30 עד 7:30 בערב

**הושענא רבא**
משעה 2:00 עד זמן הדלק"נ על הטעלעפאן

**שמיני עצרת אחצ"ה**
15 מינוט קודם מנחה בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול

בית הוראה
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

בס"ד

# בית הוראה
## דקהל יטב לב
## סאטמאר
## קרית יואל

והודעת להם
את הדרך
ילכו בה
ואת המעשה
אשר יעשון

לשכת בית הוראה:
**6 Garfield Rd #013**
מול בית המדרש הגדול
**845.783.5688 #3**

ZAZERS
**COLOR FREE TAFFY**
$3.49

ZAZERS
**CANDY**
EXTRA SOUR CHEWS GREEN APPLE
$2.99

BISNO
**OREO COOKIES**
2/$2.49

HADDAR
**OLIVE OIL**
1 LTR.
$5.49

KEDEM
**SPARKLING**
ALL FLAVORS
25 OZ
3/$9.49
REG. $10.99

GEFEN
**VANILLA SUGAR**
2/$5.49

GEFEN
**TOMATO SAUCE**
15 OZ
3/$3.49

GEFEN
**CHOCOLATE CHIP**
2/$3.99

ONEG
**CAPTAIN COOL ICES**
3/$3.49

PEPPERMINT
**SOUR BITES**
ALL FLAVORS
28 OZ
$3.49/LB.

# FRIDGE FREEZER

MEHADRIN
**POUCH YOGURT**
4/$4.49

MEHADRIN
**LEBEN**
FAMILY PACK
$12.49

DAGIM
**SHLISHKES**
$5.99

DAGIM
**POTATO KNISHES**
$4.49

GOLDEN FLOW
**CRINKLE CARROTS**
2/$3.00

JJ
**SWISS YIGURT**
STRAW/VANILLA
$3.49

JJ
**WHIPPED COTTAGE CHEESE**
2/$8.99

# HOUSEHOLD

NER MITZVAH
**1 DAY CANDLE**
3/$1.99

NER MITZVAH
**1 DAY CANDLE WAX**
2/$5.00

NER MITZVAH
**NEIRONIM**
6 HR
$9.99

LAURA STEIN
**GOLD BOWL COMBO**
5 & 12 OZ
$8.49

LAURA STEIN
**SILVER PLATE COMBO**
7" & 10"
$8.49

LAURA STEIN
**SILVER BOWL COMBO**
5 & 12 OZ
$8.49

LAURA STEIN
**HAMMERED SILVER CUTLERY SET**
2/$5.00

LAURA STEIN
**HAMMERED GOLD CUTLERY SET**
$3.99

LAURA STEIN
**GOLD PLATE COMBO**
7" & 10"
$8.49

PRO GRADE
**LATEX GLOVE**
ALL SIZES
$3.99

SETTINGS
**CANDLE HOLDERS**
2/$3.49

LAURA STEIN
**LINEN STYLE EASY SET NAPKINS**
$6.99

SETTINGS
**ALUMINUM FOIL**
150 FT
$4.49

DISPOSABLE
**COUNTER SAVER**
SM/LARGE
$4.49

PLASTI PLUS
**TABLECOVERS**
ALL SIZES
$7.99

PRO PACK
**TRASH BAG**
13 GAL
150 CT
$14.49

EMBELISH
**TUMBLERS**
7 OZ
2/$3.00

PEPPERMINT
**SOUP SPOONS/FORKS/TEA SPOONS**
$3.49

GEFEN
**PARCHMENT PAPER**
12X50
2/$5.49

PLASTIMADE
**ZIP N CLOSE CHALLAH BAGS**
2 GAL
2/$3.49

# MANY MORE IN-STORE SPECIALS

*WITH MINIMUM PURCHASE OF $25.00 OF NON SALE ITEMS *IN STORE ONLY **WHILE SUPPLIES LAST ***VALID SEP 18 - OCT. 09


SHOP LEKUVED YOM TOV
on our expense.
HADDAR GRAPE JUICE 8/$32.99
GLICKS APPLE JUICE 8/$20.99
PEPPERMINT TISSUES 30/$19.99
PEPPERMINT CUPS 12/$12.99
CASES
PLASTX PLATES 5 & 12 OZ 8/$18.99
PLASTX PLATES 7 IN 8/$25.99
PLASTX PLATES 9 IN 4/$18.99
GROCERY
GEFEN SESAME SEEDS 8 OZ 2/$3.49
HADDAR HONEY 2 LB $4.49
GLICKS HONEY 5 LB. $13.99
UNGERS HONEY BUZZERS $5.99
BGAN CRANBERRY JUICE 64 OZ 2/$4.49
GRAIN BRAIN ORGANIC SUGAR 5 LB $7.99
GRAIN BRAIN WHITE SPELT FLOUR 6 LB $13.99
LUNDEBERG BASMATI WHITE RICE 32 OZ $4.99
SCHWARTZ BAKING CHOCOLATE 2/$5.99
CARMIT CHOCOLATE MILK/WHITE /RICE CRISPIES 5/$5.00
HADDAR CANOLA OIL SPRAY 1 LTR. 3/$5.00
ZAZERS SIPPIES ALL FLAVORS $4.99
ZAZA TRI BALA STRAW/TRAINBOW/ FRUTOMILA $5.99
Peppermint supermarket
845.492.8777 | 33 DINEV RD.
www.peppermintsupermarket.com | orders@peppermintsupermarket.com

# וועלט אידנטום גרייט זיך מיט גרויס עקסטאז צו מגבית $54 כופר נפש - אתרא קדישא

כופר נפש אתרא קדישא ערב יום הקדוש

## דבר ד' זו הלכה! צוויי און פערציגסטער ערב יום הקדוש פדיון נפש פאר אתרא קדישא

וואודבארי, קרית יואל. - די פילצאליגע אאין אלע גרעסערע שטעט און ישובים וואו עס געפונען זיך צענטערן פון אחינו בני ישראל החרדים לד' ולתורתו גרייט מען זיך מיט גרויס התרגשות צו די ריזיגע פדיון נפש פאר די הייליגע וועלט בארימטע ארגאניזאציע "אתרא קדישא", וועלכע ווערט דורכגעפירט בס"ד מדי שנה בשנה לויטן פסק פון גדולי ישראל נבג"מ ולהבחל"ח החיים אתנו לאוישט"א. דער מעכטיגער מגבית "כופר נפש" ערב יום הקדוש תשפ"ג הבעל"ט נעמט ארום הונדערטער עסקנים חשובים ונכבדים וועלכע געבן אוועק פון זייער טייערע שעות און מינוטן אין דעם פארנומענסטן טאג פון יאר, כדי צו האבן די זכיה צו צולייגן א האנט אין די הצלחה פון די געלט אקציע, וואס איז פון די צענטראלע הכנסות פון אתרא קדישא, און לויט דעם סוקסעס פון די כופר נפש איז אפהענגיק דער פארנעם פון די רעטונג ארבעט פון אתרא קדישא במשך דעם נייעם יאר הבעל"ט.

גדולי ישראל וועלכע האבן מיט 42 יאר צוריק באשטימט די מינימום התחייבות צו 18 דאלאר א משפחה, שאצענדיג לויט די ווערט און איינקויף קראפט פון דאלאר אין יענע צייטן. נאכדעם וואס מ'האט היינט צוטאג איבער געשאצט די ווערט פון דאלאר איז באשטימט געווארן אז היינט צו טאג איז דער דאלאר געפאלן בערך צו א דריטל פון דעמאלט'דיגן ווערד. און א סכום פון פיר און פופציג דאלאר היינט איז ווערט דאס זעלבע ווי אכצן דאלאר דעמאלט. און אתרא קדישא רופט דעם צבור אויסצופירן דעם פסק הלכה פון גדולי ישראל פון דריי דורות צוריק אוןביישטייערן יעדער ראש המשפחה $54 [דהיינו דריי מאל ח"י].

מערקווערדיג ביז גאר אז היי יאר איז די ארבעט פון אתרא קדישא פילפאכיג צובריייטערט סיי אין ארץ הקודש סיי אין אויסלאנד, אין א"י ווערן דורכגעפירט ריזיגע בוי פראיעקטן, עס זענען געפלאסטערט געווארן לארכה ולרחבה נייע שאסייען, ריזיגע הייוועיס לויפן דורך פון צפון צו דרום. דאס אלעס איז פארבינדן מיט ריזיגע צאל חפירות מיט שווערע גראב מאשינערייען, בולדאזערס, גאר טיפע בארערס, ואו"ו. אזוי אויך שפראצן ארויס נייע געגענטן שטעט, שכונות, מיט טויזנטער נייע געביידעס פאר יונגע פארלעך. אומעטום פאדערט זיך די עקספערטיז פון אתרא קדישא צו ערשט צו באשטימען צו איז פאראן א חשש א אויף א אור אלטן בית הקברות, מערות כוכין, און אויב יא, הייבט זיך אן די שווערסטע טייל דערפון. צו געפונען א לעזונג צו ראטעווען די קברים, זיי זאלן חלילה נישט חרוב ווערן אין די הענט פון די מזיקים.

אין חוץ לארץ איז היי יאר פארגעזעצט געווארן די באמיאונגען אנגעפירט פון דעם בארימטען יחיד מומחה הרב חזקי' קאלמאנאוויטש שליט"א. אין שטעט פון מזרח אייראפע, גלייכצייטיג ווערט ארגעזעצט די הייליגע ארבעט צוריק צו שטעלן דעם כבוד פון דעם ריזיגען אור אלטן באסאטין בית עלמין אין קאירא עגיפטן, מיט די הילף פון עגיפטישע אפשטאמיגע אין ניו יארק. אין איטאליע זענען געברענגט געווארן צו קבורה די הייליגע עצמות פון תקופת בעלי התוספות וואס זענען צוגערויבט געווארן דורך איטאליענער ארעאלאגען. לויט געוויסע מיינונגען איז אין דעם ביה"ח באהלט רבינו חננאל פון די בעלי התוספות. גלייכצייטיג גייען אן די באמיאונגען און קאאפעראציע צו פארזיכערן דאס אפהיטן אור אלטן ביה"ח אין די שטאט מענטאווע דאס רוה ארט פון המקובל הא' רבי מנחם עזרי', רמ"ע מפאנו זי"ע בעל מחבר עשרה מאמרות, און נאך גדולי עולם.

דער ריזיגער פארנעם פון בוי און אנטוויקלונג פאדערט נאך און נאך הענט פון עסקנים איבערגעגעבענע יראי ד' און עקספערטן. טייל פון די עסקנים געפונען זיך לאנגע במשך די וואך אין עגיפטן אין איטאליע און אנדערע מקומות, ווייל צוליב די סענסיטיוויקייט פון די הייליגע ארבעט קען מען נישט לאזן די פראיעקטן אן פיקוח.

די אויגן פון הנהלת אתרא קדישא זענען געווענדן צו אחינו בני ישראל און ארייננגייענדיג אין דעם גרויסן הייליגן טאג ווען ס'איז דער גמר החתימה, און ספרי חיים וספרי מתים מונחים בעט מען זיך צו יעדן איד מיט א פינטל ווארעמקייט, עשה למען אוהביך שוכני עפר, אין אייער נדבה ווענדעט זיך דער שיקזאל פון פילע טויזנטער ישני עפר קדושי עליון, וועלכע וועלן געוויס נישט שולדיג בלייבן, נאר וועלן ארויפגיין און מליץ יושר זיין ביים כסא הכבוד פאר די וואס טוען מיט לב ונפש זיי צוראטעוועו פון בזיון און חרפה. בשעת איר געט אייער נתינה ביים טישל עיוה"ק געדענקט פאר וועלכן דערהויבענעם צוועק דאס גייט, נישט יעדן טאג מאכט זיך אזא געלעגענהייט, זיך איינצהאנדלען אזעלכע מליצי יושר, עשה למען אוהביך שוכני עפר, אין זייער זכות לעבן מיר און עקזיסטירן מיר, און בזכות זה וועט איר פארשריבן און פאר'חתמט ווערן איר און אייער גאנצע משפחה צו א גמר חתימה טובה און די תפלות זאלן אנגענומען ווערן לרחמים ולרצון, אכי"ר

בס"ד

### לוח הזמנים לעיר קרית יואל פרשת וילך - האזיני תשפ"ג

| Day Month | צאת הכוכבים ר"ת | שקיעת החמה | הדלקת הנרות | פלג המנחה מג"א | מנחה קטנה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה גדולה מג"א | חצות היום | סוף זמן תפלה גר"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן ק"ש מג"א | הנץ החמה | עלות השחר | פרשיות ימים טובים | יום לחודש | יום | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Sep. 29 | 7:54 | 6:42 | | 6:25 | 4:56 | | 1:23 | 12:47 | 10:48 | 10:24 | 9:12 | 6:51 | 5:39 | | ד תשרי | חמישי | וילך |
| Sep. 30 | 7:53 | 6:40 | 6:25 | 6:24 | 4:55 | | 1:22 | 12:47 | 10:48 | 10:24 | 9:13 | 6:52 | 5:40 | | ה תשרי | ששי | |
| Oct. 1 | 7:51 | 6:38 | | 6:22 | 4:54 | 1:57 | 1:22 | 12:46 | 10:48 | 10:24 | 9:13 | 6:53 | 5:41 | שבת שובה | ו תשרי | שבת | |
| Oct. 2 | 7:49 | 6:37 | | 6:21 | 4:53 | | 1:21 | 12:46 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:54 | 5:42 | | ז תשרי | ראשון | האזיני |
| Oct. 3 | 7:48 | 6:35 | | 6:20 | 4:52 | | 1:21 | 12:46 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:56 | 5:44 | שלש עשרה מדות | ח תשרי | שני | |
| Oct. 4 | 7:46 | 6:33 | 6:18 | 6:18 | 4:51 | | 1:21 | 12:45 | 10:48 | 10:24 | 9:14 | 6:57 | 5:45 | ערב יום כיפור | ט תשרי | שלישי | |
| Oct. 5 | 7:44 | 6:32 | | 6:17 | 4:50 | 1:55 | 1:20 | 12:45 | 10:49 | 10:25 | 9:15 | 6:58 | 5:46 | יום כפור, יזכור | י תשרי | רביעי | |
| Oct. 6 | 7:43 | 6:30 | | 6:16 | 4:49 | | 1:20 | 12:45 | 10:49 | 10:25 | 9:15 | 6:59 | 5:47 | | יא תשרי | חמישי | |
| Oct. 7 | 7:41 | 6:28 | 6:13 | 6:14 | 4:47 | | 1:19 | 12:44 | 10:49 | 10:25 | 9:15 | 7:00 | 5:48 | תקופה 4:00 PM | יב תשרי | ששי | |
| Oct. 8 | 7:39 | 6:27 | | 6:13 | 4:46 | 1:53 | 1:19 | 12:44 | 10:49 | 10:25 | 9:16 | 7:01 | 5:49 | | יג תשרי | שבת | |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוו"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM

# בית המדרש דק"ק דינוב באנייעט און אפגעקויפט נייער ביהמ"ד פאר'ן קהלה אויפן צענטראלן ווען ביורען גאס

## נייע פראכטפולע מקוה וועט אויפגעבויעט ווערן אויפן ערשטן שטאק פונעם בנין מיט חדרי תפלה לשבתות ולימות החול

שוין אַ לענגערע צייט וואָס דאָס בית המדרש דרכי תשובה דינוב, שיינט אַרויס ווי אַן אבן יקרת אין דער שטאָט קרית יואל רבתי, אַלס אַ קרן אורה פון תורה ותפלה אויף אַ געהויבענעם שטייגער, דינענדיג אלס געהויבענער ווינקל פאר אברכים יקרים, יוצאי ישיבת דינוב און חסידים ואנשי מעשה מיט אַ שייכות צו דער הייליגער גזע פון די צדיקים הק' לבית מונקאַטש זי"ע.

דאס ביהמ"ד האט זיך פארמירט במתי מעט דורך תלמידי ויוצאי הישיבה און האט זיך שוין זינט דאן עטליכע מאל פארברייטערט ווען עס איז נתרבה געווארן ספסלי ביהמ"ד מיטצוהאלטן די ווארימע תפילות שב"ק. עס איז אַן ערהאַבן בילד צו צוקוקן ווי די חשוב'ע אברכים קומען זיך צוזאמען בדיבוק חברים אין אַ געהויבענער שטימונג לחזק ולהתחזק בתורה ועבודת ה'.

זינט די התייסדות הביהמ"ד איז איינגעשטעלט געוואָרן אַז פון צייט צו צייט קומט צו פאָרן אַ קינד אָדער אייניקל פון רבי'ן שליט"א צו פראַווען בצוותא חדא מיט די חשוב'ע אברכים הצמאים לדבר ה', יוצאי ישיבת דינוב. די ביהמ"ד האט די כבוד יעדע עטליכע שבתים אויפצונעמען צו גאַסט הגה"צ דומ"ץ ור"מ דינוב שליט"א, וועלכער קומט לעשות את השבת אָפּצורעכטן אַ שבת בקרב התלמידים אין קרית יואל בביהמ"ד דקהל דרכי תשובה דינוב.

דער דיין וראש ישיבה שליט"א קומט ספּעציעל ארויס אויף שבתים צו פראַווען בצוותא חדא מיט די חשוב'ע אברכים הצמאים לדבר ה', פאַר תלמידי ישיבת דינוב. במשך די אלע שבתים איז גאר אַן ערהאַבן בילד צו צוקוקן ווי די חשוב'ע אברכים קומען זיך צוזאמען בדיבוק חברים אין אַ געהויבענער שטימונג לחזק ולהתחזק בתורה ועבודת ה'. און איז כסדר משמיע שיינע ענינים בדברי חיזוק מפי ספרים וסופרים משולב בדברי מוסר והתעוררות, באַגלייט מיט הערליכע טרעפליכע בחינות פון וואָס די תלמידים זענען נהנה במלוא חפנים זייענדיג כמים קרים על נפש עייפה.

מיט א האלב יאר צוריק האט דאס ביהמ"ד זוכה געווען לנתעטר בכתר עטרה ווען פארלאפענעם פרשת פקודי האט כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א, זיך פערזענליך משתתף געווען ביים "מעמד התמנות" פאַר'ן נייעם דיין ומורה צדק הרה"ג רבי יואל יצחק שטערן שליט"א צו שטיין לשרת בקודש אין שפיץ פון קהל דרכי תשובה דינוב קרית יואל.

דאָס ביהמ"ד וואָס איז נתייסד געוואָרן סיון תש"פ אַלס אַ פינת יקרת פאַר תלמידי וחסידי דינוב אין קרית יואל, האט זיך אין די קורצע צייט געדארפט אריבערקלייבן צו א גרעסערן לאָקאַל אין האַרץ פון שטאָט, אויף 6 שינאווא קאָורט, וואו דארט זענען אפגעראכטן געווארן די ווארימע תפילות שבת ויו"ט עפ"י נוסח דינוב-מונקאטש מידי שבת בשבתו.

דאס ביהמ"ד שטארט ארויס מיט איר געוואלדיגע ערנסטקייט און מורא מקדש. בפרט אצינד מיטן זיך אריבערציען און באנייען דעם נייעם 'אפגעקויפטן' גרויסן לאקאל. וואס וועט אוודאי פיל מער הייבן דאס פּלאַץ. דער ביז יעצטיגער לאָקאַל איז שוין ב"ה אויסגעוואַקסן פון פּלאַץ און שוין לאַנג וואָס די הנהלת ביהמ"ד קוקט זיך אום צו טרעפן אַ פּאַסיגע לעזונג להרחבת המתפללים. דעריבער איז עס אַ בשורה מרנינה ווען לקראת דעם נייעם יאָר הבעל"ט, טוט זיך דאס ביהמ"ד אריבערציען בשעה טובה ומצלחת אין אַ פאַרגרעסערטע מקום קדוש, וואָס האָט ביז לעצטנס געדינט אַלס דאס בית המדרש 'תפלה למשה' און אַצינד מעלין בקודש, נאכדעם וואס ק"ק דינוב קרית יואל האט געשלאסן גרויסן מקח אויפן בנין ביהמ"ד אויף 11 ווען ביורען און איז אצינד אריין אין דינסט גרייט צו אַנטפּאַנגען די מתפללים ובאי בית המדרש דינוב, וואָס וועט בעז"ה ווייטער דינען ווי אן אבן שואבת און אַ לייכטורעם פאר דער גאַנצער שטאט.



בס"ד




מיט גרויס פרייד טוען מיר מודיע
זיין פאר אונזערע צופרידענע
קאסטומערס, אז היי יאר האבן מיר א

# הערליכן אויסוואהל



## אתרוגים מובחרים

יאנעווע
(מיט אדער אן פיטום)
און מאראקא



## לולבים שלימים

דערי
וגם מחו"ל



## הדסים משולשים

שיעור חזון איש
שיעור הגר"ח נאה

**מיר וועלן בעז"ה זיין אפן ווי פאלגענד**

יעדן טאג:
**פון 5:00 ביז 11:00**

ערש"ק און עריו"ט:
**פון 11:00 ביז 2:00**

מוצש"ק און מוצאי יו"ט:
**פון א שעה נאכן זמן ביז 12:00**

אין אונזער לאקאל
**גארפיעלד מענאר**
4 גארפיעלד רד.

פאר מער אינפארמאציע רופט:
845-500-1123
אדער: 845-537-1182

**מיר ערווארטן אייך צו באדינען מיט אונזער העפליכע סערוויס, און איר וועט בעז"ה ארויסגיין העכסט צופרידן**

## יקותיאל יודא שטיינער
## יצחק אלחנן פעלדמאן

YESH DESIGN | 845.774.4069


בס"ד
WE MEASURE AND DELIVER ANYWHERE
Sukkah Depot™
OF MONROE
For all your sukkah needs
CANVAS SUKKAHS
SCHACH
QUALITY WARRANTY ON SCHACH
TRAVEL SUKKAHS
TABLES & BENCHES
AIR BEDS & COTS
CHAIRS & STOOLS
LIGHTS & ACCESSORIES
Sukkah Depot™
WWW.SUKKAHDEPOT.COM
6 VAN BUREN DRIVE 845.204.3851




We've got all your Sukkah needs!

# Grand Opening

CALL IN DELIVERY WITHIN

- -Sukkahs
- -Schach
- -Tables & Chairs
- -Lights
- -Tools



SUKKAH SEASON

For a sukkah with ease

845.244.8868

401 Route 208

sukkahseason.com

# התעוררות'דיגע ראש השנה העל"ט אפגעראכטן אין גרויסן ביהמ"ד בראשות הגה"צ רבי יואל שליט"א בן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

'היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל'. - מיט דערהויבענע געפילן איז אפגעראכטן געווארן די הייליגע תפילות במשך דעם פארלאפענעם ראש השנה העבר עלינו לטובה אין גרויסן ביהמ"ד בראשות דעם גרויסן גאסט מעוז ומגדל פרי קודש הילולים הגאון הצדיק רבי יואל שליט"א וועלכע איז געקומען אויף די ימי הרחמים והרצון בשליחות קדשו פון מר אביו הגדול דער רעיא מהימנא קדישא כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א.

שוין אין די וואכן בעפאר יו"ט איז דער געטרייער משמש הקהילה הרה"ח אביגדור נחום שלעזונגער הי"ו געזיצן אינעם צענטראלן האלוועי אינעם גרויסן ביהמ"ד מיט א דעטעלירטע מאפע פון די הונדערטע זיצן פון ביהמ"ד הגדול ווי דער ציבור האט זיך איינגעהאנדעלט זיצן יעדער במקומו הראוי צו קענען דאווענען ברב עם, ואודך בקהל רב בעם עצום אהללך.




אין די ערב יו"ט טעג האט מען אויסגעשטעלט דער גאנצער היכל מיטן פאליש און די דערנעבענדיגער 'חדר נידערמאן' מיט הונדערטער זיצן, שורות שורות, לענגאויס דעם גאנצן היכל, מיטן שטערקסטן מאס כבוד הציבור.

אויף מעריב זייט פונעם היכל לענגאויס דעם גאלעריע האט במשך דעם יו"ט געהאנגן א גרויסע שילד וועלכע האט גערופן דעם ציבור צום קריאת קודש פון כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א צו שטיצן דעם קרית יואל'ע כולל מיט די אריבער פינעף הונדערט לומדים כ"י לכבוד דעם יערליכן ראש השנה אפיעל.

צו תפילת מנחה ער"ה האט יורד געווען לפני התיבה דער גרויסער גאסט הגה"צ רבי יואל שליט"א וועלכע האט אויפגעפלאמט דעם ציבור בקול רם.

מיט מעריבית איז נתכבד געווארן הרה"ח מכבד את ה' מגרונו ר' יצחק הערש היימאן הי"ו וועלכער האט אריינגעברענגט א התעוררות'דיגן שטימונג אינעם גאנצן ביהמ"ד.

נאכ'ן דאווענען האט דער ריזיגער ציבור און טויזענטער אנ"ש פון איבער קרית יואל רבתי אריבער וואונטשן לשנה טובה אין גרויסן ביהמ"ד פאר'ן חשוב'ן גאסט הגה"צ רבי יואל שליט"א ואף הוא ענה כנגד המברכים באנפא נהירין און דער ציבור כאפט אריין א ברכה פונעם פרי צדיק עץ חיים לקראת דעם נייעם יאר.

ראש השנה אינדערפרי נאכ'ן עלות השחר איז פארגעקומען א גרויסער מנין תהלים ווי דער ציבור האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים אין די מסוגל'דיגע פארטאגס שטונדען.

צו פסוקי דזמרה האט יורד געווען לפני התיבה הרה"ח ר' מאיר יעקב פאלאטשעק הי"ו, צו תפילת שחרית האט צוגעטרעטן באימה וביראה הרב ר' אהרן וואלף מאשקאוויטש שליט"א מיט א נעימות.

נאכ'ן דאווענען פאר קריאת התורה האט הרב ר' אברהם יעקב בלום שליט"א געמאכט דעם אפיעל פאר'ן קרית יואל'ן כולל וואס איז נאך איינגעפירט געווארן דורך רביה"ק זי"ע.

די עליות ביי קריאת התורה איז פארקויפט געווארן פאר די ראשי ונכבדי הקהילה.

פאר תקיעת שופר האט מען געהערט די פלאם פייערדיגע 'תקיעת שופר דרשה' פון הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א וועלכע האט בקול בוכים מעורר געווען דעם ציבור הגדול צו תשובה ותיקון המעשים.

אלס בעל תוקע האט געדינט הגאון הצדיק רבי יואל שליט"א וועלכע האט פארגעזאגט מן המיצר מיט אן אויסטערלישן התעוררות. אלס בעל מקריא האט געדינט הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א.

תפילת המוספין האט פארגעדאווענט הגה"צ רבי יואל שליט"א מיט א געוואלדיגע נעימות דקדושה אויפ'ן מקובל'דיגן נוסח מיט א מורא'דיגן ברען, די מלכיות, זכרונות און שופרות זענען געזאגט געווארן מיט גרויס התעוררות.

די צווייטע נאכט צו מעריב האט געדאווענט פאר'ן עמוד הר"ר עקיבא האנדלער שליט"א שטייענדיג אין טאג פונעם יארצייט פון זיין פאטער הנודע בשערים הר"ר משה האנדלער ע"ה.

צו פסוקי דזמרה דעם צווייטן טאג האט יורד געווען לפני התיבה הר"ר משולם פייש פערלמוטער שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו, תפילת שחרית האט פארגעדאווענט מיט א קול אדיר וחזק הרה"ח ר' ישראל חיים גרינהוט הי"ו.

נאכ'ן דאווענען איז פארגעקומען די שמחת הברית מילה פון הבן הנולד ביי מו"ה שמואל זלמן ברייער הי"ו בן מו"ה משה אהרן הי"ו וחתן מו"ה יצחק הערש היימאן הי"ו.

כמעשהו בראשונה איז דער תקיעות און מוספין אפגעראכטן געווארן דורך הגה"צ רבי יואל שליט"א מיט אן אש קודש שלהבת קה.

דער געהויבענער יום טוב האט געדינט ווי א גוטע התחלה צום נייעם יאר, ויהי רצון אז מען זאל האבן געפועלט א שנת גאולה וישועה.

מחיל אל חיל גרייטן זיך קהל עדתינו צום הייליגן טאג יום כיפור ווען הגה"צ רבי יואל שליט"א וועט ווידעראמאל דינען אלס ש"ץ בקרב ק"ק קרית יואל.

תרוממנה קרנות צדיק.


היסטאָרישע
דורכברוך:
צום ערשטן מאל וועט אייער קוויטל געליינט ווערן אין די הייליגסטע שעות פונעם יאר
ערב יום הקדוש און הושענא רבה
ביים ציון התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס אין טבריה
און ביים ציון התנא האלקי רשב"י אין אתרא קדישא מירון
ווי א גרופע רבני 'כולל זיכענבערגן' צדקת רבי מאיר בעל הנס וועלן מתפלל זיין פאר אייך אויף א זיס לעבעדיג יאר! און פערזענליך ליינען אייער קוויטל
התנא האלוקי רבי מאיר איז מיין אַדוואָקאַט!
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל אהבת ציון לעדת זיכענבערגער
זכות 3 קינדער
$180.00
זכות משפחה
$360.00
מיט א נתינה פון
$50
וועט מען מזכיר זיין אייער נאמען
מיט א נתינה פון
$100
וועט געליינט ווערן א קוויטל מיט די נעמען פון אייך און פון די גאנצע משפחה.
צו געבן אייער נתינה און צו שיקן א קוויטל
donary.com/1403
די גבאי כולל רבי מאיר בעל הנס וועלן קומען אפנעמען אייער פושקע
צענטראלע אפיס
718.388.1168
Office@rebmeir7.com
סטעטן איילענד
929.379.7828
בארא פארק
347.962.7193
וויליאמסבורג
929.289.2638
מאנסי
845.200.0743
קרית יואל
845.637.4143
jcmteam.com

# ווילעדזש פאַרלאַנגט פערמיטן פאר "יריד טישלעך" דעם קומענדיגן ערב יום טוב אויף גארפילד רד

אין ליכט פון דעם פאַקטאָר אַז אין די לעצטע יאָרן איז שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן די ערב סוכות טישלעך אויף דעם שטח פון דעם ווילעדזש קאמיוטער פאַרקינג לאַט, ווי עס ווערט פאַרקויפט אתרוגים, נוי סוכה, סוכות געברויכן א.א.וו. האָט די ווילעדזש אַצינד געמאָלדן אַז ס'ווערט איינגעשטעלט אַ פרישע רעגולאַציע, וואָס וועט בינדן אַלע וועלכע ווילן אַרויסשטעלן אַ טישל דאַרפן אַרויסנעמען אַ ספעציעלע ווילעדזש פערמיט, אינאיינעם מיט'ן איינלייגן אַ באַשטימטע אָפּצאָל.

לויט די אָפיציעלע מעלדונג פון דעם ווילעדזש וועט דאָס געלט בלויז צוריקגעגעבן ווערן אויב דער פאַרקויפער וועט נאָכקומען אַלע זויבערקייט רעגולאַציעס און אַלע שמוץ וועט ווערן אַוועקגערוימט. פאַר אַן אַפּליקאַציע איבער די ערב סוכות פערמיטן קען מען רופן 845.783.8300 #210






בס"ד

חודש תשרי
תשפ"ג

שיקט
אַ טיפּ
דורכ'ן
הקשר
טעלעפאָן
סיסטעם

געדענקט:
הכרת
הטוב
פאר'ן
חינוך
פון
אייער
קינד!

845.378
.4080



הקשר
"טיפּ" ליין
בין הורי המוסדות להכלי קודש
שע"י ישיבה תורה ויראה ובית רחל
ויואל משה ד'סאטמאר קרית יואל

כתיבה
וחתימה טובה
שנת נחת ושמחה!

## קראו אל ה' וקראו בחוזקה!

# פאראייניגטע 'יום תפלה' פאררופן דורך אלע גרעסערע קהלות קדושות אויפן פארגאנגענעם דאנערשטאג סליחות להעביר את רוע גזירת החינוך נאך היסטארישן אסיפת האדמו"רים שליט"א בביתו נאוה קודש פון מגן חינוך הטהור ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


סדר המעמד
ליום תפלה רבתי
היום!
כ"ק אדמו"ר מגלאנטא שליט"א


יום תפלה רבתי


SATMAR
קרע רוע גזר דינינו
ליום תפלה
מנין לאמירת כל ספר תהלים


בית דין צדק דקהל יטב לב ד'סאטמאר
Beth Din (Court) of Cong. Yetev Lev D'Satmar


קראו אל ה'!
ע"כ על פי קריאת
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


ליום תפלה ברוב עם
בשעה 5:30 אחצה"ר
בשעה 5:20 ישמיע


חמול עלינו ועל עוללנו וטפינו
עת צרה היא ליעקב
יום תפלה רבתי
ביום ה' פר' נצבים הבעל"ט
בהיכל בית מדרשינו הגדול


קהל קהלת יעקב פאפא
להעביר רוע הגזירה!
יום חמישי הבעל"ט
ליום תפלה כללי


בס"ד
REALTY
Residential & Commercial
MK
א גמר חתימה טובה און א גוט געבענטש יאר
MK REALTY
Residential & Commercial
845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 502, Monroe NY
משה שמחה קויפמאן
לייסענס 10311206102
845.537.0475
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס 10401304475
845.662.3574
אברהם חיים לעווי
לייסענס 10401327281
845.238.1162
דוד לייב קרויס
לייסענס 10401317322
845.274.3765
נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס 10401300864
845.728.1429
אברהם הערש גפן
אפיס אדמיניסטראטאר
845.782.0205x 115

ב"ה

# ישיר דוד והלל



קרית יואל
וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

מתכבדים אנו בזה
להגיש מיטב ברכותינו
"ברכת מזל טוב"
ואיחולינו החמות
והלבביות למע"כ ידידנו
המרומם הנעלה, ידיו רב
לו בכשרונות ברוכים,
כשמן הטוב תורק שמו
הרבני הנגיד

## מוה"ר דוד
## קויפמאן הי"ו

העומד
לימיננו בעוז
ותעצומות
במסורה
נפלאה

בעל הפירמא
"דארט מידיע"

dartmedia
your marketing orchestra.

**לרגל השמחה השורה במעונו
בהולדת בנו למזל טוב**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה לגדלו לחנכו לתורה לחופה ולמעש"ט, ולהכניסו בבריתו של אאע"ה בעתו ובזמנו וראות ולרות מלוא חפניים תענוג ונחת דקדושה וטהרה ממנו ומכל יוצ"ח, מתוך רב נחת והרחבת הדעת דקדושה, במדה גדושה, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

מערכת קרית יואל וואכנשריפט

גדול העונה יותר מן המברך
בברכת גמר חתימה טובה
ידידך עוז דורש שלומך
הטוב


בערב
יוה"כ
יתן כופר
נפשו
בעין יפה
אין אייער
ביהמ"ד:
איפן טעלעפאון:
929.930.4808
אין די
הייליגסטע
מאמענטן.
ערב יום
הקדוש
מיר
לייזן זיך
אויס
מיט
כופר
נפש
אפצוהיטן אונזערע הייליגסטע
די קדושי ארץ שוכני עפר
כופר
נפש
אונזער שמירה
אתרא
קדישא
זייער שמירה
ערב יום הקדוש
$54
א שמירה
פאר אונז.
א שמירה
פאר די קדושים.


שענסטע
מתנה
פאר אייער מאן
טאטע-משגיח-מלמד
לכבוד יום טוב
SSIMAGE 718.330.0004
SINCE 1950
F·A·R·K·A·S
TRADITION & STYLE
WILLIAMSBURG
187 RODNEY ST.
BORO PARK
4529 16TH AVE.
MONROE
8 HAYES CT.
MONSEY
100-59 Monsey Mall
New Location
CATSKILLS
601 Harris Rd


בס"ד
קריאה קדושה
...לזאת קבענו
מגבית כופר נפש
בכל בתי כנסיות לטובת "אתרא קדישא"
וכאו"א מחוייב להשתתף בסכום הגון למען כבוד קברות אבותינו ורבותינו, והממעיט לא יפחות מסכום של ח"י דאלאר.
גדולי ישראל הנבג"מ זי"ע
להבחל"ח גדולי ישראל שליט"א
גדולי ומאורי ישראל
האבן מחייב געווען
כופר נפש
ערב יום הקדוש
פאר
אתרא קדישא
אין אייער ביהמ"ד:
אויפן טעלעפאן:
929.930.4808

בס"ד

# השגח
# אתרא קד

די וועלט פארצווייגטע

## איבער גאנץ ארץ הקודש:

### ארומזוכן
אויסגעפינען וואו אימער מ'בויעט


### אויסמעסטן
די גרויסקייט פון די מערות


### בדיקה
אויפדעקן די ערד צו עס איז דא דארט קברים


### אינדזשינירן
אויסצואורבעטן נייע בוי פלענער


### שמירה
אפצוהיטן אפענע מערות


### השגחה
פיקוח תמידי ביים בויען כהלכה


### פארהאנדלונגען
מיט קאנטראקטארס צו בויען כהלכה


### אינפארמירן
די ציבור אפצוהאלטן די מחטטי שכבי




www.Artistic Group

## יעדער גיבט ערב יוה"ק

# כופר נפש

# אתרא קדישא

כפי הוראת רבותינו




דמי ח"י דאלער אמאל

**$54**

### ביי הונדערטער בוי פראיעקטן

## איבער דער גארער וועלט:

**וואכזאמקייט**



און עינא פקיחא אויף אלטע בתי חיים

**קבורה**



צוריקברענגען לקבורה עצמות קדושות

**שתדלנות**



דורך הויכראנגיקע רעגירונג באאמטע

**ארומצוימען**



בויען גדרים ארום אפענע בתי חיים

**דעלעגאציעס**



פון רבנים ושתדלנים

**רייניגן**



פארלאזטע בתי חיים

**פרסום**



פרעס רעליסעס איבער בתי חיים אין סכנה

# געהויבענע ימי ראש השנה פאריבער אין ביהמ"ד בית כהנא דקהל יטב לב בראשות הגה"צ רבי משה חיים לאבין שליט"א נכד כ"ק אדמו"ר שליט"א

מלך על כל העולם כולו בכבודך, האט זיך ארויסגעהערט פון די העכסטע ארט אין קרית יואל במשך דעם לעכטיגן ראש השנה תשפ"ג העעל"ט בתוככי בית המדרש בית כהנא דק"ק קרית יואל.

די תפילות במשך ראש השנה זענען אפגעראכטן געווארן מיט גרויס התעררות אינעם פראכטפולען בית המדרש בית כהנא אינעם "היכל מנחם זאב" ווען אלע זיצן אינעם מייעסטעטישן היכל זענען באזעצט געווארן דורכ'ן גרויסן ציבור מתפללים ותושבי השכונה וועלכע זענען געקומען מיטהאלטן די תפילות ולשפוך שיח כאיש אחד ובלב אחד.

במשך דעם יו"ט האט באשיינט דער געהויבענער גאסט פרי עץ חיים הגאון הצדיק רבי משה חיים לאבין שליט"א נכדו חביבו פון רעיא מהימנא קדישא כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וחתנו כבנו פון כבוד הגה"צ מורינו שליט"א. ווי דער ציבור האט זיך אנגעזאפט מזיו אורו ותורתו.

אן ערהאבן בילד איז געווען מיטצוהאלטן ווי דער ביהמ"ד וואס האט נארוואס געעפענט אירע טויערן, האט זיך אזוי שנעל איינגעגעבן אלס אבן שואבת, פאר אלע תושבי השכונה און ארום. ווי דער ציבור קומט זיך צוזאם מיט א זעלטענע אהבה ואחוה וריעות, ווי איין גרויסע משפחה, און רעכטן אפ די תפילות מיט א געוואלדיגע ערענסקייט.

ספעציעל זעהט זיך אן די איבערגעגעבנקייט פון די געטרייע גבאי ביהמ"ד וועלכע פארפיגן אויף אלע צרכי הביהמ"ד, אז די חשוב'ע מתפללים זאלן קענען דאווענען במנוחה נכונה און הרחבת הדעת, אן קיין שום שטער.

מטעם הנהלת הביהמ"ד איז פארקויפט געווארן די זכותים פון די תפילות ווי א צאל חשוב'ע נגידים האבן זיך איינגעהאנדעלט די זכות פון א תפילה במשך די ימי הרחמים והרצון, צו האבן א חלק אין די זכות הבל פיהם פון די מתפללי ביהמ"ד.

## אחות קטנה תפילותיה עורכה

ערב יו"ט צו תפילת מנחה האט יורד געווען לפני התיבה הגה"צ דער גאסט שליט"א, דער געהויבענער גאסט וועלכער האט מיטגעשלעפט דעם גאנצן ציבור אין א התעוררות'דיגן מנחה, וועלכע האט אפגעדונערט אינעם גאנצן היכל, זייענדיג דעם אונטערשטען תפילה פון יאר. והכל הולך אחר החתום.

נאכ'ן פיוט אחות קטנה איז נתכבד געווארן צו דינען אלס ש"ץ צו תפילת מעריב, הרבני הנגיד המרומם ר' שלמה יוסף הכהן געלב הי"ו נדבן חדר נחמי' ומגדולי נדבני הביהמ"ד, וועלכער האט אריינגעברענגט דעם יו"ט'דיגן אטמאספער, אנהויבענדיג דעם ערשטן מעריב און תפילה פונעם נייעם יאר תשפ"ג.

נאכ'ן דאווענען איז דער ציבור אריבער זיך ווואונטשן לשנה טובה ביי גאסט הגה"צ שליט"א, עס האט זיך אנגעזען א גרויסער ציבור תושבי השכונה וועלכע זענען געקומען וואונטשן ולעומתם ברוך יאמרו.

## באשמורת הבוקר קראתיך

ראש השנה אינדערפרי איז פארגעקומען א גרויסער מנין תהלים, ווי א ציבור חשוב האט אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים, לעורר רחמים בעד הכלל והפרט אין אזא פארכטיגן טאג.

מיט פסוקי דזמרה איז נתכבד געווארן הרב לוי יצחק ווידער שליט"א מרבני כוללינו, וועלכער האט פארגעדאווענט מיט א ברען און קאך.

תפילת שחרית האט געדאווענט פאר'ן עמוד הר"ר יוסף ברייער הי"ו וועלכער האט מיט זיין קול נעים מהנה געווען דעם ציבור וועלכע האבן מיטגעדאווענט מיט גרויס דביקות.

די עליות זענען פארקויפט געווארן פאר ריזיגע סכומים, ווי די חשוב'ע ציבור מתפללים האבן זיך איינגעהאנדעלט די מסוגל'דיגע ימים נוראים עליות.






## תעיר ותריע להכרית כל מריע

פאר תקיעת שופר האט מען געהאט די זכי' צו הערן די 'תקיעת שופר דרשה' פונעם גאסט הגה"צ שליט"א, וועלכער האט בקול בוכים מעורר געווען דעם ציבור ארויסברענגענדיג דער געהויבענער זמן און נאכברענגענדיג מפי ספרים וסופרים, ספרי רבותינו הק' עצי התומר זי"ע, ובפרט פון ספרי דמאר"י ט"ב מרן רביה"ק זי"ע. דער גאסט שליט"א האט אריינגעברענגט אן התעוררות רב אינעם גאנצן ביהמ"ד איבער ישועות הפרט והכלל ברוחניות ובגשמיות. און האט בנועם זיו אראפגעלייגט וויאזוי אט דער זמן האט אויסגעקוקט ביי צדיקי אמת ובפרט ביי מרן רביה"ק זי"ע. און יעצט באין מליץ יושר דארפן מיר זיך שטארקן בתשובה ובתיקון המעשים.

אלס בעל תוקע האט געדינט הר"ר יואל זאב שווארטץ שליט"א און בעל מקריא הגה"צ שליט"א וועלכע האט אויך פארגעזאגט די פסוקי מן המיצר וגו'.

## שלחתי במלאכות סגל חבורה

צו תפילת מוסף האט צוגעטרעטן דער געהויבענער גאסט הגה"צ רבי משה חיים שליט"א וועלכע האט בקול אדיר וחזק געדינט אלס שליח ציבור, זיך מתחנן געווען בעד הכלל והפרט כבן המתחטא לפני אביו. מיט א געוואלדיגע נעימות וחן דקדושה וועלכע האט מיטגעשלעפט דעם גאנצן ציבור.

נאך מנחה איז דער גאנצער ציבור אריבער צום דערנעבענדיגן 'ראוונע לעיק' צו אמירת תשליך ברוב עם. דערנאך האטמען זיך געשטעלט מעריב, און אלס בעל תפילה דינט הרבני החסיד ר' שמחה שטיין הי"ו מחשובי מתפללי ביהמ"ד, וועלכע האט פארגעדאווענט מיט א מתיקות.

דעם צווייטן טאג אינדערפרי צו תפילת שחרית איז צוגעגאנגען צום עמוד הרב ר' זלמן גליק שליט"א, וועלכע האט מיט אן אויסטערלישער נעימות דקדושה פארגעדאווענט מיט'ן נוסח המקובל.

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשני' האט דער חשוב'ער גאסט הגה"צ שליט"א פארגעדאווענט די תפילת המוספין מיט א ברען און קאך און גרויס התעוררות.

נאכמיטאג האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' זלמן לייב פאלקאוויטש שליט"א מגי"ש בישיבת ספינקא קרית יואל, וועלכע האט בנועם אמרותיו מהנה געווען דעם ציבור מיט פערל רייד בעניני דיומא ובגודל הזמן.

מחיל אל חיל גרייט מען זיך אפצורעכטן די תפילות יום הקדוש הבעל"ט ווען מען וועט נאכאמאל האבן די זכי' צום ערשיינונג פונעם חשוב'ן גאסט הגה"צ שליט"א וועלכע וועט אויפטרעטן מיט'ן כל נדרי דרשה און דינען אלס ש"ץ ביי כל נדרי, מוסף און נעילה בקרב בית מדרשינו.

**לחיי"ם טובים תכתבינו אלוקים חיים,**
**כתבינו בספר החיי"ם**

דער בליץ פארקויף

א ריזן אויסוואל פון הונדערטער
גאר הערליכע מהודר'דיגע "אא"

# אתרוגים
פאר
# האלסעיל
# פרייזן

סעט "אא" $129, סעט "אא מהודר" $149

— נאר איין טאג —

**זונטאג האזינו-עשי"ת**
למספרם Oct 2
פון 12 מיטאג ביז חצות הלילה

**בית רחל פאראדייס**
5 Israel Zupnick Dr

אתרוגי יאנעווע ומאראקא | לולבים מיט הערליכע שפיצן | הדסים משולשים למהדרין

ברייטע באקוועמע לאקאל

אויסגעלייגט גאר מסודר

פרישע סחורה יעדע שעה

פרייזן ווי קיינמאל בעפאר

אלע אתרוגים בהשגחת התאחדות הרבנים

דיינים ומורה צדק אויפן פלאץ



דער בליץ פארקויף

# הייזער פאר סעיל אין קרית יואל / מאנרא / בלומינגראוו / טשעסטער / וואודבערי

## Kiryas Yoel (Village)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 8 Lemberg Court Unit#312 | $910,000 | 4 | 2,453 | 0.01 |
| 8 Getzel Berger Blvd. | $1,550,000 | 7 | 2 units | |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 2 Oxford Depot | $289,900 | 3 | 1 (1 0) | 866 |
| 58 Oxford Springs Road | $249,000 | 1 | 1 (1 0) | 913 |
| 15 Primrose Lane | $1,500,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 |
| 81 Old Mansion Road | $999,995 | 4 | 5 (3 2) | 4,315 |

## South Blooming Grove (Village)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 26 Hawthorne Drive | $749,999 | 4 | 3 (2 1) | 1,848 | 0.5354 |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 70 Dunderberg Road | $695,000 | 3 | 3 (3 0) | 3,266 |
| 35 Buena Vista Terrace | $1,195,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,548 |
| 5 Oldwyck Crescent | $669,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,510 |
| 2 Hallock Court | $999,999 | 4 | 3 (2 1) | 3,040 |
| 9 Pheasant Run | $949,000 | 4 | 3 (3 0) | 1,873 |
| 10 Berwick Circle | $680,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,709 |
| 3 Shetland Circle | $725,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,700 |
| 3 Melissa Lane | $580,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,331 |
| 8 Roselawn Road | $760,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,309 |
| 415 State Route 32 | $23,000,000 | 11 | 6 (6 0) | 7,420 |
| 13 Dartmouth Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,107 |
| 2 Berwick Circle | $710,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,050 |
| 14 Cindy Lane | $585,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,486 |
| 24 Jill Road | $2,400,000 | 7 | 5 (4 1) | 9,928 |
| 22 Stainton Fareway | $649,000 | 1 | 2 (1 1) | 1,702 |
| 23 Stainton Fareway | $729,000 | 2 | 2 (2 0) | 2,180 |

REDUCED!

FOR SALE!

$580,000



## Highland Mills

Ridge Rd.

- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 2 car attached garage • 2,331 Square feet •
- total 2,955 with basement •
- 1,250 sqft finished basement
- Quartz countertops • Built in 2002

3 MELISSA LN HIGHLAND MILLS, NY 10930

## Monroe NY

Winchester / Post

FOR SALE!

$830,000

- 4 Bedrooms
- 3 Bathrooms
- 3 car garage 960 sqft.
- 2,682 Square feet
- 1,250 sqft basement
- finished basement / walk out
- Granite countertops
- Granite backsplash
- 12x20 shed



47 POST RD. MONROE, NY 10950

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 290 Spring Street | $775,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,386 |
| 235 N Main Street | $500,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,410 |
| 2 Dara Court | $875,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,578 |
| 8 Orchard Street | $640,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,174 |
| 167 Mine Road | $799,000 | 4 | 4 (3 1) | 4,349 |
| 10 Roe Circle | $485,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,280 |
| 24 Ironworks Road | $565,500 | 4 | 3 (2 1) | 2,409 |
| 7 Orchard Terrace | $634,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,596 |
| 237 Oakland Avenue Unit#1 | $899,000 | 5 | 5 (3 2) | 3,392 |
| 3 Alex Smith Avenue | $729,900 | 4 | 4 (3 1) | 2,678 |
| 11 Kasch Court | $810,000 | 5 | 4 (3 1) | 3,548 |
| 279 Orchard Drive | $499,900 | 3 | 2 (2 0) | 1,966 |
| 32 Moulton Circle | $520,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,016 |
| 39 Deangelis Drive | $825,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,338 |
| 134 Linden Lane | $625,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,012 |
| 112 Forest Avenue | $825,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,022 |
| 247 Harriman Heights Road | $749,999 | 5 | 4 (4 0) | 3,400 |
| 219 Maple Avenue | $1,550,000 | 6 | 5 (4 1) | 4,289 |

## Blooming Grove (town) / Washingtonville

BARNES AREA 7 AVAILABLE

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 473 Clove Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,662 |
| 139 Barnes Road | $699,000 | 5 | 3 (2 1) | 2,873 |
| 153 Barnes Road | $589,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,310 |
| 121 Barnes Road | $599,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,040 |
| 3 Amy Road | $524,999 | 4 | 2 (2 0) | 1,762 |
| 62 Barnes Road | $470,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,740 |
| 60 Barnes Road | $499,900 | 4 | 2 (1 1) | 1,692 |
| 50 Horton Road | $600,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,196 |
| 79 Barnes Road | $565,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,704 |
| 1443 Route 208 | $499,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,988 |
| 101 Mtn Lodge Road | $4,750,000 | 4 | 5 (4 1) | 4,461 |

text your email address to:
845-544-3732 | or 845-629-5186

**זייט די ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט**

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

HGMLS REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY

שלמה פריעד 845-309-7262 | יצחק אייזיק ראטטענבערג 845-662-1849 | שלום מאיר טארים 845-629-5186

Not responsible for typographical errors

The REALTY BLUE group

קהל יטב לב
ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זצ"ל

Cong. Yetev Lev
D'Satmar
בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

Central Office: 150 Rodney Street • Mailing Address: P.O.B. 506 • Brooklyn, NY 11211 • Tel. (718) 384-7449 • Fax: (718) 384-7455

# סדר וזמני
# יום הקדוש
## בצל כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

### ערב יום הקדוש

**אמירת סליחות**
בהיכל בית המדרש הגדול
**בשעה 6:00**

מניני סליחות בחדרי התפלה ובשאטער
בכל 5 דקות משעה 3:30

**תפלת שחרית בשעה 7:30**

**עריכת השלחן**
בבית המדרש ברך משה
**בשעה 12:30**

**זמן כניסה**
משעה 2:00 עד שעה 3:30 בדיוק

**תפלת מנחה**
בהיכל בית המדרש הגדול
**בשעה 4:00**

**זמן הדלקת הנרות**
בשעה 6:18

### יום הקדוש

**מנין תהילים**
בשעה 5:30

**תפלת שחרית**
בשעה 7:45

**מזכיר נשמות**
בשעה 1:20

תיכף אחר תפלת מוסף יהי' מנין מיוחד
לתפלת מנחה ונעילה בחדר למטה

**זמן צאה"כ**
בשעה 7:44

**עריכת השלחן**
**מוצאי יום טוב**
בשאטער לפני בית המדרש הגדול
בשעה 10:30

בברכת גמר חתימה טובה
**הנהלת הקהלה**

# פריידיגע יציקת הבורות פאר מקוה מהודרת פאר ביהמ"ד דקהל בית שלמה יודא באגאַד אויף קעטערין גאס

מיט אַ שמחה של מצוה האָט מען שוין ב"ה געגאָסן די מהודר'דיגע בורות פאר די הערליכע מקוה מפוארת וואָס וועט געבויעט ווערן אין דעם פרעכטיגן בית המדרש "באגאד" וואָס וועט בעז"ה באַדינען די איינוואוינער אין דעם הערליכן שכונת טשעסטער.

דאס ביהמ"ד שטייט אונטערן השפעה פון פטרון הביהמ"ד בהנהלת הרה"ג ר' שלמה לייב וויינבערגער שליט"א וועלכע גיבט איבער שיינע שיעורים און איז ווי א ציציאונגס קראפט פארן גאנצן אומגעגענט.

די עסקני ביהמ"ד בית שלמה יודא ד'באגאד אויף קעטערין גאס ארבעטן שוין לאנגע חדשים אויפצוטרייבן די גרויסע סכומים לטובת די נייע מקוה און ב"ה שהחיינו וקימנו אז מען האט זוכה געווען די וואך צו גיסן די בורות מיט די חומרות והידורים כדת וכדין צו שטיין פאר א מקוה לטהר ולקדש בקדושה של מעלה.

דאס ביהמ"ד דינט אגב אלס פולקאמער אכסניא של תורה פאר איינס פון די סניפי ישיבה גדולה קרית יואל וואו מען לערנט אין שאטן פון נאטור מיט אויסנאמליכע הרחבת הדעת. און אזוי אויך דינט דאס אלס לייכט טורעם און תל תלפיות פאר פילע געגענטער אין טשעסטער מיט די מתפללים פון 'קעטערין' גאס און אויך פילע וועלכע קומען פון די ווייטערע געגענטער וואס איז ממש א מינוט צופיס מיט א ספעציעלן 'שארט-קאט' און דאס ביהמ"ד ווערט אצינד ערגענצט מיט א פראכטפולע מקוה פאר די דארטיגע תושבים לקדש ולטהר.

דאָס האַרץ וואַקסט פון פרייד ווען מען האַלט מיט די אויפבוי פון קרית יואל רבתי לארכה ולרחבה, ווען אין יעדע געגנט ווערן נתוסף די גבולי הקדושה מיט פרישע בתי מדרשים און מקוואות טהרה, לטהרינו ולקדשינו בקדושתך העליונה.

די הערליכע מקוה איז געגאָסן געוואָרן לויט אַלע שיטות און הידורים פון רבותינו הק', בור ע"ג בור, ווי עס איז געווען רצון קדשו פון רבינו הק' זי"ע מייסד העיר, און אַצינד קוקט מען שוין אַרויס בעינים צופיות אויף דעם גמר המלאכה, צו קענען פולקאָם באַנייען דעם מקום טהרה מיד ולדורות, לטהר את עמך ישראל!



גרויסער היכל ביהמ"ד צוגעגרייט פאר מעמד סיום



רב דביהמ"ד שליט"א ביים גיסן די יסודות הטהרה פונעם ביהמ"ד אין שכונת טשעסטער



ערשטע גראב ארבעט אינעם נייעם מקוה



צעמענט טראק קומט אן אויפן שטח ביהמ"ד. ווערט געזען הר"ר אליעזר וואלנער הי"ו מעסקני השכונה



בורות ווערן געגאסן



ילדי השכונה באטראכטן מיט גליק פארשריט ביי זייער נייע מקוה



ערשטע שאוול צעמענט אראפגעשטעלן די יסודות הטהרה אינעם שכונה





מלאכת הבנוי' פיבערט

## צוויי סאטמארער אידן

# בוידע האבן איינגעריסן

# וְכָל הָרִשְׁעָה כֻּלָּהּ כֶּעָשָׁן תִּכְלֶה.

## נישט קיין פארגלייך!

לומדי ירושת הצדיק

זענען קלאר!

ריכטיגע השקפה

ווייל זיי לערנען ויואל משה טעגליך!

איינער
# שטיצט וווירקליך אלע מוסדות עטה"ק

אבער
ס'פעלט אים קלארקייט.



דער אנדערער
# לערנט אויך 'ויואל משה' אפאר מינוט א טאג

ער איז קלאר,
מיט די ריכטיגע השקפה.



## זייט קלאר!
מיטן ריכטיגן השקפה

## הייבט אן!
ויואל משה נאך סוכות

אפאר מינוט טעגליך!

מפעל ירושת הצדיק
חיזוק ללימוד ספרי מרן רביה"ק מ'סאטמאר זי"ע

מערכת ירושת הצדיק 718.313.3530

### פרישע דורכברוך אין שטאָט להציל נפשות מישראל:

# דראַמאַטישע אַנטוויקלונגען מיט׳ן צושטאנד ברענגען לעבנס-וויכטיגע זעלבסטשטענדיגע טאון אוו מאנראו ״הצלה סטאַנציע״ צו רעאַגירן על כל צרה שלא תבוא

בכל עיר ועיר, רוח והצלה יעמוד:

## העפטיגע פאַרהאַנדלונגען און שתדלנות פון בונה ומקימי ׳שכונת סמיט גארדענס׳ והסביבה ביי די טאון באָורד-מיטגלידער דורכאויס די לעצטערע חדשים ברענגט ב״ה גלוואונטשענע דורכברוך

קרית יואל, טאון אוו מאנראו. – צווישן די לויפענדע גאלאפ פון ענדלאזע הרחבת גבולי העיר, וואו מ׳לעבט און מ׳אטעמט מיט דעם וואונדערליכע צונויפבליה פון אונזער שטאט אויף אזויפיל פראנטן און היניזיכטן, האט די לעצטיגע אנטוויקלונג אפגעקלינגען א פרישע פריידיגע און ווייטגרייכנדע דורכברוך – דאסמאל אין סאמע לעבנס-וויכטיגן געביט פון ״הצלת נפשות״, עפעס וואס רירט צו צום סאמע וואוילזיין און געזונט-רואיגקייט בעז״ה פון די הונדערטער קרית יואל׳ע פאמיליעס דאהי אין אונזער שטאט.

ווען מ׳האלט אין סאמע ברען פון אהערשטעלן א גיגאנטישע געגענט, א שטאט פאר זיך מיט אזויפיל הונדערטער נייע הייזער, ווי מען זעט ב״ה א וואונדערליכע סייעתא דשמיא וואס באגלייט אויף טריט און שריט. מ׳זעט באשיינפערליך די כוחו וזכותו של אותו זקן מרן רבינו הקוה״ט זי״ע מייסד העיר, ווי מאכטפול עס איז א פעולת צדיק וואס האט א קיום און איז קיים לעד ולנצח.

׳קרית יואל וועט זיין א שטאט׳ עס האט אויסגעזען עפעס שלא כדרך הטבע, למעלה מהשגתינו. ווער האט דאס געקענט גלייבן אז די דעמאלט׳סדיגע הייזער וועלן אנגעפילט ווערן. אבער היינט צוטאגס ווען מען זעט דעם ׳רוח הקודש הופיע׳ און יעדעסווארט איז אמת ויציב און ווערט פארפולקאמט מיט א גאנצן שלימות. ולא נפל מדבריו ארצה!

### א אידישע שטאט מיט הצלה

א אידישע שטאט, קומט מיט א חברה הצלה. ס׳איז לעבנס וויכטיג. יעדע היימישע געגענט פארמאגט א חברה הצלה פון היימישע אידן וואס לויפן ראטעווען על כל צרה שלא תבוא מיט א הארציגער אידישער געטריישאפט, ווי נאר איין איד קען האבן צום צווייטן.

אצינד אז מען דערלעבט הונדערטער משפחות וועלכע האבן זיך באזעצט אין שטאט קרית יואל אונטער די יוריסדוקציע פון ׳טאון אוו מאנראו׳ האט זיך אנגעזען די געוואלדיגע געברויך אהערצושטעלן א זעלבסטשטענדיגע ׳הצלה גאראדזש׳ די פערטע ׳הצלה הויפטקווארטיר׳ פון די בארימטע ׳חברה הצלה קרית יואל׳ וועלכע זאל שטיין צום דינסט פון די הונדערטער משפחות און טויזנטער נפשות פונעם גאנצן אומגעגענט.

טאון אוו מאנראו, די וואקסנדע אידישע שטאט בתוך העיר קרית יואל, איז נישט אנדערש, און פון ווען די ערשטע משפחה האט זיך אריינגעצויגן האט תיכף די געטרייע ״קרית יואל הצלה״ אריינגענומען די ׳טאון אוו מאנראו׳ גרעניצן אונטער זייערע הארציגע פליגלען. וברם יזכרו לטובה, די הונדערטער מאנראו משפחות האבן נישט גענוג ווערטער צו באדאנקען די טייערע חברה הצלה, וועלכע ״דעקן״ שוין היינט ריזיגע ראיאנען פון קרית יואל און ארום, און סערווירן אלע געגענטער מיט די זעלבע געטריישאפט, פראפעסיאנאלקייט, אפגעזען די ווייטקייט און צייט וואס א רוף נעמט.

כדי צו קענען טעכניש נאכקומען די פארלאנג, און צו האבן שטענדיג מושטירטע וואלונטירן צו רעאגירן אין די שנעלסטע רעאקציע וואס נאר שייך, האט קרית יואל הצלה געלאזט רעקרוטירן פרישע מעמבערס, פון אין און ארום די געגענט, און כהיום איז דא עטליכע חשוב׳ע מעמבערס תושבי עירינו, אלע מיט א ווארעם הארץ צו העלפן א צווייטן איד בכל נימי נפשם. צו העלפן און ראטעווען אידישע קינדער על כל צעד ושעל.

### דער פראבלעם: וואס טוט מען מיט אן אמבולאנס?!

אבער, א הויפט-געצייג אין דער ״ארבעט״ פון הצלה, איז דער אמבולאנס – א ״באס״ אינעם הצלה זשארגאן – וואס איז אויסגעשטאט און איינגעריכטעט צו קענען פירן ערשטע-הילף פאציענטן אין שפיטאל אין בליציגע מינוטן, ווען יעדע איבריגע רגע קען מאכן דעם דיפערענץ אין דער קריטישער הצלת נפשות מיסיע.

דאס אנגאזשירן ביי יעדן ״קאָל״ אן אמבולאנס נעמט אבער צייט. א באזונדערער מעמבער – נישט דער וואס ׳לויפט׳ דער ערשטער אויף דער סצענע – דארף גיין נעמען זיין קאר, פארן צום ״גאראדזש״, דארט אפנעמען אן אמבולאנס און



פארן דערמיט צו דעם פונקט וואו דער פאציענט ווארט אויף הילף צו ווערן געפירט אין שפיטאל אריין.

יעצט, בעת אין קרית יואל איז מען געווג נאענט צו אלע געגענטער ארום און ס'איז אזוי אויסגעשטעלט אז מ'זאל קענען גרייכן איבעראל אין קורצע מינוטן, איז מען אבער דאהי אין 'מאנראו' א שטיקל מהלך אוועק פון די עקזיסטירענדע הצלה הויפטקווארטירן. האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דא קען זיך מאכן ח"ו אן ערנסטע פארזוימונג ווען ס'האנדלט זיך אין קריטישע הצלה-קאלס, ווילאנג דער אמבולאנס קען אנקומען אויף דער סצענע.

די עטליכע מינוט וואס דער וואלונטיר פארט צום גאראדזש, דאן פון גאראדזש צו מאנראו, וואס צו טרייבן אזא ברייטער און שווער-וואגיגער "טראק" פון קרית יואל אהער נעמט א צירקע פון 8-10 לאנגע מינוטן, געוואנדן אין די ווייטקייט פון דעם הויז\גאס וואו עס שפילט זיך אפ די הילפס-רוף סצענע.

ווי דאס מציאות באוויזט קען דאס טיילמאל אויסקומען צו א סך הכל שפיל פון קרוב צו צ-וו-א-נ-צ-י-ג מינוט אין געוויסע פעלער. א "פארמעגן" פון צייט, ווען ס'האנדלט זיך אין קריטישע פיקוח נפשות!

## א ברענענדיגער אחריות צו לעזן דעם נויט, אבער ס'נישט לייכט

שוין א לאנגע תקופה וואס די געטרייע עסקני השכונה און די ראשי הצלה פון קרית יואל זענען מטכס עצה צו לעזן דעם פראבלעם, ס'ברענט אויף יעדן דאס אחריות, אז ס'איז 'עפעס וואס מוז געטון ווערן' פאר'ן קריטישן נויט פון הצלת נפשות, אבער למעשה איז עס נאך צום באדויערן נישט געקומען לכלל מעשה.

א באדייטנדע דערלייכטערונג האט אריינגעטרעטן אין דער סיטואציע, ווען קרית יואל הצלה האט געלאזט אראפברענגען א אמבולאנס וועלכע זיצט אויפן א הויפט גאס צווישן די פילע באוואוינטע גאסן אין טאון און מאנראו. דאס האט היבש פארגרינגערט אין פאל פון עמערדזשעענסי צו קענען ברענגען דעם הצלה "באס" גיך און געשווינד.

אָבער ווי פארשטענדליך איז דאס נישט קיין פערמאַנענטע קוואַרטיר פאַר אַ טייערן אמבולאנס, און איבערהויפט נישט דורכאויס די ווינטער חדשים, ווען ס'דארף האָבן באַזונדערע פלעגע, עס האט זיך יעדן טאג שפעטער ארויסגעשיילט די געוואלדיגע נויט פאַר אַ נייעם קביעות'דיגן קוואַרטיר נאכצוקומען דעם ריכטיגן געברויך און פארלאנג – ס'זאל זיך ח"ו קיינמאל נישט אויספעלן. ווייל ווען ס'האנדלט זיך אין סכנת נפשות מוז עס זיין דאס שנעלסטע, די סאמע שנעלסטע וואס נאר מעגליך, און דאס צו באווייזן, מוז מען פארמאגן א "גאראזש" אויפ'ן פלאץ. ממש דא, צו די האנט אויסשטאפירט נישט בלויז מיט אן אמבולאנס נאר מיט יעדע סארט עקוויפמענט פון דאס בעסטע און מערסט פארגעשריטענע!



## א שטח פאר הצלת נפשות

פארשטיין דארף מען אז צו בויען א נייעם גאראדזש, איז גאר נישט א לייכטער עסק. ס'זאגט זיך אפשר גרינג, אבער אין מציאות דאס צו באווייזן איז א גאר קאסטבארע און שווערע אונטערנעמונג! וואו טרעפט מען שטח? וויאזוי בויעט מען דאס אויף? וואו שאפט מען די פאנדן?

ובכן, אז ס'דא א נויט אין שטאט, א נויט פאר תושבי העיר, דאן זענען די געטרייע שלוחי הציבור, די דינאמישע בארימטע נדבנים געקומען צו הילף. אזוי ווי בעתיד מיט די פולע 'מיליאנען' וואס די משפחת בראך הנכבדה האט שוין געגאסן פאר פילע פראיעקטן אין שטאט לטובת הציבור והמוסדות. האט מען בעז"ה ערהאלטן א פארשפרעכונג פון הרבני הנגיד המפואר, בונה עולמות של תורה וחסד, הרה"ח ר' יחזקאל בראך הי"ו, מפארי ק"ק סאטמאר בארא פארק, וואס מיט זיין פלאקערדיגע געפיל פאר אונזער שטאט, איז מען כסדר נהנה פון זיינע פולע לייסטונגען און נדבות בעירינו, און אַרויסהאָבנדיג די קריטישע נויטיגקייט פון סיטואַציע האט ער באַוויליגט צו מנדב זיין אַ שטח אונטער זיין אייגנטומערשאַפט וואס זאָל קענען עווענטועל דינען אלס די 'טאון אוו מאנראו' הצלה גאראדזש און לאָקאַלער סטאנציע פון דער חברה הצלה!

## הצלה שטח גייט צו פערמיטן

א שטח אליין איז נאכנישט קיין ישועה – מ'דארף פערמיטן צו בויען!

זעלבסטפארשטענדליך, אז א "שטח" אליין זאגט נאך גארנישט. ס'איז געוויס אַן אויסטערליש-פאָזיטיווע דערגרייכונג, אָבער די אנטוויקלונג איז נאר אזוי לאנג ווערדפול פאר מאנראו, אויב וועלן מיר קריגן די נויטיגע פערמיטן צו בויען די לעבנס-וויכטיגע "הצלה-דיוויזיע" דארט אויפ'ן אָרט.

אין די לעצטע וואָכן האט מען פארארבעט העפטיג אויף פארשידענע פראנטן, איבער דעם, מיט הארץ און געפיל! נישט אלעמאל קען מען מיטטיילן די עסקנות-באמיאונגען ווען ס'נאך אין די פריע שטאפלען, צומאל איז "השתיקה יפה" ווילאנג ס'גייען אן פארהאנדלונגען כדי צו ברענגען די בעסטע און קראנטסטע רעזולטאטן לטובת הציבור.

עס איז געווען א לאנג פארצויגענע ארבעט וואס די עסקנים זענען פארמישט "הינטער די קוליסן" אין א גאר קריטישער און וויכטיגער הצלת נפשות פראיעקט. און אצינד ווען מ'איז אריבער א מיילשטיין, האלטנדיג דערביי אז מ'קען עס שוין אנאנסירן פאר דער עפענטליכקייט, איז עס מיט דער גרעסטער מאס סאטיספאקציע איבער די סוקסעספולע דערגרייכונג אויפצובויען א פולשטענדיגן בנין אייגעארדענט פארן באנוץ פון די 'חברה הצלה'.

אצינד איז עס שוין נישט קיין פלאן. דער סטרוקטור פון די נייע 'הצלה הויפטקווארטיר' שפאנט פאראויס, און וועט בעז"ה איינגערישט ווערן אלס א פולשטענדיגער "הצלה גאראדזש", מיט אלע וויכטיגע עקוויפמענטס און קאמיוניקאציע איינריכטונגען פאר די לאקאלע הצלה-מיטגלידער, און עווענטועל האפט מען – מיט די ריכטיגע עסקנות צו שאפן די נויטיגע ריזן פאנדן – צו קענען פארמאגן אן אייגענער הצלה אמאבולאנס וואס זאל געווידמעט אויסשליסליך צו סערווירן בלויז די טאון אוו מאנראו אומגעגענט.

## פערטע הצלה גאראדזש א פאקט!

תושבי קרית יואל שטייען און שטוינען, באוואונדערן און שעצן די נאכאנאנדע פעולות הצלה. קוים מיט א קורצע תקופה צוריק האט די שטאט פארמאגט איין און איינציגסטער 'הצלה גאראדזש' און אין א גאר שנעלע צייט אפשניט האט מען זיך אויסגעברייטערט מיטן שטאטישן וואוקס, גייענדיג אצינד צום 'פערטן' הצלה סטאנציע לענגאויס עיר רבתי קרית יואל וואס ווירבלט מיט טויזנטער נפשות בליעה"ר. צו האבן די נויטיגע און קריטישע שנעלע צייט ריספאנד צו שטיין גרייט וואו איבער די גאנצע שטאט קרית יואל מיט איינגעריכטעטע אמבולאנסן מיט די לעבנס וויכטיגע עקוויפמענט.

רוח והצל"ה יעמוד ליהודים


בעזהשי"ת

# מודעה משמחת

מיר ווילן מודיע זיין אז אויפ'ן קומענדיגן
ווינטער זמן תשפ"ג, וועלן מיר האבן בעז"ה

# א שיינע באקוועמע דארמיטארי מיט אש"ל מלא

**די וואס ווילן זיך איינשרייבן פאר'ן ווינטער זמן, זאלן ארייננשיקן אן אפליקעישאן נאך פאר סוכות**
כדי מיר זאלן קענען מסדר זיין ברוחניות ובגשמיות עצהיו"ט.

די ישיבה איז אוועקגעשטעלט מיט א ציל צו באגלייטן יעדן בחור בפרטיות ער זאל מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות.

ס'איז צוגעשטעלט טעגליכע טראנספארטעישאן צו און פון ישיבה פאר די בחורים פון קרית יואל און מאנסי.

**פאר מער פרטים קען מען רופן אין אפיס**
**845-345-8456**

**אדער קענט איר זיך פארבינדן מיט איינע פון די צוות הישיבה:**

הרב **שלמה לייפער** שליט"א, מנהל פארמיטאג, 917-974-0455
הרב **יוסף הענדלער** שליט"א, מנהל נאכמיטאג, 845-304-8287
הרב **צבי ארי' פריעדמאן** שליט"א, משגיח פ"מ 845-274-2768
הרב **שמעון נייששטאדט** שליט"א, מגי"ש נ"מ
הרב **עזריאל בלומענפעלד** הי"ו, משגיח
הרב **זושא שמעלצער** שליט"א, סגן מנהל נ"מ, 845-499-9718
ר' **משה יעקב קליין** הי"ו, מומחה בתורת הנפש
ר' **שמואל יצחק קליין** הי"ו, מומחה בתורת הנפש

**הנהלת הישיבה**

ישיבה אבן שלמה

ישיבה
אבן
שלמה

YESHIVA
EVEN
SHLOMO

26 CLIFF CT.
MONROE, NY 10950
845.345.8456

**צוות הישיבה**

**הרב שלמה לייפער שליט"א**
מנהל לפנצ"ה

**הרב יוסף הענדלער שליט"א**
מנהל אחצ"ה

**הרב צבי ארי' פריעדמאן שליט"א**
משגיח לפנצ"ה

**הרב שמעון נייששטאדט שליט"א**
מגיד שיעור אחצ"ה

**הרב עזריאל בלומענפעלד הי"ו**
משגיח

**הרב זושא שמעלצער שליט"א**
סגן מנהל אחצ"ה

**ר' משה יעקב קליין**
מומחה בתורת הנפש

**ר' שמואל יצחק קליין**
מומחה בתורת הנפש

זַכָּאָה חוּלְקָנָא וְזַכָּאָה חוּלְקֵיהוֹן:

# ערשטע שיפמענט פון 'קופת הקהלה' טשעקלעך אפגעשיקט איבערן שטאט; באצירט און באלייכט הונדערטער שטיבער פון אלמנות ויתומים ומיעוטי יכולת מיט פרעכטיגע נייע סוכה

צדקה מעבירין:

## צענטראלע 'קופת הקהלה' שוין געגרייכט נאענט צו האלב פונעם אסטראנאמישן ציל; תושבי קרית יואל זעצן פאר צו גיסן נדבות ביזן דעקן לעצטן פרוטה פונעם קאלאסאלן 'פערטל מיליאן' דאלאר ציל וואס מוז געשאפן ווערן אין די נאנטע טעג פאר אונזערע ברודער עניי אחינו ועניי עירינו

ריזן געלט חלוקה, ערמעגליכט דורך מאסיווע דערפאלגרייכע אקציע, איז געשפרעך פון טאג אומעטום, אהערשטעלנדיג א צענטראלע קהלה-חלוקה פאר די שטאטישע איינוואוינער פון יעדן קהלה און קרייז וואס איז נישטא כדוגמתה איבער דער גארער וועלט!





קרית יואל וואכנשריפט

זכור שני"ם עש"ר:

### וועלט-באַרימטע קופּת הקהלה פון ק"ק קרית יואל האָט באַוויזן אומגעהויערע ערגייכונג

# 12'טע סוקסעספולע חלוקה ברענגט סך הכל צום אומגלויבליכע סומע פון 1.6 מיליאן דאלער, אויפגעטריבן פון אנ"ש פאר כל תושבי העיר!

### האַרציגער דאנק ווערט אויסגעדרוקט פאר גבאי' ועסקני הקופה וועלכע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן ערב דעם יעצטיגן יום טוב און טוען אריינלייגן כוחות עצומות פאַר דער הצלחה פונעם קאמפיין

# ציל פון קופּת הקהלה: יעדע קהלה-מיטגליד פון ק"ק סאטמאר קרית יואל און בפרט יעדע אלמנה, יתום וכדומה פון איבער די שטאט זאָל פייערן דעם זמן שמחתינו מיט שמחה!

**קרית יואל. – שטייענדיג געציילטע טעג וואס טיילט אונז אפּ פון דעם געהויבענעם יום טוב סוכות, איז עס אַ געהויבענע און פרייליכע שמחה ביי תושבי העיר הגדולה הזאת, קרית יואל יצ"ו, אז מ'האט ב"ה באוויזן אן אמת'דיגע חציו לה' מיט גרייכן און ארויסשיקן די ערשטע בינטל פון טשעקלעך פאר נצרכים תושבי העיר. מיט דעם וואָס אַזאַ ריזן מספר פון הונדערטער טשעקס זענען צייטליך ארויסגעשיקט געוואָרן פאַר איינוואוינער אין די שטאט קרית יואל, וועלכע קענען ניצן אַן עקסטערע דאָזע פון פינאַנציעלער הילף לכבוד יום טוב, און מען זעצט פאר אויף ווייטער מיט אייפער בעז"ה צו האבן פאַרזיכערט אַז אין יעדע שטוב אין אונזער הייליגע שטאָט איז בעז"ה ליכטיג און פרייליך געווען, קענענדיג איינקויפן לכבוד יום טוב מיט הרחבת הדעת.**

דאס איז באוויזן געווארן דורך די היינט-צו-טאָגס שוין וועלט-באַרימטע "קופּת הקהלה", וואָס איז כהיום א שם דבר איבער דער גאנצער וועלט, אלס עפּעס וואס האט נישט כדוגמתה אין קיין שום קהלה בכל קצוי תבל!

יש יוצא ויש בא: די הונדערטער טשעקס וועלכע זענען אַרויס אין דער פּאָסט, האבן אפגעשפּיגלט און רעפליקטירט די ברייטע שטיצע און ווארימע אפּרוף פון די טויזנטער'ס וועלכע זענען אריינגעקומען פון ברייטהארציגע נדבות, און די טשעקס ווי נאר זיי זענען אַריינגעקומען אין דער באַנק קאָנטע פון קופּת הקהלה, זענען זיי תיכף ארויסגעשיקט געווארן ווייטער צו די הונדערטער צילן איבערן שטאט. און די הנהלת 'קופּת הקהלה' טוט מיט פרייד מיטהאלטן די הונדערטער 'טשעקס' ווערן "געקעשט" דורך די מקבלים לכבוד יום טוב, צום באַנוץ אויף צרכי החג, אַריינשיינענדיג אַ ליכטיגקייט אין די שטיבער און די הערצער!

אָט דאָס איז וואָס די קהלה קדושה באַדייט, אָט דאָס איז וואָס קופּת הקהלה מיינט, אָט דאָס איז וואָס "קרית יואל" איז! די צענטראלע קאסע דינט ווי א מתווך, א בריק צווישן מקבל מיטן נדבן וועלכע קענען מיטן גרעסטן הידור אריינשיינען אין די הערצער און אויפלייכטן די שטובער פון אחינו בשרינו כל תושבי עירינו.

## אומגלויבליך! 12'טע חלוקה: 1.6 מיליאן!

ס'לאזט זיך נישט גלייבן, אבער פארט איז עס א קלארער פאַקט, אז קופת הקהלה פון ק"ק קרית יואל האָט אין א זעלטן קורצע תקופה באוויזן צו פארטיילן מיטן גרעסטן דרך כבוד, די אומגלויבליכע אסטראנאמישע סומע פון **1.6** מיליאן דאלער, וואס איז פארטיילט געווארן בקרב הקהלה, בקרב העיר!

די געלטער, אין דירעקטע טשעקס, זענען פאַרטיילט געוואָרן פאר משפּחות פון קינדער-געבענטשטע שטיבער, אלמנות ויתומים, וכדומה. מרביצי תורה, תלמידי חכמים, און אַזוי ווייטער.

און אט דאס אלעס איז אָן דעם וואס מ'זאל דארפן שטיין אין א ליניע, אן דעם וואס מ'זאל דארפן אויסשפרייטן א האנט פאר הילף, אן דעם וואס מ'זאל דארפן אפילו אריינרופן בעטן צי שיקן אַן אפליקאציע וכדו' – גאָרנישט! אַלעס גייט צו ווי פון זיך אליין: א טשעק אין דער פּאָסט. אויפ'ן שענסטן דרך כבוד. גרייט צו ווערן געקעשט און דעפּאַזיטעד. מ'דארף קיינעם נישט רופן, קיינעם נישט זאָגן. איינפאַך געלט אין די האַנט.

ס'איז באמת אַ מורא'דיגע הנאה, אן אמת'דיגע שמחה, פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, אז אין אונזער שטאט פונקציאנירט אזא דבר גדול ונשגב, א רעטונגס ברעט, א ליכטיגקייט שטראַל פאַר תושבי עירנו וועלכע נויטיגן זיך אין הילף.

## דאָס איז די שיינקייט פון די קהלה: זאָרגן פאַר אירע חברי



"קופּת הקהלה ביים ארויסשיקן ערשטע רונדע טשעקלעך אדאנק שנעלע און ווארימע אפּרוף פון נדבי הלב למען תושבי העיר אלמנות ויתומים מיעוטי יכולת"

## הקהלה!

ס'לאָזט זיך זאָגן, אז "קופּת הקהלה" איז אַן אָפּשפּיגלונג און רעפלעקציע אויף דעם עצם מציאות פון ק"ק סאטמאר קרית יואל, די עצם עקזיסטענץ פון דער קהלה קדושה.

ס'איז א קהלה וואס זארגט, טאג און נאכט, אומאויפהערליך, פאַר אירע חברי הקהלה, אין יעדן הינזיכט, צוצושטעלן דאס שענסטע און בעסטע וואס איז שייך אין יעדן געביט, ברוחניות ובגשמיות. בויען בתי מדרשים, סערווירן, צושטעלן שיעורי תורה, או"וו.

אַלס טייל פון אָט דעם מהלך און גאַנג, איז אויך דאָס אחריות צו זאָרגן פאר די חברי הקהלה וועלכע ברויכן א האנט און א פלייצע ווען ס'קומט צו פינאנציעלע הינזיכטן, ובפרט ווען מ'שטייט פאר א יום טוב, און אַנדערע ספּעציעלע זמנים אין יאָר.

אפילו אידן וואס זענען נארמאלע פארהעלטניסמעסיגע פארדינער במשך דעם גאנצן יאר, און 'מ'שטיפּט דורך' די טאָג-טעגליכע הוצאות, ווערט אבער דער מצב אומדערטרעגליך אין אזא צייט פון יאר וואס ס'קאסט "טויזנטערס" צו באצאלן 'אזויפיל' הוצאות אויף איינמאל, וואס מ'האט נישט צו די האנט. מ'מוז זיך נעמען בארגן, צומאל אויף הויכע צינזן-ראַטעס, און דאס קען אראפּפירן א מענטש פון די פינאנציעלע רעלסן און ס'קען האבן זייער שווערע נאכפאלגן.

אט דערפאר איז "קופּת הקהלה" דאָ. צו העלפן, צו דערלייכטערן, צו ליכטיג מאַכן.

מיט אַן אמת'דיגע זאָרג, מיט אן אמת'דיגע אחריות, פאר די אייגענע חברי הקהלה, וועלכע זענען אָנגעבונדן אין "הקהל הקודש" ק"ק קרית יואל, צו פארזיכערן אז קיינער פון זיי זאל חלילה נישט גיין געבראָכן.

ווייל אָט דאס איז די קהלה! די אונטערלאַנער פון די בני הקהלה בכל עת מצוא!

### די מאַסיווע קאמפּיין וועלכע האט געברענגט דעם סוקסעס

א פערטל מיליאן דאלער זאָגט זיך – און שרייבט זיך – זייער געשמאַק. ס'פאדערט נישט קיין ספּעציעלע אנשטרענגונג דאס צו שרייבן איינמאל און צוויי מאל...

אבער דאס צוזאמשטעלן איז פאקט, האבן

**קופּת הקהלה**
**למען נצרכי אנשי שלומינו**
**דקהל יטב לב סאטמאר**
**קרית יואל**

אזא ריזן אסטראנאמישע סומע אין דער באנק קאנטע איז שוין עפּעס אנדערש. דאס קומט אָן מיט מורא'דיגע אנשטרענגונג.

שוין וואָכן פאַר סוכות האָבן די געטרייע עסקנים וחברי הועד פון קופּת הקהלה זיך צונויפגעזעצט אינאיינעם אינעם צענטראלן קהלה הויפּטקווארטיר אויף 8 גארפיעלד, מ'האט אנגעהויבן מטכס עצה זיין, וויאזוי מ'גייט דא באווייזן אזא אומגעהויערע אונטערנעמונג.

טייל האבן אויפגעברענגט צווייפלען, צי מ'וועט היי-יאר אויך קענען אויפטרייבן אזא סומע, נאך וואס פילע גרויסע נגידים זענען אפעקטירט פונעם ריעל-עסטעיט קריזיס וכדו', אָבער כולם פה אחד האָבן באשלאסן אז מ'מוז דאָס טון. מ'מוז ארײנשפּרינגען און דער רבוש"ע וועט העלפן, יבוא הנס מכל מקום.

דאַן זענען די שפּעפּרישע עסקנים אויפגעקומען אויף'ן געדאנק פון אונטערנעמען א ברייטן קאמפּיין, וואס זאל אפּעלירן צום גאנצן ברייטן ציבור, און אָנשליסן יעדן איינעם מיט נדבות, קלענערע ווי גרעסערע, און אַזוי ארום גרייכן דעם ציל.

אונטער'ן טרעפליכן סלאגאן פון "ייתי ויסכך", וואס זאל אפּשפּיגלען דעם מציאות, אז ווען א איד זאגט סוכות אויפדערנאכט מיט אַן ערליכע כוונה דעם אזמין לסעודתי, מען לאדענט די געסט זאל דאס האבן אַן עכטן לעבעדיגן משמעות: געהאלפן אידן צו האבן צו עסן אויף יום טוב!...

אזוי האט מען געלאזט דעם קאמפּיין אין גאַנג, מיט א ברייטע אויפקלערונג, ברענגענדיג צום אויבערפלאַך ביים ציבור דעם פאַקט אז בתוכינו געפינען זיך הונדערטער משפחות וועלכע דאַרפן הילף לכבוד יום טוב, און דער איינציגסטער וועג וויאזוי מיר קענען זיי העלפן איז ווען יעדער שליסט זיך אָן מיט א ברייטהארציגע 'קמחא דסוכה' נדבה.

### כי להם נאה כי להם יאה:

### אדאנק די געטרייע עסקנים ותומכים האט מען דאס באוויזן ביז אהער אוז מיט סייעתא

### דשמיא וועט מען גרייכן דעם 'פולן ציל'!

די טייערע עסקנים וחברי הנהלה האבן געשוויצט העכער אלע כוחות. לא נתנו מרגוע לנפשם. זיי זענען ארומגעלאפן פון צופרי ביז ביינאכט. מ'איז געגאנגען צו נדיבים, צו בעלי בתים, צו יונגעלייט, מ'האט פון יעדן געבעטן און פון יעדן גענומען. מ'האט זיך נישט אָפּגעשטעלט, וויסנדיג דעם ציל וויפיל מ'דארף און אז מ'מוז יעדן איינציגסטן טשעק דעקן.

למעשה, ווי נענטער די טעג רוקן זיך צום זמן שמחתינו, שטעלט זיך ב"ה ארויס דער "מרבים העם להביא"; דאָס אחדות וואס הילט איין קהלתינו הק' אין יעדן הינזיכט, ווי דער ציבור שטעלט זיך צו מיט אלעמען אזוי געטריי, האט אויך דא רעפלעקטירט, און מ'האָט ב"ה באוויזן צונויפצושטעלן דעם "גאַנצן" סכום! א האלבן מיליאן דאלער; גרייט צו דעקן אלע טשעקס!

מ'מוז דערמאַנען די עסקנים הנמרצים, כל אחד ואחד בשמו הטוב יבורך, כולם אהובים כולם ברורים, וועלכע האבן אין דעם ארײנגעלייגט כל כוחם, אונם ומרצם. מיט פאַראייניגטע כוחות האָבן זיי געאַרבעט במסירות נפש, און ב"ה חפץ ה' בידם הצליח, למעלה מן המשוער.

אין די צענטראַלע אָפיסעס פון קהל יטב לב קרית יואל, אין דער קופּת הקהלה ווינקל, האָבן די פּרינטערס זיך גענומען שפּייען מיט הונדערטער טשעקס, נאָך און נאָך, ביז האלב פונעם ארויסגעשטעלטן ציל, ווען דאַן ווערט יעדעס איינע פאַרפּאַקט אין אַ קאָנווערט, אדרעסירט, און אַרויסגעשיקט!

### אויפגעלויכטן און פריילּיך געמאַכט — דער שמייכל אויף די פּנים'ער!

אויף דער אַנדערער זייט, ווען ס'איז אָנגעקומען צו די אלמנות ויתומים, גרושות ונצרכים, צו די תלמידי חכמים, צו די קינדער-געבענטשטע שטיבער, האט דאס א שטראל פון ליכטיגקייט ארײנגעשיינט אין שטוב. דאָס שמייכל, די דערלייכטערונג, וואס איז ארויפגעקומען אויף די פּנים'ער, דערזעענדיג דעם טשעק, קען מען נישט גענוג משער זיין און אויסמאָלן.

די שטיבער וואו ס'לײדער נישטאָ קיין טאַטע, ה"י, האָבן געשפּירט אזא מין אויפרעכטונג אין הארץ אז ס'דא ווער ס'זארגט, ס'דא ווער ס'טראכט, ס'דא ווער ס'טוט פאר די משפחה, מ'גיט מיט'ן גאנצן הארץ!

בלויז דער חיזוק אליין, אז מ'פארגעסט נישט, מ'האט אינזינען, מ'זארגט זיך, בלויז דאס אליין איז דאך פאר די טייערע משפחות געווען א ישועה מער וויפיל דער פעדער קען ארויסשרייבן, מער וויפיל מ'קען אפילו פארשטיין.

אזוי האט מען פריילּיך געמאכט אין שטאָט, א שמחה ארײנגעברענגט איז הונדערטער משפחות, וואס דאס מיינט פילע טויזנטער נפשות בלי עין הרע, וועלכע האבן אלע געקענט האָבן אַ פריילּיכן גליקליכן יום טוב, אדאנק די ווארעמע שטיצע וואס "קופּת הקהלה" האט זיי געשאָנקען.

### יא אפּגעמאטערט, אבער נישט אויסגעברענט...

דאס איז א מאניפעסטאציע פון צדקה וחסד, וואס טוט אצינד אפּגעקלינגען נישט בלויז אין קרית יואל, נאר זאגאר איבער דער גאנצער וועלט, וואו איבעראל איז מען מפליא דעם אומגלויבליכן דערגרייכונג פון די קרית יואל'ער קהלה, וואס שטעלט זיך אהער ווי א ריכטיגע קהלה קדושה בישראל, וואס פארזארגט אירע חברי הקהלה.

מחיל אל חיל, הערט מען פון די ראשי העסקנים פון "קופּת הקהלה" אז מ'שטעלט זיך נישט דאָ אָפּ. מ'איז טאקע 'אפּגעמאטערט און אויסגעמוטשעט' פון די פּלאָג און יגיעה ערבי ימים טובים, אבער אבסאלוט נישט 'אויסגעברענט'!

אדרבה; מ'איז מלא חיזוק, מלא התחזקות, זעענדיג אז מען שטייט היינט ממחרת ראש השנה און די ערשטע 'חצי' איז שוין געגרייכט, אפּגעשיקט און דעפּאזיט. מען איז איבערצייגט וויפיל מ'קען אויפטון מיט עסקנות און הארץ, און דאס מוטיגט צו גיין פאראויס, ווייטער, גרעסער, העכער, צו גרייכן דעם 'פולן ציל' א פולקאמע 'פערטל מיליאן' למען משפחות עניי אחינו ותושבי עירינו. בעת אלעס ווערט געטון אויף'ן שענסטן דרך כבוד לשם ולתפארת.

### וואויל איז אונז, קרית יואל'ער איינוואוינער!

תושבי קרית יואל רופן אויס: אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו.

וואויל איז אונז אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין א טייל פון אזא שטאט, פון אזא קהלה, וואס פארפיגט מיט אזעלכע קאלאסאלע מעשי הצדקה והחסד, וואס זארגט זיך פאר די עניים ונצרכים פון די שטאט, און וואס העלפט אחינו בשרינו, אונזערע משפחות און אונזערע שכנים אויף'ן שענסטן דרך כבוד, און מ'וואונטשט און מען איז מחזק די געטרייע עסקנים מיט פארגרעסערטע נדבות וואס מען קען נאך געבן אין די לעצט פארבליבענע טעג, בכדי אנצוקומען צו 'אלע' פאסט קעסטלעך אין צייט.

דער ציבור אלפי תושבי העיר וואונטשן די חשוב'ע עסקנים זאלן זוכה זיין צו גיין ווייטער, שפּאנען פאראויס, מחיל אל חיל, להגדיל "קופּת הקהלה" ולהאדירה, ביתר שאת וביתר עז, ובשם ה' נעשה ונצליח, אמן.

**קרית יואל רופט אויס באַגייסטערט צו קופּת הקהלה ועסקני': זכאה חולקנא וזכאה חולקיהוו!**



בס"ד
אתרוגים מהודרים
יאנעווע און מאראקא
לולבים שלמים
און
הדסים משולשים
מיר טוען מעלדן
פאר אונזערע
חשוב'ע קאסטומערס
אז היי יאר האבן
מיר א גרויסן
אויסוואהל
פון הערליכע
ביי אונזער
רחבות'דיגן
לאקאל
אין צענטער פון
שטאט
17 גארפיעלד רד. #201
אריינגאנג פון די לינקע זייט
מיר וועלן בעז"ה זיין אפן
אנגעהויבן פון
צום גדלי' יעדן טאג
פון 5:00 ביז 11:00
ערש"ק - פון 11:00 ביז 1:30
מוצש"ק - פון 10:00 ביז 12:00
מיר ערווארטן אייך צו באדינען מיט די בעסטע סערוויס ווי אין די פארגאנגענע יארן
יושע דוד טייטלבוים
845-248-6552
נפתלי משה טייטלבוים
845.637.6562
אברהם שלום שווארטץ
845.537.0767
יוסף אלי' גרינהוט
845.395.6839

עמוד התורה

בסוכות תשבו שבעת ימים

הננו בזה להודיע לכל אברכים היקרים שנשאו בשנה האחרונה
שלקראת חג הסוכות הבעל"ט סדרנו

שיעור כללי
מיוחד לאברכים
דיני ישיבת סוכה

ע"י הרה"ג
רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ בית מרדכי לייב דקהלתינו הק'

ביום ה' האזינו הבעל"ט
בשעה 5:15 אחצ"ה

בבהמ"ד הגדול
חדרי בית שמעון-טאלטשאווא

שמעו ותחי נפשכם!
הנהלת עמוד התורה

עמוד התורה

המשלשים בשלש קדושות

דרשות הכנה והתעוררות

בשיעור הקבוע המתקיים בכל ליל שישי
רבי לייבוש דייטש שליט"א
מגיד מישרים בקהלתינו הק'

הכנה לחג הסוכות
ה' האזינו
ממחרת יום הכיפורים

בשעה 9:15 בערב
בבית המדרש הגדול
בהיכל עזרת נשים

Orange Collision Inc.
אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, חפט גליך:
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

We Patch It
We Paint It
We Clean It
WE CLOSE ANY WALL ANY SIZE
24 HOUR SERVICE
PatchMan
845.388.1444
WWW.GOPATCHMAN.COM

YOUR GPS
From Renter To Homeowner
845-818-0750

OWL SECURITY
845.782.8090 | אברהם יהושע בינער
sales@owlsecurityinc.com

קריז יואל מענער
דריי-גודס היפט
קווארטיר.
MEN'S CORNER
27 QUICKWAY RD UNIT 104
Free Delivery
845.782.6756

Qbin Closets
A Custom Experience
CALL NOW FOR YOUR FREE ESTIMATE
845.324.0004
sales@qbinclosets.com

Berry's Landscaping
We Grow Satisfaction
845.204.8138
berryslandscaping@gmail.com

kj vitamins
& health food
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעדען תזמורת
טראנספארטאציע רוטס אינפארמאציע
#9 845.782.1340 #1

COLORIFIC
845 783.6863

HANDYWORK
MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב ווייס
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | זרח יואל ווייס

elite healthcare
14 Raywood Dr.
782-4000

פלאמבינג – עלעקטריק
845-239-7697
לייבל קופפשטיק

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

F&W BOOKKEEPING
845.492.3945
fandwbookkeeping@gmail.com

Upstate Collision
LEASING · RENTAL · COLLISION · 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400






פראגרעסירענדע בוי ארבעט ביים אויסברייטערן ביהמ"ד טאהש אויף סאטמאר דרייוו



פאמפ טראק גיסט פרישע יסודות פאר א געביידע אין שכונת לעמבערג



קורבס געגאסן פאר די נייע סיידוואק אויפן אויסגעברייטערטן 'עיקערס ראוד'






מאנראו פייער באאמטע ביים רעאגירן צו א הילפס רוף פארנט פון 'גאזאגי פארק' האלטנדיג פארשלאסן די פארנומענע מאונטען ראוד וואס פארבינדטביידע אידישע ווילעדזשעס







הונדערטער זיצן אויף גאלעריען לענגאויס ברכת כהנים זיצן צו אקאמאדירן ציבור האלפים צו די תפילות ימים נוראים אין גרויסן ביהמ"ד בצל מרן רבינו שליט"א





גרויסע ברעטער הויעך 16 פיס ווערט צוזאמגעשטעלט דורך די בארימטע 'אינדיגאו' פירמע אויפן שטח בית אופה דקיט"ל קרית יואל וואס וועט גענוצט ווערן אויפצובויען דעם 'סוכה הגדולה' דקהל יטב לב בצל הגה"צ מורינו שליט"א




י.א.ל.

צווייטער טייל

# ערשמאליגן אריינבליק

אינערהאלב די

## ברייט-פארצווייגטע פעולות חובקות

פונעם אלוועלטליכע הייליגער ארגאניזאציע

# אתרא קדישא

## אינפארמאטיווע אינטערוויא

אפגעהאלטן מיט

העסקן הדגול הרה"ח ר' **חיים אליעזר הײמליך** שליט"א

מגדולי עסקני אתרא קדישא רבות בשנים

וועלכער איז אריינגעטון בעובי הקורה מדי יום ביומו אפצוהאלטן חיטוטי שכבי לעגאוים ארץ הקודש וברחבי תבל

### מיר האבן געשמועסט וואס עס געשעט ווען אתרא קדישא קומט אן צו א שטח וואו מ'בויעט, און מ'האט דארט געטראפן קברים, און דער בוי-אייגנטומער פאלגט אויס גלייך, און גיבט נאך די בקשה פון אתרא קדישא נישט צו טשעפען די קברים.

### וואס טוט זיך אבער אויב דער איז אן עקשן און האלט נישט דערביי, פאר סיי-וועלכן סיבה ס'איז, צי איז דאס סתם ווייל ער האט פיינט דעם חרדי'שן איד, צי ווייל ער מיינט ס'גייט אים קאסטן געלט, וואס איז די קומענדיגע שטאפל וואס אתרא קדישא נעמט, מ'גייט מאכן א מחאה ביי דעם ארט?

**ר' חיים אליעזר:** קודם פאר אלעם לאמיר אייך גיבן דעם נומער, איך ווייס נישט אויב איר וועט אונז גלייבן, אבער דאס איז דער מציאות: בלויז 1 פראצענט פון אלע פראיעקטן ענדיגט זיך מיט א מחאה!

איי, רוב עולם זעט בלויז די מחאות. נו, דאס איז דאך וויבאלד ווען מיר האבן צו טון מיט א גרויסן עקשן, תקיף, אאו"ו, מוזן מיר נוצן דעם ווירקזאמען מיטל, דאס געווער פון מחאות, און מיר נויטיגן זיך אין די הילף פון ציבור ארויסצוקומען און פראטעסטירן. אבער רובא דמינכר חלק פון אונזער עבודה קשה שבמקדש טוען אונזערע עסקנים אליין, אן צו דארפן צוקומען צום עולם, דערפאר האלט דאס קיינער נישט מיט, דעריבער ווייסט מען ניטאמאל אין וויפיל פראיעקטן מיר זענען אלס פארמישט, און וויפיל שווערע כוחות ס'פארלאנגט זיך ביי יעדע סארט פראיעקט.

יעצט צו די פראגע וואס טוט מען ווען דער בעל הבית עקשנ'ט זיך, איז דא כמה וכמה עצות און מיטלען וואס מיר נעמען. צום ערשט פרובירן מיר צו מברר זיין ווער זיינע חברים זענען, מיר פרובירן צו לייגן אויף אים פרעשור מיט 'שיינעם' אז ער זאל פארשטיין די ענין חמור פון טשעפען די קברים, און אזוי אויך די שווערע נאכווייען וואס קען ח"ו געשען אויב מ'פארטשעפעט זיך.

אויב דאס ארבעט נישט פרובירן מיר דורכצוגיין מיט אים די אלע פתרונות וואס מ'קען טון בעז"ה, אזוי ווי הונדערטער פראיעקטן וואס מיר האבן שוין ב"ה מצליח געווען צו ראטעווען.

### ווען דער בעל הבית טענה'ט אז ער האט נישט קיין מהלך וויאזוי ער זאל קענען בויען אן טשעפן די קברים ח"ו, וואס טוט יעצט אתרא קדישא?

**ר' חיים אליעזר:** מיר נעמען זיך צום קומענדיגן שטאפל, מיר זעצן זיך אראפ מיט די גרעסטע 'ארכיטעקט-פלאנירונגס קאמפאניעס' וועלכע האבן די מערסטע ערפארונג אין צושטעלן פלענער פאר ריזיגע פראיעקטן, און זיי גייען איבער מיטן בוי-אייגנטומער די מהלכים, און ווייזן אים אויף אז מ'קען יא בויען אן דארפן צורירן צו קברים. ס'דא טיילמאל וואס מיר אליין צאלן אויס די קאסטן פון מאכן א געהעריגן נייער פלאן פאר א פראיעקט, אז מ'זאל קענען בויען אן דארפן צורירן צו די קברים.

דערנאך שיקן מיר אריבער דעם פלאן פארן בעל הבית, און רוב מאל טאקע ברעכט ער זיך און ער טוישט דעם פלאן לויט ווי מיר האבן אים געשיקט, וואס ווי געזאגט קומט דאס פון די גרויסע פראפעסיאנאלע קאמפאניעס.

### איז אלעמאל דא א אלטערנאטיווער פלאן מיט וואס מ'קען ארויסקומען אז מ'זאל נישט דארפן בויען דורך מחלל זיין די קברים?

**ר' חיים אליעזר:** דער קורצער ענטפער איז: יא! אבער דער לאנגער ענטפער איז אז ס'קען טאקע נעמען וואכן לאנג ביז וויילאנג מיר האבן א קלארער פלאן.

לאמיר עס מסביר זיין. אין אסאך פעלער קומען מיר אן צו די ארכיטעקט-קאמפאני, און זיי טאקע שטעלן אויס א נייער פלאן, און הכל על מקומו יבא בשלום.

אבער עס איז פאראן ווען נאכן שטודירן דעם שטח מיט יעדן קליינעם דעטאל, קומען זיי צוריק אז ס'איז נישטא וואס צו טון! ס'איז אוממעגליך צו בויען לויט קיין שום פלאן, אן צו דארפן צורירן צו די קברים!

דאן קומט די גאר שווערע עבודה. נאך גלייך פון אנהייב אן ביים זיין פארנומען מיט די פלענער, קומט אריין דער גרויסער באקאנטער מומחה נפלא אויף דעם געביט, הרה"ח ר' יחזקי' קאלמאנאוויטש שליט"א מגדולי עסקני אתרא קדישא, ר' חזקי' איז א וואונדערליכער מומחה אין פלענער, וואס אין די גאנצע וועלט וואו אימער ער זעצט זיך ביים טיש מיט די העכסט בארימטע ארכיטעקטן פון די גיגאנטישע בוי פירמעס, באציען זיי זיך צום אים מיט גרויס רעספעקט, צוליב וואס זיי ווייסן שוין, פון זיין גרויס וויסענשאפט און חכמה אין די ארכיטעקט נושאים.

דעריבער ווען די קאמפאני זאגט אז מ'קען גארנישט טון, נעמט זיך ר' חזקי' צום שווערן עבודה פון אפירזוכן פון אונטערן טיש א געהעריגן פלאן וואס זאל יא שטימען אז מ'זאל נישט דארפן מחלל זיין די הייליגע קברים.

ר' חזקי' מיט זיין גרויס חכמה, ארבעט זייער שווער און שטרענגט

זיך איבער טיילמאל למעלה מכוחותיו, ביז ווילאנג ער קומט ארויס מיט א לעגיטימער פלאן וואס מ'זאל קענען צייגן פארן בעל הבית.

איך קען אייך זאגן - מ'דארף נישט אזויפיל דאס ארויסברענגען ברבים - אבער די גרעסטע מומחים אין די פעלד שטוינען מיט וואונדער אויף די וואונדערליכע חכמה פון ר' חזקי', ווען זיי האבן שוין כמה פעמים אים געפרעגט "אין וועלכן קאלעדזש ער האט געלערנט?". זיי קענען נישט גלייבן אז מ'רעדט דא פון א פולקאמער פרומער איד, וואס האט אין קיין קאלעדזש קיינמאל געלערנט, נאר נעמט זיין חכמה פון די הייליגע חכמת התורה. כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים!

## דאס איז טאקע וואונדערליך צו הערן, און איך מיין אז רוב מענטשן וועלן דאס הערן צום ערשטן מאל, צו האבן א גרונטליכער טיפער אריינבליק וואס טוט זיך אלס אפ אין די הונדערטער פראיעקטן 'און מאכן מחאות'.

## אבער איך וויל פארשטיין איין זאך, ביז ווילאנג ענק זענען פארנומען צו ברענגען אלטערנאטיווע פלענער צום בוי-אייגנטומער, טוט ער דאך ווייטער פארזעצן מיט זיינע גראבונגען, נישט אזוי?

## אם בן מה הועילו, ער קען דאך שוין ח"ו אויסגראבן דעם גאנצן באדן ביז מ'קראצט אפיר אלטערנאטיווע פלענער?

**ר' חיים אליעזר:** איך זע איר האט בכלל נישט ארויס וואס אתרא קדישא'ס עיקר ארבעט איז. מיר פרובירן צו זיין ביים באדן 'נאך איידער' ער פאנגט אן צו גראבן! איינמאל ער גראבט שוין, איז שוין צרות!

יעדע פראיעקט דויערט דאך חדשים, צי יארן, ביז ווילאנג דער בוי-אייגנטומער נעמט זיך צו די גראב ארבעט, און מיר מאכן זיכער ברוב סייעתא דשמיא, צו זיין דארט אין די חדשים וואס ער פלאנירט נאך, ווייל דאן איז נאך דא צייט צו קענען ארומטוישן, און מען קען נאך גרינג ארומדרייען מיט די פלענער.

## יעצט לאמיר פארשטיין, פארוואס זאל איינער גרייט זיין אנצונעמען די פלענער פון אתרא קדישא?

## לבאורה גייט ער דאך שאדן האבן, וויבאלד ער קען נישט בויען אינעם בעיסמענט, אזוי אויך בבלל ארומצוטוישן דעם פלאן קאסט דאך אסאך געלט?

**ר' חיים אליעזר:** ווי פריער געזאגט קומען מיר אן אין די פריע פלאנירונגס שטאפלען, דאס הייסט אין אסאך פעלער האט ער נאכנישט קיין געהעריגע ענדגילטיגער פלאן.

איר מוזט פארשטיין נאך א זאך, אין רוב פעלער רעדט מען פון ריזיגע מעכטיגע פראיעקטן, וואס א דריי אהער א דריי אהין מיטן פלאן, מאכט אים נישט עכט אויס. ער טוישט דאך אויך כסדר אהער מיט אהין, און די שינוים צו מאכן אינעם פלאן, איז נישט קיין שאלה פון גרויסע געלט זאכן אין רוב פעלער.

און וועגן בעיסמענטס, דא איז דא זייער אסאך פראיעקטן וואס פארמאגן בכלל נישט קיין בעיסמענט, דעריבער נישט אלעמאל איז בכלל דאס דער נושא אז ער גייט פארלירן דעם בעיסמענט שטאק. ווען ס'איז יא דא א רעדע פון א בעיסמענט שטאק, מיינט דאס נישט אז דורך ניצן אונזער פלאן פארלירט מען גענצליך דעם שטאק, נאר מיר דרייען אויס די פלענער, אנשטאט צו מאכן די בעיסמענט איין זייט, רוקט מען עס צו א צווייטער זייט, אזוי אז עס זאל נישט צורירן צו קברים.

אסאך מאל איז דער בעיסמענט שטאק בלויז פאר פארקינג, דעריבער איז עס זייער גרינג צו קענען ארומרוקן די פארקינג פון איין זייט צום צווייטער.

זייער אסאך מאל ארבעטן מיר מיט'ן שטאט-ראט, אז אויב קען ער נישט בויען אזוי טיף אדער ברייט ווי ער האט געפלאנט מתחילה, זאל אים די שטאט גיבן מער רעכטן צו בויען מער שטאקן וכדומה, א זאך וואס איז געווענליך נישט ערלויבט. אבער וויבאלד ער האלט זיך אפ צו מחלל זיין די מערות קבורה, געט אים די שטאט אנדערע רעכטן.

## איז דא אמאל וואס מ'זעט די פארקערטע, אז דער בוי-אייגנטומער האט גאר פארדינט דורך אננעמען דער מהלך פון אתרא קדישא?

**ר' חיים אליעזר:** וואס רעדט איר, אוודאי! מיר האבן ב"ה זייער אסאך מעשיות וואס ענדיגט זיך אז דער בעל הבית קומט זיך באדאנקען פאר אונז, אז ער האט גאר געהאט א ניצן דורך ארומטוישן די פלענער. ס'מאכט זיך טאקע נישט אזוי אפט, אבער ב"ה אין משך פון די אלע יארן האבן מיר שוין געהאט אסאך אזעלכע פעלער.



בית הוראה
דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

זמני בית הוראה

לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

משעה 9:00 עד 10:00 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 10:00 עד 12:00 לפנצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:00 עד 12:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 8:30 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 8:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

משעה 3:00 עד שעה 6:00
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

24 שעה הוראה ליין:
845.783.5688 #3

לכל עניני בית הוראה יכולין לפנות
להרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א
יו"ר הנהלת בית הוראה
845.248.8879

איך וועל דערמאנען איין מעשה וואס איז געשען ממש היי-יאר. ס'איז געווען א ריזיגע פראיעקט אין עיר האבות באר שבע, וואס מ'האט געטראפן קברים אויפן באדן, אבער דער יעניגער איז א גאר שווערער בחור, ממש ער האט זיך גע'עקשנ'ט על תולה ארץ.. נישט געהאלטן זיך ביים רירן כי הוא זה.

למעשה נאכן נעמען די ריכטיגע אויסגעפרואווטע מיטלען, איז אונז נאך א שטיקל צייט געלונגען אים צו בייגן, און ער האט שוין מסכים געווען צו נעמען אונזערע פלענער בעז"ה. למעשה איז געווען צוויי לאטס אויפן שטח וואס האבן געהאט קברים, איינס האט ער מודה געווען אבער די אנדערע האט ער זיך נאך געהאלטן ביי זיינס, און זיך גע'טענה'ט אז ס'קען נישט זיין אז דארטן זאלן זיין קברים, דעריבער האט ער זיך נישט געוואלט ברעכן ביים צווייטן לאט, וואס געפינט זיך אויפן זעלבן שטח.

למעשה נאכן אויפדעקן די ערד האבן מיר אנטדעקט די קברים ביים אנדערן מקום, וואו ער האט שוין געהאלטן ביים אנהייבן צו גראבן, וואס ער איז ממש געווארן ערשטוינט פון וואנעט מיר זענען געווען 'נביאים' צו וויסן אז דארטן געפינען זיך אויך קברים...

ברבות הימים, נאכדעם וואס ער איז שוין אינגאנצן געגאנגען מיט אונזערע פלענער, וואס נעמט אריין אז מ'זאל חלילה נישט דארפן צורירן די מערות קבורה, רופט ער אונז אראפ אין זיין אפיס, טאקע באותו מקום וואו מיר האבן זיך גע'טענה'ט מיט אים א שטיקל צייט פריער, און ער הייבט אן צו רעדן, זאגנדיג מיט א שמייכל: "איר האט מיך געמאכט שפארן 'מיליאנען' שקלים!".

ער האט אראפגעלייגט די גאנצע מעשה, וואס לויט זיין פריערדיגן פלאן וואלט ער געדארפט אראפגראבן איבער 300 פיס אין דער ערד, און נאך אסאך זאכן האט ער מיט אונז אויסגעשמועסט, און אויסגעפירט: "וויבאלד ענק האבן מיך אויפגעהאלטן איבער דריי וואכן, האב איך געהאט גענוג צייט, איך האב באשטעלט נאך א קאמפאני צו מעסטן די ערד, און צום סוף זענען זיי ארויסגעקומען מיט סאך א בעסערע מיטל וואס גייט מיך שפארן מיליאנען שקלים!".

אין אדם שומע לי ומפסיד! אבער נישט אלעמאל זעט מען עס אויפן פלאץ, ב"ה פון מאל צו מאל זעט מען עס באשיינפערליך ברוב סייעתא דשמיא.

ס'געווען נאך איין מעשה וואס די גאנצע פרייע מידיא איז געווען פארנומען דערמיט, אז אדאנק אונזער ארבעט האט מען פארדינט, הערט א נומער: גאנצע 5-0-0 מיליאן שקלים!!!

דאס איז געווען ביי 'כביש 85' אויפן וועג קיין מירון, ווען מ'האט געבויעט א נייע באן ליניע און דער אריגינאלער פלאן איז געווען צו גראבן א אונטער-ערדישן טונעל אונטער די בערג וואו די באן וועט דורכלויפן, אתרא קדישא האט זיך קעגנגעשטעלט ווייל אין דעם בארג זענען פאראן אור אלטע קברים. אבער אלע גרויסע קאמפאניעס זענען געווען איינגעשפארט אז דא קען מען גארנישט טון, און מיר וועלן דארפן אויפגעבן היל"ת.

מ'קען זיך פארשטעלן ביי אזא ריזיגען פראיעקט ווי א נייע באן ליניע זענען געשטאנען די גרעסטע קארפן קעפ און העכסט ראנגיקע אינזשענירן און ב"ה נאך די איבערגעשטרענגטע ארבעט וואס ר' חזקי' האט אריינגעלייגט, איז ער אויפגעקומען מיט א געניאלן פלאן אנשטאט די באן זאל פארן אונטער-ערדיש, זאל מען בויען א בריק אן טשעפען ח"ו די קברים, און די באן וועט דורכפארן די בערג פון אויבן.

נאך וואס זיי האבן אקצעפטירט דעם פלאן, האבן זיי איינגעזען וויאזוי זיי האבן זיך אזוי וואונדערליך געשפארט דעם פאנטאסטישן נומער פון 500 מיליאן שקלים![ארום הונדערט פופציג מיליאן דאלארן] און זייערע גרעסטע מידיא נעצן זענען געווען פארנומען דערמיט.

## דאס זענען טאקע וואונדערליבע געשיבטעס, און גיבט אונז א טיפה מן הים אין וואס אלס אתרא קדישא איז פארמישט, און די שטוינענדע עפיזאדן וואס קומט טיילמאל ארויף אויפן אויבערפלאך דעם 'אין אדם שומע לי ומפסיד'.

## אצינד מיר ווייסן איר האט נישט גענוג צייט אלעם אויסצושמועסן, ווייל מיר זעען ביז אהער אז יכלה הזמן והם לא יכלו. אבער שטייענדיג ביים יערליכן הייליגן מגבית פון גיבן 'כופר נפש' פאר כלל ישראל'ס הייליגע ארגאניזאציע, וואס גדולי ומאורי ישראל נאך פון פריערדיגן דור האבן איינגעפירט, איז פאר מיר ענדיגן ווילן מיר הערן אויפן שפיץ גאפל, וואס קאסט אלס געלט פאר אתרא קדישא, און פארוואס דארף מען אזוי צוקומען צו יעדנ'ס נדבה?

**ר' חיים אליעזר:** איך מיין איך דארף טאקע גיין נאר אויפן שפיץ גאפל, ווייל אויסרעכענען די פילע דעטאלן אין וואס מיר זענען פארמישט, איז פשוט נישט מעגליך אין די ראמען פון א קורצן שמועס.

אבער לאמיר זען צום ערשט, וואס דאס איז איינס פון די עיקר אויסגאבן, דאס וואס מיר פארמאגן 'ארום 20 איינגעשטעלטע' משגיחים מפקחים, וואס גייען ארום פון די פריע פארטאגס שטונדן, ביז ביינאכט אין אלע ערטער אין ארץ ישראל, וואס דאס אליינס קאסט אפ א געוואלד.

ס'קאסט די איינגעשטעלטע. ס'קאסט די 'דזשיפ'ס' אנצוקומען צו אלע פארשטופטע דערפלעך און בערגיגע שטחים, וואס דאס נעמט אויך אריין די 'געז' קאסטן.

דערנאך איז דא פעלער וואס מ'דארף האבן 'שמירה' בייטאג און ביינאכט, אפצוהיטן די מערות וואו ס'איז דא א חשש אז ס'וועט ווערן אויסגעגראבן במזיד ח"ו.

און ס'איז דא די ארבעט וואס קומט ביים אראפגיין צום שטח דארט וואו מ'טרעפט קברים. מ'דארף 'אויסמעסטן' דורך פארשידענע פארגעשריטענע כלים ביז וואו ווייט די מערות ציען זיך.

די 'פלענער' ווי געשמועסט, ווען מ'גייט אראפ צו העכסט-פראפעסיאנאלע אינדזשינירן, און מיט א געוואלדיגע מומחיות ארבעט מען אויס א פולקאמער נייער פלאן, אז מ'זאל קענען בויען 'כיפין ע"ג כיפין' כהלכה אן טשעפען די קברים.

און אזוי אויך דארף מען האבן 'השגחה בשעת'ן בויען', אז די כיפין ע"ג כיפין ווערט טאקע אויסגעפירט לויט די הלכה, און מ'האלט זיך צו אונזער פלאן.

אזוי אויך איז דא גאנצע ארבעט וואס פארלאנגט זיך צו 'מלקט זיין עצמות קדושות', וואס ווערן ליידער פארשוועכט, וואס נעמט אריין אין זיך, אסאך אינגעלייט צו טון די ארבעט, מאשינען וואס העלפן צו, וכדומה.

ווען עס קומט צו חוץ לארץ, וואס ווי געזאגט איז דאס א חלק פון אונזער ארבעט, פארלאנגט זיך עקסטערע סארט מיטלען וואס מיר טוען, כדי אפצוהאלטן רעגירונגען, און פריוואטע אייגענטומער צוגלייך, נישט ח"ו צו בויען דורך מחלל זיין קברי ישראל.

ס'פארלאנגט זיך 'פילצאליגע פלי-רייזעס' איבער אלע עקן וועלט. מ'בויעט 'גדרים' צו ארומצוימען די בתי חיים, וואס האבן נישט ווער ס'זאל זיך אומקוקן אויף זיי, ווען טיילמאל דארף מען געהעריג 'אויפריייניגן' די בית החיים פון אנגעלייגטע שמוץ.

אזוי אויך פארלאנגט זיך פילע 'אינטערוועניץ, שליחות'ער, מיטינגען, אראנדזשירן דעלעגאציעס', צו הויכראנקיגע פאליטישע באאמטע, צו אינטערווענירן אז זיי זאלן זיך צושטעלן נישט אנצורירן די קברי הקדמונים וקברי אבותינו.

דערנאך איז דא די 'אפיס אויסגאבן' פון די איינגעשטעלטע, און א מאסיווע 'דאטא-באזע' וואס זאמעלט אומצאליגע אינפארמאציע איבער די שטחים אין ארץ ישראל, וואס איז השתיקה יפה להם.

## עפעס האבן מיר געהערט אז מ'האט געעפענט א פרישע אפיס, וואס קענט איר זאגן דערוועגן?

**ר' חיים אליעזר:** יא ב"ה אין די לעצטע צייטן האבן מיר איינגעריכט א פולשטענדיגע פרישע אפיס, וואס נעמט אריין אין זיך אלע צוגעהערן נויטיג פאר די פעולות חובקות פונעם הייליגן ארגאניזאציע.

דער אפיס האט געהאט די זכי' צו מנדב זיין דער איש המרב"ה חסד המפורסם הגה"צ אב"ד טאלטשווא שליט"א, וואס האט געשאנקען א גרויסע נדבה צו פינאנצירן דעם אזוי-וויכטיגן פראיעקט פון האבן א פרישן העכסט-אויסשטאפירטן אפיס, דער גרויסער זכות פון אפהיטן קברי ישראל וועט אים אודאי ביישטיין צו געהאלפן ווערן בכל מידי דמיטיב.

## וואס קענט איר זאגן וועגן דער אמעריקאנער הנהלה פון די געטרייע אישי הציבור וועלבע זענען אריינגעטון אין די פעולות פון אתרא קדישא א גאנץ יאר?

**ר' חיים אליעזר:** געוויס קען מען דאס נישט אויסלאזן, ווען





מ'רעדט פון אתרא קדישא מוז מען דאס דערמאנען.

בעפאר אלעם ווילן מיר אונטערשטרייכען דאס וואס מיר האבען דערמאנט אין ערשטן טייל, אז אתרא קדישא איז געגרינדעט געווארן מיט די פולסטע שטיצע פון גדולי ישראל פון אלע קרייזן, און הגאון רבי דוד שמידעל האט ביי יעדע הלכה'דיגע זאך וואס האט געדארפט א הכרעה פון דעת תורה, זיך באראטן מיט אלע זקני גדולי הדור זי"ע און נישט געטון ביז ער האט ערהאלטן יעדענס צושטימונג.

נאך די הסתלקות פון רבינו הקוה"ט בעל ויואל משה זי"ע וואס האט צוזאם מיט הגה"ק מבריסק געגרינדעט אתרא קדישא, האט ממשיך דרכו מרן הגה"ק בעל ברך משה ווייטער געשטאנען לימין אתרא קדישא, זייענדיג דער ערשטער חותם צוזאם מיטן הגה"ק בעל מנחת יצחק זי"ע ובית דינו אויפן קו"ק מחייב צו זיין יעדע משפחה מיט פדיון נפש עריוה"ק פאר אתרא קדישא. דער ברך משה האט אלעמאל געהאט א אפענע טיר פאר די עסקנים און בימיו מיט זיין עידוד און הילף זענען אנגעגאנגען די גרעסטע מחאות קעגען חיטוטי שכבי דאהי און אין אמעריקע. ולאחר הסתלקותו איז דאס ממשיך ווייטער להבחל"ח בנו יקירו ממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

די געטרייע ועד הנהלה זענען, דער יו"ר הרב החסיד ר' אלימלך שטערן שליט"א, וועלכער האט די זכי' צו זיין בעובי הקורה אין די לעצטע צענדליגער יארן, און איז ארייגעטון אין יעדן פראיעקט למען הצלת קברי הקדמונים, מיט געוואלדיגער מסירות נפש. און מיט אים יו"ר וועד החינוך פון מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג הרה"ג ר' שלמה הערצאג שליט"א, און דער לאנגיעריגער פילבארער עסקן הרה"ח ר' אברהם צימערמאן שליט"א וועלכע שטייען לימינו פון הגה"צ רבי דוד שליט"א אין למען הצלת קברי הקדמונים מיט גרויס איבערגעגעבענקייט.

ונודע ביהודה ובישראל דער באקאנטער לעגענדארער שר העסקנים והשתדלנים, הרה"ח ר' משה דוד נידערמאן שליט"א, וועלכער איז שוין לאנגע יארן דער עומד בראש ווען עס קומט צו יעדן סארט שתדלנות אפצוראטעוועןן קברי ישראל בכל רחבי העולם, און מיט זיין גרויסער איינפלוס און קשרים, האט ער שוין אויפגעטן גאר א געוואלד, און גייט אן למעלה מכוחותיו צו איבערקערן יעדן שטיינדל ווען עס קומט צו די הארבע נושא פון שמירת קברים מידי חילול.

## צום שלום וואס קענט איר זאגן פאר כלל ישראל שטייענדיג בעפאר דעם גרויסארטיגן מגבית 'כופר נפש' תשפ"ג, ווען יעדער גרייט זיך צו קויפן די ריכטיגע שמירה ליום הדין, דורך העלפן מיט די שמירה פאר קברי קדושי עליון?

**ר' חיים אליעזר:** קודם וויל איך זאגן מ'זאל וויסן אז ליידער איז דא אסאך חובות וואס דריקן, און מ'דארף זיך קענען דעקן כדי אנצוגיין מיט די עבודת הקודש, און מ'זאל זען זיך אנצושטרענגען מיט ריכטיגע גרויסע סכומים, און בפרט צו געבן די באשטימטע כופר נפש פון '$54' וואס איז בערך די היינטיגע ווערד וואס איז געווען ח"י דאלאר אין יענע צייט ווען אונזערע גדולים האבן מתקן געווען צו גיבן.

דערנאך איז כדאי אראפצוברענגען א טיפה מן הים פון די הייליגע ספרים לגבי די נושא פון אונזער אחריות אפצוהיטן קברי ישראל פון קומען לידי חילול, וואס איז אלע יארן געווען די סאמע העכסטע צדקה אויסגאבן, און די חמורות שבחמורות ביי אלע ערליכע אידן.

עס איז דא די באקאנטע שטיקל פון הייליג ספר שער המלך אויף די ימים נוראים וואס ברענגט גאר שטארקע דיבורים אויף אונזער נושא, וואס מ'דארף אויסגעבן געלט אפצוהיטן אויף בתי חיים, בפרט בימי הרחמים והרצון וז"ל: ומאחר ששבח אני את המתים, באתי להזהיר את החיים שיזהרו בכבוד המתים, כי זה כל האדם, ובפרט שראיתי בכמה מקומות שאינן מגדרין גדר ולא עומדין בפרץ, והחצר מות הוא בית הקברות אינו מוקף מחיצות, ונפרץ מכל צד ופרוץ מרובה על העומד כמו פסי ביראות לעולי רגלים, רגלי בהמות הולכות בהן דריכת בהמות גסות ודקות, עושין חפירות בהקברים לחפור את הארץ, והוא עון פלילי לנהוג מנהג בזיון לקדושים אשר בארץ המה, אשר קנו מקומם, ומה נורא המקום הזה, כרם ד' צבאות בית ישראל, כמו שמשמרן כרם חמד הנטוע נטיעת יקרים, שיהא הגדר סביב שלא תוכל הנמי' לקפוץ ולכלות הנטיעה, כמו כן קדושת הארץ זו, שקדשה לעתיד לבא, כמה דכתיב, ואנכי נטעתיך שרק כולה זרע אמת, ובכולן יצמחו לעתיד לבא כציץ השדה יציצו לתחית המתים, מהראוי שלא ינהגו בהם מנהג הפקר, והיתה שבת הארץ שדך לא תזר"ע וכרמיך לא תפרו"ץ לבהמתך ולחיות השדה.

לכן הזהרו והזהרו מאוד ומאוד, ובפרט באלו הימים לתקן את זאת, והחסד הזה שעושין עם המתים הוא חסד של אמת, ובפרט שאנו מצפים לתשלום גמול טוב, שיליצו בעדינו, יום הדין, ודבר קל הוא לצבור שאין חסרון כיס בדבר המוטל על הצבור ועל כל עם הקהל, ואם אין בקופה של צדקה מעות, ועשו נדבה על זה, ובפרט שאין מחמירין לעשות חומת אבנים, רק עצה טובה קמשמע ליה לעשות בנין עצים כי שבחוהו גם לדציבא, רק שלא תהא מפולש כרשות הרבים, ואנו סותמין אותם בקורות, והם יסתמו אותנו בלחי"ם, שיזכרו אותנו בטוב ולמשפטינו יעמדו כחומה סביב, והמקטריגים יעמדו חוצה, ובזכות זה יקוים בלע המות לנצח ומחה ה' דמעה מעל כל פנים וגו'. עכ"ל.

דערנאך איז דא אין ספה"ק דובב מישרים (ח"ג סימן מט) וואס שרייבט אזוי: הראוי לזרז את אנשי קהלתו, שיתאמצו בכוחות עצמם, לבצר ולהקים חומה סביב בית הקברות שלא יחולל. וכעין זה עיין בשו"ת שיבת ציון (סי' סב) מובא בפתחי תשובה (יו"ד סי' שס"ח סק"ד) שהקהל צריכים לבזבז הוצאות לבצר החומה ולעשותה גבוהה הרבה שלא ישלטו בה זרים.

אויך איז דא מורא'דיגע ווערטער פון רבינו הגאון המקובל האלקי רבי יואל סירקיש זי"ע, דער ב"ח, וואס ס'שרייבט אין זיין ספר משיב נפש אויף מגילת רות אויפן פסוק יתן ד' ומצאן מנוחה אשה בית אישה כאשר עשיתן חסד עם המתים וגו', מורא'דיגע ברכות און השפעות וואס דער מענטש איז זוכה פאר מטפל זיין מיט קבורה פון מתי מצוה. ער וועט זוכה זיין צו גאר געזונטע געלונגענע בנים צדיקים, און צו האבן מנוחה און שלום בית, און נאך און נאך ברכות עד בלי די. צווישען אנדערע זאגט דער הייליגער ב"ח אז צוליב וואס רות האט זיך מטפל געווען מיט די קבורה פון איר מאן מחלון וכו' האט זי זוכה געווען אז פון איר איז ארויסגעקומען שלמה המלך וואס האט געבויעט דעם בית המקדש

בס"ד

בית הוראה

והודעת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון

קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# רשימת מורי צדק דקהלתינו

העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: **845.783.8790** ספרים שטוב: **845.782.7399**

הרה"ג רבי **יעקב יודא ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: **845.783.8259** ספרים שטוב: **845.782.4671**

הרה"ג רבי **מנחם מענדל ווייס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: **845.782.3190** סעל: **347.598.3917**

הרה"ג רבי **בערל ראזענבערגער** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: **845.783.3224**

הרה"ג רבי **שלמה יונגער** שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: **845.783.7201** סעל: **845.248.8021**

הרה"ג רבי **שמואל יעקב מייזעלס** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: **845.781.8143** סעל: **845.395.4972**

הרה"ג רבי **שבתי קאהן** שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd. #302
היים: **845.783.3572** סעל: **845.537.1559**

הרה"ג רבי **יואל ברוין** שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: **845.783.9842** סעל: **845.537.7843**

הרה"ג רבי **מנחם נתנאל יונגרייז** שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
9 Strawberry Ln.
היים: **718.302.0917** סעל: **347.415.5850**

הרה"ג רבי **יצחק בריזל** שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Iron Hill Plaza #301
היים: **845.774.3622** סעל: **845.637.4570**

24 שעה הוראה ליין:
**845.783.5688 #3**

און לגבי די שוידערליכער עון פלילי פון חטוטי שכבי, איז דא אן א צאל פון אלע פריערדיגע ספרי הפוסקים, די שרעקליכער עבירה וואספארא עונשים דאס קען ח"ו ברענגען, און די כפירה בהשארת הנפש און אין תחיית המתים דאס איז. יעדער קען ארייננקוקן אין שו"ת שבות יעקב ח"ב סימן ק"ג וואס ער זאגט זייער הארב אויף חטוטי שכבי. און אין ספר מעבר יבוק (מאמר ב פרק כו) נאכן מבאר זיין די סכנה גדולה וואס חטוטי שכבי ברענגט ח"ו, פירט ער דארט אויס בזה"ל: והואיל מחמת עוון החיים נחטטו סכנה גדולה להם ועליהם לתקן הדבר.

און צום אויספיר וויל איך בעטן כלל ישראל: ביטע רייסט איין וועלטן ביים שוכן מרומים! מ'זאל וויסן יעדע רגע איז דא א געוואלדיגער סכנה אויף די קברים פון אונזערע עלטערן צו ווערן ח"ו אויסגעריסן! ס'איז דאך איום ונורא די געוואלדיגע עונשים, און חרון אף וואס דאס קען ברענגען! ס'איז דאך אונזער אחריות אפצוהיטן קברי ישראל, ווי ס'איז געברענגט אין אלע ספרים. ס'איז דאך די פינטעלע אמונה אין השארת הנפש וואס זיי רייסן אויס ח"ו. ווי קענען מיר אדורכלאזן די הייליגע טעג אן צו איינרייסן ביים כסא הכבוד אז די הארבע ענין זאל ח"ו נישט צושטאנד קומען!

ס'כאפט א פחד וואספארא וועלטן די פריערדיגע דור וואלט איינגעריסן ווען קברי קדמונים איז ח"ו אין א סכנה. לאזט נישט ארויס די געלעגנהייט! האלטס דאס שטענדיג פאר די אויגן.

יעדער זאל זען מ'זאל דאס איבערגעבן פאר די קינדער, פאר די מחנכים, פאר די משפיעים! מיר זעען וואס קומט לײדער פאר, און מיר גיבן אייך איבער די עדות נאמנה! ס'איז דא א שרעקליכע סכנה יעדן איינציגסטן סעקונדע פאר די קברי הקדמונים, ס'איז א מצב פון איום ונורא! האטס רחמנות און צושפרייטס דאס וואו איר קענט, און זייטס מתפלל וואס מער למען לא ניגע לריק!

ובזכות זה וועלן די הייליגע נשמות וואס מיר היטן אפ אויף זייערע עצמות קדושות, וועלן זיי זיכער זיין א פערזענליכע מליץ יושר פאר יעדן יחיד וואס שטרענגט זיך אן און גיבט די פאר דאלאר אלס א שמירה, און וואס קען דען זיין א גרעסערע מליצה ישרה ווי די הייליגע תנאים, אמוראים, גאונים, ראשונים, וואס ווערט אפגעהיטן א גאנץ יאר דורך אתרא קדישא, און אצינד האט יעדער די געוואלדיגער זכי' צו נעמען א טייל דערין.

**א גרויסן ישר כח פאר אייער טייערע צייט, מיר זענען זיכער דער עולם וועט שטארק נהנה זיין פון די טיפע ארייננבליק אין די פעולות גדולות ונצורות בתוכבי אתרא קדישא, און נאך אייער הארציגער אויספיר איז ווי פארשטענדליך אז מ'גייט זיך היי־יאר אנשטרענגען מיט א שטארקן ווילן, צו קענען נעמען א טייל אין די אומשאצבארע זכותים נשגבים וואס דאס ברענגט מיט זיך. און גיבן כופר נפש ברוח נדיבה.**

**א גמר חתימה טובה. און בזכות ענקער העלדישע הייליגע ארבעט זאל בכלל ישראל געבענטשט ווערן מיט א גוט געבענטשט יאר און שנת גאולה וישועה!**

בס"ד

TAHAREINU

נטפי
תנחומין

בהשתתפות באבלו הרב מביעים אנו תנחומינו אל הגאון בתורה ובהוראה, פוסק מומחה ברפואה והלכה, הרים קרן טהרתן של ישראל, עומד במסי"נ לימינם של חשוכי בנים לקרב ישועתם ולהוציאם מאפילה לאורה, פעולותיו הנשגבות להאיר אלפי משפחות נודעים בשערה, דולה ומשקה בשיעוריו הנפלאים בעולם הרבנים בתדירא, תורתו ועצתו בחוץ תרונה בלי שיעורא, כש"ת

הרה"ג ר'
יצחק
מעלבער
שליט"א

רב ומייסד 'טהרנו'

היושב בעמק הבכא בהילקח מאתו
לחיי עוה"ב אמו החשובה ע"ה

שנלב"ע לדאבון לב כל רב יודעיה ומכיריה

הרב שליט"א יושב
שבעה בבית אמו
ע"ה בארה"ב, סוף
השבעה יום ב',
י"ג מדות, בבוקר
18 Taft Lane.
New Square,
NY 10977



בצירוף תנחומינו, לאבינו שבשמים תפילתינו, מעתה ועד עולם לא יוסיף לדאבה עוד כל ימי חייו, ימלא ה' במדה טובה ישועה ורחמים כל משאלותיו, יזכה להמשיך בפעולותיו הנשגבות מתוך ברכה הרחבה והצלחה, עדי נזכה בקרוב לביאת הגואל וקיבוץ ישראל הנדחה.

המנחמים מכל הלב,
רבני טהרנו הנהלת טהרנו

צדיק כתמר יפרח כארז בלבנון ישגה

בצל תומר

מועדים לשמחה חגים וזמנים

בצלא קדישא עלאה
של איתן אדונינו הוד
כ"ק מרן רבינו
עט"ר שליט"א

וְתֶאֱסוֹף גָּלֻיּוֹתֵנוּ לְחַצְרוֹת קָדְשֶׁךָ

שע"י קהל יטב לב דסאטמאר

# יִרְצֶה צוֹם עַמְּךָ

מודעה נחוצה

# אש"ל פאר יום כיפור

היות עס איז דאָ אַ גרויסער פאַרלאַנג
ביי אנ"ש ממקומות מושבותיהם

וועלכע רופן אַריין בעטן מ'זאָל זיי צושטעלן

## אש"ל פאר יום הקדוש
## בצל הקודש

מיטצוהאַלטן די געהויבענע תפלות און פייערדיגע כל נדרי דרשה
פון כ"ק מרן רבינו שליט"א במקהלות אלופי אלפי ישראל
אין הייליגן מקום קדוש שהתפללו אבותינו
און די עסקנים לייגן אַריין כוחות צוצושטעלן לויט די בעסטע מעגליכקייטן

על כן טוען מיר מעלדן אַז ווער עס וויל מ'זאָל צושטעלן אש"ל דאַרף זיך ווענדן

## ביז שפּעטסטנס זונטאָג מיטאג

צום ועד האש"ל

## 347.909.2206

און מיר וועלן אי"ה פרובירן אייך צוצושטעלן על צד היותר טוב

אנשי שלומינו וואָס קענען אַריינקומען
**געסט אויף יום הקדוש "בלויז צום שלאָפן"**
אַריינגערעכנט בעיסמענטס או"וו
**זאָלן זיך ביטע מעלדן צום אויבנדערמאַנטן נומער**

מטעם דעם ועד האש"ל און הנהלת הקהלה
**וועט אי"ה זיין צוגעשטעלט**
**סעודות ערב יום הקדוש • אויספאַסטן**
**סעודה מוצאי יום הקדוש**
פאר אלע אורחים הנכבדים, בעלי בתים ואברכים ובחורי חמד, ביד רחבה בכבוד הראוי

בברכת גמר חתימה טובה,
**ועד האש"ל**



סוכה תחת האילן אויף מאונטען ראוד




מיטן פיטום אראפ



'חברון ראוונע סוכה' אויפגעבויעט דורך טאלאנטפולע ילדי השכונה 'למעלה מעשרה'




וואלד פון לולבים איינגעפלאנצט אויף וועג ביורען פארנט פון
די אפיסעס פון מוסדות בני יואל ד'סאטמאר



'שיפור ביהמ"ד' פראיעקט דורכגעפירט ביים ביהמ"ד שלמה מיכל דקהל
בני יואל פארן באקוועמליכקייט פון מתפללי ובאי ביהמ"ד



וראו כל עמי הארץ... ויראו



ריזיגע שיפמענט פון 36 סקיטס האלצערנע קלעצער אנגעקומען צום
בית האופה אויף דינוב צום בעפארשטייענדן באקן סעזאן



פילע סוכות פון 'שכונת אברכים' אין ריכטונג פונעם בית השחיטה





שמחה של מצוה היכי דמי





פרישע אינטערסעקשאן אין שטאט אויסשטאפירט מיט שילדן פאר א פולשטענדיגע
אפשטעל פאר די זיכערהייט פון מתפללי ביהמ"ד בית מרדכי לייב



#4

# די תפיסה ווענט פאַרציילן...

רירנדע ערשטהאַנטיגע שילדערונגען דורך הרה״צ רבי אברהם יהושע פריינד שליט״א מנאַסויד פון זיינע באַזוכן ביי האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה״ח רבי נחמי׳ צבי בן דינא וועבערמאַן שליט״א

## וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת; איין אמת׳ע תפלה קען ברענגען מיין באַפרייאונג!

### מען גרייט זיך צו די ימים נוראים מיט אַ שמחה

די פאַרלאָפענע וואך מיטוואָך נצבים, ווען איך האָב באַזוכט ביי הר״ר נחמי׳ שליט״א, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן פונעם יום טוב הבא עלינו לטובה. עס קומט אַ ראש השנה און יעדער איד האָט אַ שטיקל פחד אַז מען זאָל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאָר.

זאָגט מיר הר״ר נחמי׳ שליט״א אַז ער איז זייער פריילעך ווען עס קומט ראש השנה, פאר עטליכע סיבות. איינע פון די סיבות זענען, ווייל מען גייט שוין זאָגן אין די תפלות דעם ״שיר המעלות ממעמקים קראתיך ד׳, ד׳ שמעה בקולי תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני״, דאָס איז פאַר אים אַ מורא׳דיגע חיזוק אַז השי״ת הערט זיך צו זיינע תפלות.

איך בין שטיל געבליבן, פרעגט ער מיר, וואס איז יעצט געשען? זאג איך, וואס איז דער קאַפּיטל פּונקט אַנדערש פון אַלע אַנדערע תפלות ? וויאזוי זעסטו פון דעם אז דער אייבערשטער הערט אויס דיין קול?

דערציילט מיר ר׳ נחמי׳ אַז ער האָט היינט צופרי זיך דערמאַנט אַ מעשה וואס איז געשען פאר זעקס יאר צוריק. דאס האט אים אויפגעקאכט נאכאמאל אין די אמונה אין אויבערשטען, זאג איך אים, בין איך עס גרייט צו הערן, פאַרציילט ער אַזוי:

### דער גוי דאַרף אַ ״טובה״...

מיט זעקס יאָר צוריק, איז אין די זעלבע תפיסה געווען אַ צווייטער היימישער אינגערמאַן ל״ע.

ווען יענער אינגערמאַן איז אַריינגעקומען דינען זיין טערמין אין טורמע, האָט ער דאָ געטראָפן אן אַנדערער איד, אן עלטערער מענטש, וועלכע איז ליידער שוין געווען גוט באַקאַנט מיט דער ״הלך ילך״ אין תפיסה, און יענער האָט אים געגעבן אַ וויכטיגע ״הדרכה״, וואָס מען דאַרף וויסן אין תפיסה, פון זיין אייגענע טרויעריגע ״עקספּיריענס״:

די ערשטע כלל - האָט ער אים געזאָגט איז - איז אַז ווען איינער פון די אַרעסטאַנטן קומט צו דיר און זאָגט ״איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן״, גיי נישט! טאמער דארף ער פון דיר א טובה, מאך דיר נישט וואוסענדיג! אויב ער וויל זאלסט אים העלפן, העלף אים נישט!

ס׳איז טאַקע זייער שווער אפצוזאגן, ווייל זיי זענען דאך שעדליכע עלעמענטן וואס האבן געגוג צייט דעם גאַנצן טאָג צו טראכטן וויאַזוי זיי קענען אנשטעלן א שטיקל פאר א צווייטן. אָבער פאָרט איז וויכטיג צו וויסן פאָראויס, אַז מען זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַזעלכע ״טובות״, ווייל דאָס קען זיך ענדיגן מיט אַסאַך פיין און ליידן.

דער אינגערמאַן, וואָס איז דעמאָלט אַריינגעקומען אין תפיסה, האָט זיך געוואונדערט, וואָס קען שוין פאסירן? מען קען דאך דא גארנישט ברענגען?

זאָגט אים דער עלטערער איד, אַזוי מיינסטו... לאָמיך דיר פרעגן, ביזט שוין געווען ביי אַ וויזיט, ווען באַזוכער קומען דיר באזוכן? זאגט ער יא. מ׳האט דיך אויסגעטאפט ווען דו ביסט צוריקגעקומען? זאגט ער יא. ווי לאנג? איבער א שעה. פארוואס האט מען דיר אויסגעטאפט איבער א שעה?

אָה, די סיבה איז וויבאַלד אין תפיסה טאָר מען טאַקע גאָרנישט אַריינברענגען, אָבער די גוי׳אישע אַרעסטאַנטן מאַכן זיכער צו אויסשפּילן דעם סיסטעם און שווערצן אַריין פאַרשידענע שעדליכע אַרטיקלען נאָך אַזעלכע באַזוכן. איינער גיט עס איבער פאַר׳ן אַנדערן און עס קומט אן אינעווייניג.

אַלענפאַלס, דער אינגערמאַן האָט שוין געוואוסט דעם כלל אַז מען טאָר נישט טון קיין טובות, אָבער ויהי היום, קומט צו אים צו אַ גוי, וואָס האָט גראדע פאַרשידענע קשרים מיט די תפיסה באַהערדע און זאָגט אים ״איך דאַרף פון דיר אַ טובה״... דער גוי ערקלערט אַז ״איך זעה דיך שוין דא א שטיקל צייט, איך ווייס אז א איד איז א טראָסטבאַרער מענטש, איך וויל דיך געטרויען מיט א זאך, אבער דו מוזט מיר צוזאגן אז דו וועסט מיר העלפן, איך וועל דיר באַצאָלן דעפאר אָבער וועסט אָבער קיינעם נישט פאַרציילן״...

דעם אינגערמאַן איז שלעכט געוואָרן, ער האָט פּרובירט צו אָפּזאָגן, ״עס איז נישט פאר מיר, פּרובירט אַ צווייטן״. אָבער דער גוי האָט נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט אים ממש אָנגעהויבן מוטשן איין טאָג נאָכ׳ן אַנדערן.

עס איז געקומען צו אַ מצב וואָס דער גוי האָט אים אָפּן געסטראַשעט: ״הער מיך אויס, אז דו וועסט מיר נישט העלפן וועסטו נאכדעם חרטה האָבן! איך געב דיר איין טאג צייט, אז דו וועסט דאס מאכן וועט דיר גוט זיין, אז דו וועסט דאס נישט מאכן וועט דיר נישט גוט זיין! דאס קען איך דיר צוזאָגן״.

### די אָפענע נס נאָך אַן אמת׳ע תפלה

דער אינגערמאַן האָט פאַרציילט אַז ס׳איז אים ממש געריגען שווייס פון פחד, ער האָט געשפּירט אַז ער האַלט עס נישט אויס פון שרעק און זאָרג. אויב וועט ער נישט העלפן פאַר דעם גוי, קען אים יענער חלילה אומברענגען ה״י, און אויב וועט ער אים יאָ העלפן, ווער ווייסט

וואָס פאַראַ עגמת נפש און יסורים דאָס קען אים אָפּקאָסטן ?

ער איז געשטאַנען אזוי ממש "בין תנור לכיריים", געגנצליך פאַרלוירן און דערשראָקן, נישט וואוסנדיג וואָס וועט זיין די קומענדיגע שריט. ביז ער האָט געזאָגט פאַר'ן גוי, ווייסטו וואָס, קום צוריק אין עטליכע מינוט אַרום און איך וועל דיך ענטפערן.

דערווייל האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און זיך צעוויינט שטילערהייט אָבער מיט אַ שרעקליכע צעבראָכנקייט און געיאָמער. רבוש"ע איך ווייס גאָרנישט, "ממעמקים קראתיך השם", איך רוף דיך רבש"ע פון מיין טיפן הארצן, באשעפער דו ביסט מיין הער, איך בעט דיר, "שמעה בקולי", הער מיין שטילע קול, איך קען דאך נישט זאגן הויעך, "תהיינה אזניך קשובות", זאל דיינע אויערן צוהערן, "לקול תחנוני", צו דעם שטילן קול פון מיין געבעט. איך בעט דיך, איך ווייס נישט וואס צו טאָן, ראטעווע מיך, מער קען איך גארנישט זאָגן... אַזוי האָט ער זיך גוט אויסגעוויינט.

פלוצים הערט ער קולות אין די האלוועי.

ער ווייסט נאָך היינט נישט וואָס עס האָט פאַסירט, אָבער צוליב עפּעס אַ סיבה האָט אויפ'ן פּלאַץ אויסגעבראָכן אַ העפטיגע געפעכט צווישן דעם ערל וואָס האָט אים געבעטן די טובה מיט אַ צווייטן גוי. עס האָט אָנגעהויבן גיין ערנסטע מכות רצח, און ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ביז דער גוי וואָס האָט אים געוואָלט אנ'שדכנ'ן מיט דער טובה איז געליגן אויף דער ערד אָנגעשלאָגן און צע'מזיק'ט כמעט ביז צום טויט ל"ע.

די וועכטער זענען געקומען צולויפן און מען האָט אַוועקגעטראָגןביידע גוים. סיי דעם שלעגער און סיי דעם "טובה בעטער"... ממש אַן אָפענע נס מיט'ן כח פון תפלה! מער האָט ער שוין קיינמאָל נישט געהערט פון דעם גוי.

דער אינגערמאַן האָט נאָך אַביסל זיך געזאָרגט אַז מען זאָל אים נישט יעצט אויספאָרשן וואָס דאָ איז געווען. באַלד נאָכדעם וואָס מען האָט זיי ביידע אַוועקגעפירט האָט מען אָנגעהויבן פרעגן די גאַנצע שטאָק וואָס איז פאָרגעגאַנגען, אָבער ב"ה אַז ער האָט נישט געדאַרפט ענטפערן, ווייל ער האָט דאָך טאַקע נישט געוואוסט, און ס'איז שטיל געוואָרן.

האט מיר געהאלטן, איך האב געזען, אַז ווען איך האב געזאגט א תפלה שטילערהייט פון מיין טיפן הארצן, מיט אן הייסן טרער, אַן אמת'ע תפלה, איז דאס זאפארט געהערט געווארן אין הימל!"

זאגט דער איד: "נחמי' ווערסטו אבער פרעגן א קשיא, מיר האָבן שוין אזויפיל מאל געוויינט אז מען זאָל אונז ארויסנעמען פון דא, וואס גייט דא פאר ? מוז דעריבער זיין אַז אפילו ווען איך בעט דאס אמת'דיג איז נישט די ריכטיגע מינוט איך זאל שוין אַרויסגיין! ווען אונזער צייט וועט קומען אונז זאל מיר ארויסגיין, וועל מיר ארויסגיין אן קיין שום טראַכטן!"

נאך זאגט דער איד: "נחמי" איך מיין פונקט אזוי ווי אונז זענען ביי משה רבינו ווען ער האט געבעטן די 515 תפלות, האט דער אייבערשטער אים געדארפט זאגן נאך איין תפלה גייסטו ארייַן קיין ארץ ישראל בעט נישט מער, זעה איך דאך פון דעם אז מען דארף זייער אסאך בעטן ווילאנג מען באקומט דעם כרוז מן השמים, בין איך זיכער ביי מיר ברור כשמש, אז ווען עס וועט אנגעפולט אויבן דער מעסטל פון אידישע תפלות פאר אונז, וועל מיר ארויסגיין פון דא כהרף עין!"

## והרבה עמו פדות; השי"ת האָט אַסאַך אויסלייזונגען!

ווען הר"ר נחמי' שליט"א האָט מיר דערציילט די געשיכטע האָט ער צוגעענדיגט:

"יעצט לאמיר דאס איבער'חזר'ן קלאר, איך זיץ שוין דא אסאך לענגער ווי דער איד, ער איז שוין לאנג נישט דאָ און איך שמאַכט שוין דאָ אַריבער זיבן און א האלב יאָר. אודאי איז עס נישט גרינג, ס'נישט דא וואס צו רעדן, איך ווער צובראכן, מיין תפלה איז דערווייל נאכנישט אנגענומען געוואָרן. אבער איך זעה דאך אבער אַז יענער איד איז שוין יאָ ארויסגעגאנגען, אודאי קומען די תפלות יאָ אן.

"מיר שטייען יעצט פאר ראש השנה. מען גייט זאגן דעם שיר המעלות ממעמקים, דערמאן איך מיך נאכאמאל די תפלה פון יענעם איד און איך בעט זיך אויך ביים רבוש"ע

"ממעמקים" פון די טיפענישן פון די תפיסה, "קראתיך השם", רוף איך דיך באשעפער, "השם שמעה בקולי", באשעפער דו ביסט מיין הער, איך בעט דיר, "שמעה בקולי", הער מיין קול, "תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני", צום קול פון מיין געבעט.

"איך האב נישט קיין מנין, איך האב נישט קיין ספר תורה, איך בין אליין דא, אבער מיין הארץ איז מיט דיר רבש"ע! מיין הארץ גיסט זיך אויס פאר דיר דא אין די צוגעשפארטע פאַרשלאָסענע תפיסה! און איך ווייס קלאר, "כי עם השם החסד", מיט'ן אייבערשטען איז דא דער חסד, דער שם הרחמים איז דאָ".

און ר' נחמי' טייטשט ווייטער:

"והרבה עמו פדות" פאַר'ן אויבערשטן איז דא אסאך אויסלייזונגען. השי"ת דארף אויסלייזן נישט נאר דעם כלל ישראל, נאר כביכול די שכינה הק' דארף אויך אויסגעלייזט ווערן. דאס געבט מיר א חיזוק און א חיות צו דאווענען און בעטן, ווייל "עמו אנכי בצרה", אַז איך וועל בעטן פאר השי"ת ער זאל אויסגעלייזט ווערן, וועל איך שוין מיטגעשלעפט ווערן מיט די גרויסע ישועה פון השי"ת".

ווען איך האָב דאָס געהערט האב איך אים געזאָגט:

"נחמי' זיסער, בלויז צו הערן די ווערטער אליין איז מיר ווערד געווען צו קומען. מיר גייען דאווענען יעצט די הייליגע טעג. איך וועל איבערגעבן פארן עולם, מיר וועלן מפרסם זיין פארן כלל ישראל דעם טייטש פון "והרבה עמו פדות"!

"נחמי' טייערער, מיר וועלן מתפלל זיין פאר דיר, אז דו זאלסט קענען קומען דאווענען מיט אונז צוזאמען, ד' שמעה בקולי תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני. עס קומט א יום הקדוש, מיר וועלן זוכה זיין צו זיין אינאיינעם אין בית המקדש, צו זען ווי דער כהן גדול איז מקריב די קרבנות, און מיר וועל מיר קענען דאנקען השי"ת אויף צוריקצוועגס"!

## ערבי שבתות ויו"ט איז באַשטימט פאר אַ פערזענליכע קשר מיט השי"ת!

דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג פרשת נצבים נאָכמיטאָג, האָב איך גערופן די חשוב'ע מרת וועבערמאַן שתחי', אשת הר"ר נחמי' שליט"א, צו פרעגן אויב איך זאָל קומען באַזוכן אין תפיסה פרייטאָג עש"ק נצבים אָדער זונטאָג ערב יום טוב. כ'האָב געוואָלט זיכער מאַכן אויב די צייט איז געאייגנט פאר אַ באַזוך.

ווען איך האָב איר געקלינגען איז זי פונקט געווען מיט אים אויפ'ן טעלעפאָן, האָט זי איבערגעזאָגט מיין שאלה און דער ענטפער פון ר' נחמי' האָט מיך ממש גערירט ביז טרערן.

ער האָט געזאָגט אַז אודאי קוקט ער זייער שטאַרק אַרויס אַז אידן זאלן קומען אים באַזוכן. מ'קען נישט משער זיין וואָס פאַראַ חיזוק דאָס איז אין זיין טונקעלע מצב. אָבער טראָץ דעם אַלעם, בעט ער אַז אין די צוויי טעג פון ערב שבת און ערב יום טוב, זאָל מען נישט קומען, ווייל די גרויסע טעג פון ערב שבת, דעם לעצטן שבת פון יאָר, און ערב יום טוב, איז אַ צייט וואָס ער איז זיך מקשר מיט'ן רבוש"ע, מיט'ן שבת און מיט'ן הייליגן יום טוב ראש השנה. ער קען זיך דעריבער נישט ערלויבן אַז מענטשן זאָלן אים שטערן אפילו אַ קורצע צייט! ער וויל זיך מצמצם זיין דעם מח אַ גאַנצן טאָג מיט די הייליגע תפלות פון ראש השנה און די הכנה צו די ימים נוראים, צו זיין מקושר מיט'ן רבוש"ע אַ יעדע רגע! ער קען זיך פשוט נישט ערלויבן אַז מען זאָל אים אַוועקנעמען פון זיין קרבת אלקים אין אַזעלכע גרויסע טעג!

דוכט זיך אַז דאָס גיט אונז אַ שטיקל השגה, אַ שטיקל אַריינבליק, אין די עבודת השי"ת פון דעם געהויבענעם איש חסיד, וואָס איז גרייט צו אויפגעבן אויף באַזוכער, ווייל ער וויל זיך נישט אָפּרייסן פון זיין נאָענטקייט צום אויבערשטן, טאַקע דאָרט, צווישן די פינסטערע תפיסה גראַטעס. כי אשב בחושך ה' אור לי!



## לאָזט אײך הערן!

מען קען זיך פארבינדן מיט רבי נחמי' דורך אימעיל. מען קען זיך שרייבן מיט אים וויפיל מען באגערט. ענגליש און אויך אידיש.

צוערשט דארף מען זיך אויפסייענען אויף די jpay וועב-זייטל, און אויסוועלן צו וועם מען וויל שיקן אן אימעיל. די נאמען איז:

**Mr. Nachemya Weberman 13A0438**

יעדע אימעיל קאסט א סטעמפ. די סטעמפס קויפט מען אויך אויף דעם וועב-זייטל. מען קען גלייך קויפן איינס פאר די אימעיל וואס מען שיקט ארויס, און א צווייטע אז רבי נחמי' זאל קענען צוריקשרייבן. די קאָסט גייט 2 דאלאר פער 10 בריוון. דאס מיינט אז פאר 2 דאלאר קען מען האבן 5 בריוו אויסטוישן אהין און צוריק.

אלעמאל ביים שיקן גייט מען ארויף אויף דעם דזשעי. פעי. וועב זייטל און פון דארט קען מען שיקן די בריוון. יעדע בריוו איז דא א מעגליכקייט צוצולייגן א בילד, אדער א פאטא קאפיע פון א ספר וכדומה.

צו באמערקן: יעדע אימעיל געדויערט ארום 7 ביז 8 טעג ביז ווען רבי נחמי' באקומט עס! צוליב וואס זיי קוקן דאס איבער בעפאר. און פון ווען ער שיקט צוריק קען עס אויך נעמען ארום 7 ביז 8 טעג ביז ס'קומט צוריק זיין בריוו.

דער אדרעס צו שיקן בריוו דורך פאסט איז:

**Mr. Nechemya Weberman DIN 13A0438**
**Shawangunk Correctional Facility**
**200 Quick Rd. Wallkill, NY 12589**

## דער געוואַלדיגער לימוד פון די געשיכטע

פאַרציילט מיר הר"ר נחמי' שליט"א אַז יענער איד האָט אים געזאָגט אַזוי:

"דא האט פאַסירט אַ מורא'דיגע זאַך, אז ס'האָט זיך באַרויגט דער שרעק וואס איך האב געהאַט, סיי פאראויס און סיי נאכדעם פאר א לאנגע צייט, וואָס די שרעק אליינס איז נאך אסאך ערגער ווי צו זיצן אין די תפיסה, ווייל אַזאַ מעשה קען דאָך פאסירן מארגן צו א צווייטע ערל, מען קען דאך נישט אויסרעכענען מיט די חברה!

"אבער וואס האט מיך געהאלטן? איין זאך

# OZZY'S Quickie Service & Tire

# The Tire Outlet

NOW OPEN SUNDAYS 9am to 4pm

**HELP WANTED**
Tech & Tech Assistant
$20-$45/hr
Full time apply in person or call
914-400-6795

GOODYEAR
COOPERTIRES
Authorized Dealer

New York State Inspections.
No Appointment Necessary.

BRIDGESTONE
Firestone
Bridgestone/Firestone Trust Fund
Authorized Dealer

## Full Synthetic Oil Change

0w20, 5w20, 5w30, Up to 5 quarts of oil.

**$74.99***

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

*$2 HAZ. MATERIAL DISPOSAL FEE UP TO 5 QTS.
MOST VEHICLES. SEE STORE FOR DETAILS. EXP. 10/7/22

*All Oil Changes Include:*
*Lube, Oil, Filter Change, Tire Rotation,*
*12-Point Safety Check and Check and top off fluids*

## Standard Oil Change

conventional motor oil

**$39.95***

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

*$2 HAZ. MATERIAL DISPOSAL FEE UP TO 5 QTS.
MOST VEHICLES. SEE STORE FOR DETAILS. EXP. 10/7/22

## $25 OFF Any Brake Service Over $150

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

EXP. 10/7/22

## $40 OFF Any Set of 4 Tires

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

WE WILL MATCH OR BEAT ANY ADVERTISED TIRE PRICE
CANNOT BE COMBINED WITH OTHER OFFERS.
EXP. 10/7/22

## FREE WHEEL ALIGNMENT CHECK

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

WITH ANY TIRE PURCHASE

MUST PRESENT COUPONS AT THE TIME OF SERVICE. DOES NOT INCLUDE TIRES. CANNOT BE COMBINED WITH OTHER OFFERS.

**All Services Offered. No Appointment Necessary!**
**Same Day Service. Will Honor Competitors' Coupons!**

National Accounts and Fleet Services Welcome

**185 RT 17M • Harriman • (845)782-1942**

**Monday-Friday 7:30am-5pm • Saturday 7:30am-5pm • Sunday 9am-4pm**

# היכל הגדול פון ביהמ"ד החדש שכונת היילענד לעיק



אהערגעשטעלט דורך די 'One & Done' בוי מייסטער אין שפיץ פון ר' יודא ברמ"א בערקאוויטש הי"ו מחשובי התושבים



גרויסע עזרת נשים פאר די תפילות



רחבות'דיגע קאווע צימער


ב"ה
און פיל מער!
אלע אייערע סוכה געברויכן
ערפינדער פון די בעסטע קוואליטעט
אלע סארטן פענעלס
עקסקלוסיוו סכך אויסוואל
הארדוועיר און טולס
לעקטערן\היטערס
צייטיגע סוכה געצייג
איר דארפט נישט זוכן.
ביי אונז וועט איר טרעפן.
מיר פארמאגן א גרויסן אויסוואל פון אלע סארטן בעמבאו
אריינגערעכנט די אויסגעצייכנטע פלאכע בעמבאו.
אנגעפאנגען פון דינסטאג פ' כי תבא
— אפן טעגליך —
פון 10:30 ביז 10:00 ביינאכט | ערב שבת ויו"ט ביז 1:00
5 FILLMORE CT. 845.782.2547
RR
סוכה צענטער

# על הצדיקים

הרב הקדוש

# רבי ארי' ליב פון שפאלע זי"ע

## דער שפאלער זיידע

ו' תשרי תקע"ב

איין יאר יום כיפור נאכ'ן דאווענען האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע אנגערופן: - ביים דאווענען די היינטיגע שמונה עשרה איז מיר זייער שווער געווען אויפ'ן הארץ, ווייל איך האב געזען ווי אן אייזערנע מויער איז אויסגעשפרייט צווישן די אידן און דעם באשעפער, און לאזט נישט די תפילות אדורכגיין. האב איך געזוכט זכותים וויאזוי צו קענען דורכברעכן דעם מויער און אזוי-ארום פארטיידיגן דעם אידישן פאלק, אבער אן ערפאלג.

ס'האט מיר זייער וויי געטון, און איך האב באשלאסן ביי זיך אז מען קען דאס נישט צולאזן. בין איך געגאנגען צו 'מיינע גנבים', און איך האב אנגעהויבן זוכן זכותים אויף כלל ישראל. (ווי באוויסט פלעגט דער שפאלער זיידע האבן א שטארקע קאנטאקט מיט די אידישע גנבים, און ווען מען פלעגט זיי ארעסטירן האט ער זיי געשיקט פון אלעם גוטן. דאס איז געווען א גרויסע וווּנדער ביי די חסידים פארוואס ער איז מקרב אזעלכע פראסטע פארשוינען). ס'האט מיר נישט לאנג געדויערט, און אט האב איך געטראפן א זכות, אבער אזא זכות וואס האט צונישט געמאכט דעם גאנצן מויער און ארויפגעברענגט א ריזן ליכטיגקייט און השפעה פון הימל.

די אנוועזנדע חסידים זענען געווארן זייער נייגעריג, נאכדערצו אז עס וואונדערט זיי שוין פון לאנג די מאדנע שייכות וואס דער הייליגער שפאלער זיידע האט מיט די נידעריגע גנבים. האבן זיי פרובירט אויסצונוצן דעם געלעגנהייט וואס איז זיי אונטערגעקומען און געפרעגט פונעם צדיק דאס באדייט פון אט די גנבים, און הויפטזעכליך יעצט אז ער נעמט גאר ארויס זכותים פון זיי.

און דער צדיק האט זיי באלד דערציילט די געשיכטע: - א צייט צוריק, האט זיך געפונען צווישן מיינע גנבים איינער א נידריג-געוואקסענער מענטש אבער זייער א פלינקער גנב מיט'ן נאמען 'יאסעלע דער גנב'. דער יאסעלע איז געווען זייער א דרייסטער יונג, וועלכער פלעגט אויספירן די געפארפולסטע ארבעט. ווען ס'האט זיך אויסגעפעלט אויסצופירן א געפארפולע גניבה וואס אפילו די געשולטע גנבים האבן געציטערט דורכצופירן, האט יאסעלע דאס גענומען אויף זיך און אן קיין שום ציטער אויסגעפירט דעם גניבה.

מאכט זיך אמאל און די גרופע גנבים האבן אפגעמאכט זיך ארייןצוברעכן אינעם קלויסטער און בארויבן די אלע טייערע גאלדענע געצייג און צירונגען. אבער וויבאלד דער געביידע איז געווען א גלאטע פעסטונג אן קיין שום פענסטער, אויסער איין קליינע פענסטער וואס איז געווען גאר הויעך, האבן זיי נישט געהאט קיין וועג וויאזוי אריינצוגיין אינעווייניג.

ביז עס איז זיי געקומען אויפ'ן געדאנק אז זיי וועלן רופן 'יאסעלע דער גנב', און ער וועט זיך שוין זיכער אן עצה געבן און וויסן וויאזוי זיך אריינצובאקומען אינעווייניג אינעם געביידע. זיי זענען געגאנגען צו יאסעלע, און אים דערציילט אז זיי האבן א גלענצענדע אוצר וואס געפונט זיך אינעם קלויסטער און וועט אינגיכן ארייןפאלן אין זייערע הענט. אבער וואס קען מען טון אז אויסער די איין קליינע פענסטער וואס געפונט זיך גאנץ אויבן, איז נישטא קיין איין עפענונג אריינצוגיין?

זיי האבן געבעטן פון יאסעלע ער זאל קומען מיט זיי און לעזן דעם פראבלעם, און דערנאך וועט מען זיך צוטיילן מיט די גניבה האלב-אויף-האלב. יאסעלע האט באלד צוגעשטימט צום געשעפט, און ער האט אפגעשמועסט ביינאכט צו גיין מיט זיי. ס'האט נישט לאנג געדויערט, און די גרופע גנבים, מיט יאסעלע אין שפיץ, האבן זיך ארויסגעלאזט אינמיטן נאכט צום ריכטונג פונעם געביידע.



דער אהל פונעם שפאלער זיידע

אנקומענדיג אהין, האט יאסעלע אנגעהויבן ארויפקריכן אויף די גלאטע ווענט פונעם קלויסטער, און די גנבים זענען געבליבן שטיין אונטן אכטונג צו געבן אויב עס קומט נישט איינער וואס קען זיי כאפן און ארעסטירן. ביז געציילטע מינוט איז שוין יאסעלע געווען אויבן.

פלינקערהייט איז ער אריינגעקראכן אינעם געביידע דורכ'ן הויכן פענסטער, און אנגעהויבן צוזאמנעמען פון אלעס. ער האט ארויסגענומען א זאק פון זיין קעשענע, און האט אנגעהויבן אריינלייגן דערין אלע טייערע צירונגען און דימאנט שטיינער וואס ער האט געפונען דארט. דערנאך האט ער אנגעהויבן אראפצורייסן אלע גאלדענע און זילבערנע געצייג פון די ווענט, און אלעס האט ער אריינגעלייגט אין די זעק.

דערווייל זענען פערצופאל דורכגעגאנגען היטערס פון שטאט, און זעענדיג עטליכע יונגען דרייען זיך ארום דעם געביידע אינמיטן די נאכט, האבן זיי אנגעהויבן שרייען קולות. די גנבים האבן שנעל געהויבן פיס און אנטלאפן, איבערלאזנדיג יאסעל'ן אליין אינעווייניג. יאסעלע, וועלכער האט פון גארנישט געוויסט וואס עס פאסירט אינדרויסן, האט דערווייל געענדיגט צוזאמפאקן, און מיט די זאק אין די הענט איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער וועלנדיג ארויסגיין.

אבער וויבאלד עס איז געווען גאר הויעך, האט ער נישט באמערקט אז די גנבים זענען שוין נישט דא. און ווען ער האט דערזען מענטשן דארט אונטן האט ער אנגעהויבן צו מאכן די צייכענס אז ער איז שוין פארטיג, און אז זיי קענען אים שוין העלפן אראפקומען. ווען די היטערס האבן דערזען ווי א מענטש קריכט דארט אויבן, האבן זיי גלייך ארומגערינגעלט דעם קלויסטער, און געלאפן צום גלח מעלדן וועגן דעם גניבה.

אין גרויס איילעניש איז דער גלח אהינגעלאפן, און ער איז ארויף צוזאמען מיט די היטערס צום העכסטן שטאק, ווי זיי האבן באמערקט 'יאסעלע דער גנב'. זיי האבן אים גלייך געקייטעלט און ארעסטירט אין טורמע. יאסעלע האט שוין געוויסט אז עס ווארט אים אפ א שווערע געריכט, האט ער זיך אנגעגרייט וואס צו ענטפערן ווען מען וועט אים רופן.

די טעג אין ארעסט זענען אדורך גאר שנעל, און יאסעלע האט זיך שוין געפונען אין געריכט הויז ווי מאסן גוים פון די שטאט האבן זיך צוזאמגעזאמעלט וועלנדיג צוזען דעם אורטייל וואס מ'גיבט ארויס אויף א גנב וועלכער גנב'ט זיך אריין אינעם שטאטישן קלויסטער. דער גלח פארגעלייגט די גרויסע טענה אז יאסעלע האט איינגעבראכן אינעם קלויסטער, וועלנדיג גנב'ענען אלע טייערע זאכן, און עס קומט אים דערפאר א הארבע שטראף.

יאסעלע הייבט זיך אן פארטיידיגן און זאגט פארן ריכטער אז די מעשה איז געווען ווי פאלגענד: איך בין אריין אין קלויסטער וועלנדיג זען און פילן די געוואלדיגע כוח וואס די עבודה זרה פארמאגט. איך בין צוגעגאנגען צום געטשקע און אנגעהויבן בעטן פון אים אלע מיינע פארלאנגען. איך שטיי און בעט א לאנגע צייט, אבער... א שטומעניש האט אים באנומען...

זעענדיג אז דאס איז א איינפאכע קלאץ האב איך עס אנגעהויבן אנרירן, און באוועגן טראכטנדיג: אפשר וועט ער זיך רירן פון ארט...

זעענדיג אז דאס איז גארנישט ווערד, האב איך געטראכט צו מיר טאמער עס קען סיי ווי גארנישט העלפן זאל איך כאטש האבן נוצן דערפון. איך וועל עס נעמען צו מיר און איך וועל האבן פון וואס צו שפייזן מיר און מיין הויזגעזינד...

די תירוצים האבן אים אבער נישט געהאלפן, און דער ריכטער האט ארויסגעגעבן דעם פסק אז ס'קומט אים 'טויט-שטראף' ר"ל, און עס וועט פארקומען אינעם הויף פארענט פונעם קלויסטער. איין אויסוועג האבן זיי אים געגעבן צו בלייבן לעבן, טאמער איז ער גרייט זיך צו טוישן זיין גלויבן ח"ו און אריבערגיין צום קריסטנטום, וועט מען אים פריי לאזן און רייך מאכן.

יאסעלע טראכט נישט קיין סעקונדע און שרייט אויס הויך: איך בין טאקע 'יאסעלע דער גנב' וועלכער איז פול מיט זינד און פארברעכן, אבער א איד בין איך נאך אלץ און א איד וועל איך בלייבן!!!

ווען די ריכטער האבן געזען אז זיי וועלן מיט אים גארנישט קענען מאכן, האבן זיי געהייסן מען זאל אים אוועקפירן צום ספעציעלן פלאטפארמע ווי יעדער וועט קענען זען, און דארט זאל מען אים ארייינלייגן אין א פאס פון פעך און אנצינדן מיט פייער. די הענגער האבן טאקע אזוי געטון, און איידער זיי האבן איהם ארייינגעלייגט אינעם פאס, האבן זיי אים געפרעגט צי ער האט אפשר נישט חרטה און ער איז גרייט זיך צו טוישן גלויבן?

יאסעלע האט אבער ווייטער פעסט געשריגן: ניין! איך בין געבוירן א איד, און א איד וועל איך שטארבן!

דער גלח איז צוגעגאנגען צו אים, און ארייינגעלייגט זיינע הענט אינעם פייער, און ווידער געפרעגט צי אפשר וויל ער צוריקציען און ער איז גרייט זיך צו שמד'ן? אבער יאסעלע האט ווייטער אנטשלאסן געשריגן אז נישט. האבן זיי אים ארייינגעלייגט אינעם פאס, און דער פעך האט אנגעהויבן ברענען אויף זיין קערפער, אז ער האט געהאט שרעקליכע יסורים.

אזוי ברענענדיג פראבירט דער גלח ווידעראמאל: יאסעלע! זיי נישט קיין נער, ס'איז נאכנישט שפעט, טויש דיין גלויבן און מיר וועלן רופן ספעציעלע דאקטורים וועלכע וועלן אויסהיילן דיינע הענט, און מען וועט דיר רייך מאכן און גרויס מאכן... דער גלח האט נאכנישט געענדיגט זיינע פרעכע רייד, און יאסעלע שרייט אויס הויך אויפ'ן קול: איך בין טאקע יאסעלע דער גנב, וועלכער איז אנגעפולט מיט זינד און פארברעכן - אבער א איד בין איך נאך אלץ און א איד וועל איך בלייבן!!

און אזוי איז ער טאקע ארויף אין פלאמען, און מקדש געווען שם שמים ברבים! און שפעטער, ווען די פייער האט זיך שוין פארלאשן, האט מען געלאזט די חברה קדישא אז זיי זאלן אים באערדיגן, און מ'האט אויפגעשטעלט אויף זיין קבר א מצבה מיט'ן אויפשריפט: 'פה נטמן יוסף הגנב הקדושי.

יעצט זעט איר וואס עס טוען אויף מיינע גנבים?! - האט דער שפאלער זיידע אויסגעפירט.





# לפני ה' תטהרו

## געקליבענע ענינים און סיפורים אויף יוה"ק

### תשובת רבי סעדיה גאון

אַמאָל האָט אַ תלמיד פון רבי סעדיה גאון געזען ווי זיין גרויסער רבי מאַכט אַ גלגול שלג אַלס סיגוף, אַזוי ווי עס טוט אַ בעל תשובה וואָס האָט עובר געווען פיל האַרבע עבירות. האָט זיך דער תלמיד געוואונדערט – זיין גרויסער רבי, וועלכער איז אָפּגעהיטן בקלה כבחמורה זאָל דאַרפן טאָן תשובה מיט אַזעלכע סיגופים, דאַן וואָס זאָל ער זאָגן? ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און איז צוגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, און אים אַליין געפרעגט:

"רבי עד כאן? איך האָב געזען ווי איר זענט אייך מסגף, וויל איך פאַרשטיין, אויב אַזוי מה נעשה אנן אזובי הקיר, וואָס זאָלן מיר בעלי עבירה טאָן?"

האָט אים רבי סעדיה גאון געענטפערט:

"וויסן זאָלסטו, אַז איך האָב חלילה נישט עובר קיין שום עבירה וואָס איך זאָל דאַרפן טאָן צוליב דעם אַ גלגול שלג. נאָר איך האָב געלערנט דעם וועג פון תשובה פון אַ בעל אכסניא ביי וועמען איך בין אַמאָל איינגעשטאַנען. איך בין אַמאָל אָנגעקומען אין אַ שטאָט, און איך בין איינגעשטאַנען ביי אַ גרויסן מכניס אורחים, וועלכער פלעגט אַריינעמען יעדן איינעם אין זיין שטוב און צושטעלן אים פון אַלעם גוטן.

דער בעל אכסניא האָט מיך נישט געקענט, אָבער ער האָט מיך מכבד געווען אַזוי ווי ער איז מכבד יעדן איינעם. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט אין שטאָט אַז איך בין אָנגעקומען אין שטאָט, און עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם צו געבן מיר שלום, ווי דער דרך איז, אַז אידן זענען מכבד תלמידי חכמים.

ווען איך האָב געהאַלטן ביים פאַרלאָזן די אכסניא און אידן זענען געקומען מיך באַגלייטן, איז צוגעקומען צו מיר דער בעל אכסניא און מיר געפאַלן צו די פיס, איך זאָל אים מוחל זיין אַז ער האָט פוגע געווען אין מיין כבוד. האָב איך מיך געוואונדערט און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל.

"איר האָט פוגע געווען אין מיין כבוד? איר האָט דאָך מיך מכבד געווען מיט די שענסטע כיבודים, וואָס נאָך האָט איר געקענט טאָן?"

"יאָ, יאָ" האָט דער בעל אכסניא געזאָגט "איך בעט אייך מחילה אויף די ערשטע שעה'ן ווען איר זענט אָנגעקומען צו מיר, ווען איך האָב נאָכנישט געוואוסט ווער איר זענט, דאַן האָב איך אייך מכבד געווען נישט מער ווי איך בין מכבד אַנדערע געסט, און אויף דעם בעט איך פון אייך מחילה".

"די ווערטער פונעם בעל אכסניא" האָט רבי סעדיה גאון געזאָגט צו זיין תלמיד "זענען אַריין טיף אין מיין האַרץ. אויב ביי אַ כבוד פאַר אַ בשר ודם פאַלט מען צו די פיס, און מ'בעט מחילה אויף די פאַרגאַנגענהייט, ווען ער האָט נישט גענוג מכבד געווען, טאָ וויפיל דאַרפן מיר בעטן מחילה פון אויבערשטן אויף די ערשטע צייטן, ווען מיר האָבן געהאַט ווייניגער השגה אין זיין גדלות, און נישט געהאַט די היינטיגע השגות. און אויף דעם בעט איך מחילה פון אויבערשטן. און יעדן טאָג וואָס איך בין מער משיג דעם גדלות הבורא, בעט איך מחילה אויף דעם פריערדיגן טאָג וואָס איך האָב נאָכנישט געהאַט די השגה.

*

### "ודאי עשה תשובה"...

דער באַרימטער לעמבערגער רב הגאון רבי יוסף שאול נאַטאנזאָהן זצ"ל, בעל שו"ת "שואל ומשיב" האָט דערציילט:

אַמאָל בין איך דורכגעפאָרן די שטאָט פּרעמישלאַן, און הערנדיג אַזויפיל דערציילן וועגן דעם דאָרטיגן צדיק הרה"ק רבי מאיר'ל, האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן ביי אים און אים קענען פון דער נאָענט. אָנקומענדיגן אין זיין שטוב האָב איך געזען אַז ער זיצט נישט מיט קיין ספר און לערנט. איז מיר דורכגעלאָפן אַ מחשבה: היתכן, אַזאַ הייליגער איד זאָל זיצן אָן אַ ספר? איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געגעבן שלום. האָט ער צו מיר געזאָגט: "איר זענט דער מחבר פון "מפרשי הים"? וועל איך אייך פרעגן אַ פשט אין די גמרא (ברכות יט.) "אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה על תהרהר אחריו וכו' ודאי עשה תשובה". דאַרף מען פאַרשטיין, אַ תלמיד חכם וואָס די גמרא דערמאַנט איז דאָך זיכער אויך אַ ירא שמים, טאָ ווי קען זיין אַז אַ הייליגער איד וואָס חז"ל רופן אָן תלמיד חכם זאָל עובר זיין אַן עבירה בפרהסיא, און חז"ל זוכן אויף אים אַ לימוד זכות אַז מן הסתם האָט ער תשובה געטאָן?

האָט דער לעמבערגער רב געזאָגט: "נו, לאָמיר הערן דעם תירוץ".

האָט הרה"ק רבי מאיר פּרעמישלאנער געזאָגט:

"לכבודכם וועל איך זאָגן אַ גוטן תירוץ. אין אמת'ן, אַ ריכטיגער תלמיד חכם טוט טאַקע נישט קיין עבירות. נאָר וואָספאַראַ עבירה קען זיך טרעפן ביי אים? אַז ער זאָל גיין ד' אמות אָן תורה. און אויף די עבירה האָבן חז"ל געזאָגט "אל תהרהר אחריו". ווייל אונזער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע פלעגט פאַר'ן זעצן זיך לערנען זאָגן: "רבש"ע, ווער ווייסט צי אויף מיר איז נישט געזאָגט געוואָרן דער פסוק 'ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי', בין איך מקבל אויף מיר צו טאָן יעצט תשובה". דאָס איז געווען ביי אים, אים איז געווען גענוג אַ הרהור תשובה. אָבער פאַר אַזאַ מענטש ווי מאיר איז נישט גענוג קיין

הרהור תשובה, נאָר איך דאַרף מיך מצמצם זיין מיין מח און אמת'דיג מקבל זיין אויף מיר צו טאָן תשובה. און דאָס מיינען חז"ל: "אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה", אויב דו זעסט אַ תלמיד חכם וואָס לערנט נישט, "אל תהרהר אחריו" זאָלסטו נישט האָבן אויף אים קיין קשיות, "שודאי עשה תשובה", ווייל ער האָט דאַן זיכער געמאַכט דעמאָלט תשובה פאַר'ן לערנען.

*

## רחמנא ליבא בעי

די פאָלגענדע מעשה האָט דערציילט דער בעל עמק המלך:

דער מקובל אלוקי רבי משה דיליאון זצ"ל איז געווען אַ הייליגער איד וואָס יעדער האָט געזען ווי די שכינה רוהט אויף אים, און יעדער וואָס איז געקומען אין זיין מחיצה און האָט זיך געפונען אין זיינע ד' אמות איז געפאַלן אויף אים אַ פחד אלקים, אַז ער איז גלייך געפאַלן צו זיינע פיס און געבעטן אַ תיקון אויף זיינע מעשים.

האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז אַ גאָר גרויסער רשע איז געקומען צו אים און געבעטן אַ תיקון אויף זיינע עבירות. דער צדיק קוקט אים אָן, און זאָגט אים: דו ביזט פול מיט עבירות, און פאַר דיר וועט נישט העלפן קיין שום תיקון, נאָר דיין מיתה וועט זיין דיין כפרה. האָט דער רשע געזאָגט אַז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עונש פון מיתה, כדי צו האָבן אַ כפרה. האָט אים דער צדיק געזאָגט, אַז זיין תקנה וועט זיין נאָר דורך דעם וואָס מ'וועט אַריינגיסן קאָכעדיגע בליי אין זיין האַלז, און דאָס וועט גערעכנט ווערן ווי אַ מיתה בשריפה. האָט דער רשע געזאָגט אַז ער איז גרייט דערויף.

דער צדיק האָט אָנגעצינדן אַ פייער און געשטעלט דאָרט בליי צו קאָכן. דערנאָך האָט ער אים צוגעבינדן די אויגן און געזאָגט אַז ער זאָל עפענען זיין מויל ער זאָל קענען אַריינגיסן דערין די קאָכעדיגע בליי. דערנאָך האָט ער אים געהייסן טאָן תשובה בלב שלם און זאָגן ווידוי אויף זיינע עבירות. דער רשע האָט אַלעס געטאָן ווי דער צדיק האָט געהייסן. ער האָט זיך מתוודה געווען אויף אַלע עבירות מיט גרויסע בכיות, און גרייט געווען צום האַרבן שטראָף. דערנאָך האָט ער געעפנט דאָס מויל, אָבער אנשטאָט קאָכעדיגע בליי האָט דער צדיק אַריינגעגאָסן אין זיין מויל אַ לעפל האָניג, און אויסגערופן: "וסר עוונך וחטאתך תכופר".

דער אַנטוישטער בעל תשובה האָט זיך גענומען שרייען: "וואָס טוט איר, פאַרוואָס האָט איר מיך אָפּגעפּאָפּט. איך בין דאָך גרייט צו שטאַרבן אַז די מיתה זאָל זיין מיין כפרה".

האָט אים דער צדיק באַרואיגט: "כי לא יחפוץ במות רשע כי אם בשובו מדרכו וחיה", דער אויבערשטער דאַרף נישט דיין טויט, ער האָט נאָר געדאַרפט דיין תשובה, און מיט דיין גרייטקייט צו באַקומען די האַרבסטע שטראָף האָסטו געוויזן אַז דו האָסט טאַקע חרטה אויף אַלעם, און פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו לעבן ווי די תורה הייסט און מקדש זיין שם שמים מיט דיין לעבן.

*

## אַ דרשה פאַר כל נדרי

חז"ל זאָגן, אַז אום יום הכפורים האָט דער שטן נישט קיין שליטה און ער קען נישט מקטרג זיין. האָט דער לובלינער מגיד זצ"ל געזאָגט דערויף אַמאָל פאַר כל נדרי אַ משל: אַ מענטש האָט געהאַט אַ זון אַ שיכור, וואָס פלעגט כסדר גיין אין די ווערטסהייזער און זיך דאָרט אָנ'שיכור'ן ביז ער האָט פאַרלוירן אַלע חושים. נאָך אַ שטיק צייט פלעגט מען קומען מעלדן פאַר'ן פאָטער אַז זיין זון וואַלגערט זיך אין די גאַסן אינגאַנצן פאַר'שיכור'ט. פלעגט ער שנעל לויפן צו אים מיט אַ צעבראָכן האַרץ און אים אַהיימשלעפּן, אויסטאָן זיינע שמוציגע קליידער, און אָפּוואַשן און לייגן אין בעט, אַז ער זאָל זיך אויסשלאָפן און אויסניכטערן פון די וויין.




פלעגט דער זון שלאָפן עטליכע שעה, דערנאָך זיך אויפוועקן און ווידער לויפן אין ווערטסהויז ביז ער האָט זיך אָנגע'שיכור'ט און ווידער האָט זיך איבערגע'חזר'ט די סצענע. דער טאַטע איז געווען אינגאַנצן פאַרלוירן און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. האָט אים אַ גוטער פריינט געזאָגט: "אויף דעם וועג וועסטו אים קיינמאָל נישט אָפּגעוואוינען פון זיין שלעכטע נאַטור. דו נעמסט אים און טוישט אויף זיינע שמוציגע קליידער אויף זויבערע, לייגסט אים אין אַ ריינעם בעט, און ער וועקט זיך אויף אין דעם ריינעם זויבערן בעט מיטריינע קליידער. ממילא ווייסט ער נישט וויאַזוי ער זעט אויס ווען ער איז שיכור, אַז ער זאָל זיך צוריקהאַלטן פון זיין שלעכטע נאַטור. דעריבער דאַרפסטו טאָן אַנדערש: ווען מ'וועט דיר קומען זאָגן אַז ער ליגט שיכור אין גאַס, לאָז אים דאָרט ער זאָל זיך דאָרט אויפוועקן פון זיין שכרות, און דאַן וועט ער זיך אַליין דערזען אין וואָספאַראַ שפל המצב ער געפינט זיך צוליב זיין שכרות, וועט ער זיך שעמען און ממילא וועט ער זיך צוריקהאַלטן פון טרינקען".

דאָס זעלבע איז מיט אונז. אַ גאַנץ יאָר אַרבעט דער שטן צו פאַרבלענדן אונזערע אויגן אַז מיר זאָלן נישט זען אין וואָס פאַר אַ מצב מיר געפינען זיך. ער לאָזט אונז נישט מאַכן אַ ריכטיגן חשבון הנפש. און אָט די גלייכגילטיגקייט איז נאָך ערגער פונעם עצם חטא. ווי דער פסוק זאָגט "הנני שופט אותך על אמרתך לא חטאתי". אַ גאַנץ יאָר ווערט מקויים ביי אונז דער פסוק "דרך כל איש ישר בעיניו". און ממילא ווייסן מיר נישט צו היטן זיך. אָבער אָט אין דעם טאָג, ווען דער שטן האָט נישט קיין שליטה, ער קען אונז נישט פאַרבלענדן די אויגן, קענען מיר זיך אויפכאַפּן פון אונזער שכרות און זיך מתבונן זיין אין אונזער מצב און זיך אומקערן בחרטה גמורה צום ריכטיגן וועג. טאָ לאָמיר איצט נעמען אויף זיך שלא נשיב לכסלה.

*

## כי אתה "סלחן" לישראל

ווען דער הייליגער ריזשינער זצ"ל האָט זיך געפונען אין די שטאָט אָדעסע לצרכי רפואה, האָט ער דאָרט געטראָפן אַן אייניקל פון אַ גרויסן גאון פון פריערדיגן דור וועלכער איז נעבעך אַרויס לתרבות רעה. דער צדיק האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס, און האָט אים פאָרגעשלאָגן אַז ער זאָל קומען וואוינען ביי אים, און ער וועט זיין סמוך על שלחנו. מן הסתם האָט ער זיך געזוכט אַ וועג אים מחזיר זיין בתשובה. האָט ער מסכים געווען, און מיט די צייט איז ער טאַקע געוואָרן אַ פולשטענדיגער בעל תשובה.

איין טאָג האָט אים דער צדיק געטראָפן זייער שטאַרק צוגעלייגט. האָט אים דער צדיק געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי בעצבות. האָט יענער געזאָגט: "פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין צוגעלייגט, אַז איך האָב ליידער אַזויפיל געזינדיגט און אפילו נאָכ'ן טאָן תשובה האָב איך ווידער געזינדיגט. מכף רגל ועד ראש אין בי מתום".

האָט אים דער הייליגער ריזשינער געזאָגט:

"איך האָב געהערט אַז אין די יונגע יאָרן ביזטו געווען אַ עילוי, וועל איך דיר ענטפערן כדרך הלומדים. ביי די תפילה פון יום כפור זאָגן מיר: "כי אתה סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישורון", לכאורה וואָס איז דער לשון "סלחן" און "מחלן", פאַרוואָס שטייט נישט סולח ומוחל? נאָר די גמרא זאָגט אויפ'ן פסוק (שמות כג) "רובץ תחת משאו", – "רובץ ולא רבצן" (בבא מציעא לג.) און רש"י איז מסביר דעם חילוק צווישן רובץ און רבצן אַז "רבצן" מיינט "הרגיל בכך", דאָס הייסט, נאָר אויב פערצופאַל איז ער רובץ תחת משאו, דעמאָלט זאָגט די תורה "עזוב תעזוב עמו", אָבער אויב ס'איז געוואוינט שטענדיג צו טאָן אַזוי דעמאָלט נישט. זעט מען אַז דער נו"ן ביים סוף פונעם וואָרט ווייזט אויף אַ געוואוינהייט. דאָס זעלבע ווייזט דער "סלחן" און "מחלן", אַז הקב"ה איז שטענדיג סולח און מוחל. אפילו אויב דער מענטש פאַלט ווידער דורך מיט אַן עבירה, און ער טוט תשובה, איז אים הקב"ה מוחל וסולח.

*

## "לקל עורך דין"

אַ טרויעריגער דרייט זיך אַרום דער סוחר, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן. עס וואַרט אויף אים אַן ערנסטער משפט און ער ווייסט נישט וויאַזוי ער זאָל זיך אַרויסדרייען דערפון. ער הייבט זיך אָן צו אינטערעסירן צווישן די אַדוואָקאַטן ווער ס'קען אים פאַרטיידיגן, אָבער קיין איין אַדוואָקאַט וויל נישט אָננעמען זיין "קעיס", ווייל עס איז זיכער אַז ער וועט ווערן באַשולדיגט. ערשט דעמאָלט האָט ער דערזען אין וואָספאַראַ צרה ער געפינט זיך.

ענדליך איז ער געוואויר געוואָרן אַז עס געפינט זיך אין לאַנד אַ גרויסער גאָר געלונגענער אַדוואָקאַט וואָס קען נעמען אויף זיך די אויפגאַבע, און ביי אים גייט יעדער אַרויס גערעכט. פאַרשטייט זיך אַז ער לויפט שנעל צו יענעם און בעט אים אַז ער זאָל אים פאַרטיידיגן. דער אַדוואָקאַט האָט אָנגענומען זיין "קעיס". עס קומט דער טאָג פון משפט, און דער געלונגענער לויער שטעלט זיך אויף און האַלט אַזאַ געלונגענע פאַרטיידיגונגס דרשה אַז דער שופט פטר'ט אים גלייך פון יעדן שטראָף.

דער נמשל: מיר זענען אַ גאַנץ יאָר פאַרזונקען מיט עבירות, מיר האָבן נישט קיין פנים קומענדיג צום יום הדין, מיר האָבן נישט קיין מלמדי זכות, בעטן מיר: "לקל עורך דין", רבש"ע דו ביזט דער בעסטער אַדוואָקאַט, איך בעט דיך, זיי מיין "לויער", און זיי מלמד זכות אויף מיר פאַר די מקטרגים.

*

## "לכובש כעסו בדין ללובש צדקות ביום דין"

הגה"ק מהרי"ץ דושינסקיא זצ"ל האָט געטייטשט די ווערטער, אַז פון אַלע צדקות וואָס מענטשן טוען אַ גאַנץ יאָר ווערט אַ לבוש

## אַ טיפער משל אויף יום הדין

דער מגיד רבי יוסף פון טאַטין זצ"ל (אַ זון פון הייליגן לובלינער זצ"ל) האָט געזאָגט אַ גאָר פאַסיגן משל אויף יום הדין:

אַ גרויסער רבי האָט אַמאָל געמאָלדן פאַר זיין חסיד, אַ גרויסער גביר, אַז אין דעם און דעם טאָג וועט ער אי"ה קומען אויף אַ באַזוך ביי אים אין שטוב. פאַרשטייט זיך אַז דער גביר האָט זיך געגרייט מקבל פנים צו זיין דעם רבי'ן מיט'ן גרעסטן כבוד. צוגעגרייט אַ סעודה כיד המלך, און איינגערישט זיין הויז ווי עס פאַסט זיך פאַר אַזאַ גרויסן גאַסט. דער רבי קומט אָן, און דער בעל הבית פירט אים אַריין אין זיין שענסטן אויפנאַמע זאַל, און גלייך געזאָגט פאַר זיין באַדינער, אַ יונג בחור'ל, ער זאָל אַראָפּגיין אין זיין קעלער וואו עס ליגן גאָר טייערע פעסלעך ווייַן, און אַרויפברענגען אַ פלעשל פון די טייערסטע ווייַן וואָס ער פאַרמאָגט.

ביז דערווייל האָט זיך דער רבי געזעצט צום טיש, און דער גביר וואַרט אַז דער באַדינער זאָל אַרויפקומען מיט'ן פלעשל ווייַן. ער וואַרט און וואַרט אָבער ער קומט נישט אַרויף. עס גייט אַריבער אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה, אַ שעה! און דער באַדינער באַווייזט זיך נישט. דער גביר ווערט שוין אומרואיג, בעט אַנטשולדיגונג פון זיין רבי'ן, און לויפט שנעל אַראָפּ אין קעלער זען פאַרוואָס דער באַדינער קומט נישט אַרויף. אַזוי ווי ער גייט אַריין אין קעלער ווערט אים פינסטער פאַר די אויגן. אַלע פעסער זענען געווען צעהאַקט און צעבראָכן, און ווייַן האָט זיך געגאָסן פון אַלע זייטן, אַז דער גאַנצער קעלער איז פול מיט ווייַן.

פאַרשטייט זיך אַז דער גביר איז געוואָרן אינגאַנצן צעקאָכט זעענדיג דעם חורבן וואָס זיין באַדינער האָט אָנגעמאַכט. ער נעמט זיך לויפן אין קעלער און זוכט אים אָבער ער זעט אים נישט. נאָך עטליכע מינוט דערזעט ער אים ליגן אויף דער ערד אינגאַנצן שיכור. ער לויפט צו צו אים און וויל אויסלאָזן אויף אים זיין כעס. אָבער אַזוי ווי דער באַדינער דערזעט אים, רופט ער זיך אָן צו אים: האַלאָ, בעל הבית מיינער!, איך זוך דיך טאַקע אַרום, ווייל איך האָב דיר טאַקע געוואָלט זאָגן, אַז איך וויל נישט מער אַרבעטן פאַר די אַלטע פרייז, איך וויל אַן הוספה...

מ'קען זיך פאָרשטעלן וויאַזוי דער כעס פונעם גביר איז געוואָרן דעמאָלט פיל פאַכיג גרעסער.

דער נמשל פאַרשטייט זיך אַליין: אַ גאַנץ יאָר טוען מיר אָפּ עבירות, מיר זענען פוגם אין אַלע אברים, "די פעסער ווערן צעבראָכן", "דער ווייַן גיסט זיך אויף דער ערד", און ווען מיר דאַרפן געבן דין וחשבון, אנשטאָט צו בעטן מחילה שטעלן מיר זיך אַוועק און בעטן: רבונו של עולם, כתבנו בספר פרנסה וכלכלה, מיר ווילן אַ הוספה...

ווען מ'האָט דעם משל איבערגעזאָגט פאַר'ן "חידושי הרי"ם" זצ"ל האָט ער זיך אָנגערופן אַז אין דעם משל ליגט אַ חכמה נפלאה.



אויף וואָס ווערט אויפגעשריבן אַלע צדקות, און הקב"ה כביכול טוט אָן ביום הדין דעם לבוש, און ווען דער מקטרג זעט דעם לבוש ווערן נסתם אַלע זיינע טענות. דאָס זאָגן מיר: "לכובש כעסו בדין", הקב"ה איז כובש כעסו, ווייסטו וויאַזוי? דורך דעם לבוש פון צדקה, וואָס דורך דעם ווערט אַלעס נתהפך פאַר חסדים.

*

## די עצה האָט געהאָלפן...

אין אַ שטאָט נעבן פּרעמישלאַן האָט געוואוינט אַ גרויסער גביר, אַן איש תקיף און אַ גרויסער עם הארץ, וואָס האָט אים פאַרשמעקט צו זיין דער שליח ציבור אין זיין שטעטל אין די ימים נוראים.

אָבער כאָטש ער איז נישט געווען רצוי לציבור האָבן די שטאָט-לייט האָבן נישט געוואוסט וויאַזוי מ'ווערט אים פּטור, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט זיך אַקעגנצושטעלן. האָבן זיי געשיקט שליחים צו רבי מאיר פּרעמישלאַנער אַז ער זאָל זיי געבן אַן עצה וויאַזוי מ'ווערט פּטור פון דעם אָנשיקעניש. האָט זיי רבי מאיר געזאָגט, אַז בדרך כלל קומען צו אים פאַר ראש השנה אַלע חזנים פון די געגנט נעמען אַ ברכה, און מן הסתם וועט ער אויך קומען, וועט ער זיך שוין אַן עצה געבן מיט אים.

וכך הוה. דער גביר, דער "בעל תפילה", קומט ערב ראש השנה קיין פּרעמישלאַן באַקומען אַ ברכה. זאָגט אים דער הייליגער פּרעמישלאַנער:

הער מיך אויס, ס'איז פאַראַן דריי סאָרט תפילות:

תפילה למשה, תפילה לדוד, און תפילה לעני, משה רבינו איז געווען אַ כבד פה אָבער ער איז געווען דער גרויסער מענטש, דער רבן של ישראל; דוד המלך איז געווען אַ נעים זמירות ישראל, און דער עני האָט אַ לב נשבר. דאָס זעלבע איז ביי די היינטיגע בעלי תפילות, ס'איז פאַראַן איינער וואָס קען נישט זינגען אָבער ער איז דער צדיק און זיין תפילה איז אין אַ בחינה פון "תפילה למשה", אַ צווייטער איז טאַקע נישט אַזאַ צדיק, אָבער ער האָט אַ שיינע שטימע, בבחינת "תפילה לדוד", און ס'איז פאַראַן איינער וואָס איז נישט קיין צדיק און קען נישט זינגען, אָבער ער איז אַן עני מיט אַ לב נשבר.

און דו, האָט רבי מאיר געזאָגט, אַ צדיק ביזטו נישט, אַ שיינעם קול האָסטו אויך נישט, און אַן אָרעמאַן ביזטו אויך ברוך השם נישט, און אויב דו ווילסט דוקא דאַווענען פאַר'ן עמוד, וועל איך מוזן מתפלל זיין אַז דו זאָלסט ווערן ראוי דערצו. איז אַזוי, אַז דו זאָלסט ווערן אַ צדיק אָדער אַ גאון, אָדער אַז דו זאָלסט באַקומען איצט אַ שיינע שטימע, וועט זיין אַ תפילת שוא, וועל איך מוזן בעטן אויף דיר אַז דו זאָלסט ווערן אַן אָרעמאַן, און דאַן וועסטו קענען דאַווענען מיט די בחינה פון "תפילה לעני"...

דער גביר האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט געשריגן: ניין, ניין רבי, איך בין מוחל טובות, איך זאָג צו אַז איך וועל נישט דאַווענען, און דער רבי זאָל גאָרנישט בעטן...

## ענדליך געטראָפן דעם מענטש

איינמאָל יום כפור, ווען מרן רביה"ק זי"ע איז נאָך געווען אַ קינד און געדאַווענט אין בית המדרש פון זיין טאַטן זצ"ל, האָט זיך געמאַכט אַז פאַר נעילה איז דער קדויו"ט אַרויס פון בית המדרש צו זיין צימער, און האָט זיך דאָרט פאַרזוימט אַ לענגערע צייט. איז דאָרט געווען אַ פּראָסטער מענטש, נישט קיין גרויסער חכם און נישט קיין קליינער נער... און ער האָט געפרעגט דעם רבי'ן וואָס דער טאַטע טוט איצט? האָט אים דאָס קינד, רבינו זצ"ל, געענטפערט בדרך צחות, אַז מסתמא איז ער געגאַנגען עפּעס טועם זיין פאַר כל נדרי... אָבער גלייך נאָכ'ן אַרויסזאָגן די דברי צחות האָט דאָס קינד חרטה געהאַט, קלערנדיג אַז דער פּראָסטער מענטש וועט דאָס נאָך אָננעמען ערנסט, אַז דער קדושת יו"ט איז געגאַנגען עסן חלילה. איז ער געלאָפן אויפזוכן דעם מענטש און אים זאָגן אַז ער האָט נאָר געמאַכט אַ וויץ. אָבער ער האָט אים נישט געטראָפן, און דער רבי האָט געהאַט דערפון גרויס צער.

יאָרן זענען אַריבער פון יענע מאורע, און אין שנת תשי"ג ווען דער רבי זצ"ל האָט שוין געוואוינט אין אַמעריקע, איז ער אַמאָל געפאָרן אויף אַ באַזוך אין שיקאַגאָ. איז דאָרט צווישן די הונדערטער אידן וואָס זענען אים געקומען מקבל פּנים זיין האָט זיך געפונען אויך אַן אַלטער איד, וועלכער האָט זיך אויפגעטאָן אַז ער האָט נאָך געקענט זיין טאַטן, דעם קדושת יו"ט. און האָט צוגעגעבן אַז אַמאָל איז ער געווען ביי אים אויף יום כפור. האָט אים דער רבי געפרעגט: וועלכעס יאָר? און יענער האָט געזאָגט אַז ער געדענקט נישט פּונקטליך דאָס יאָר, נאָר אַזויפיל געדענקט ער אַז יענעם יאָר איז דער קדושת יו"ט אַרויס פון שוהל אויף אַ לענגערע צייט, און זיין זון האָט אים געזאָגט אַז ער איז געגאַנגען עפּעס טועם זיין... האָט זיך דער רבי זי"ע צעשמייכלט און האָט זיך דערמאַנט די מעשה. דאַן האָט אים דער רבי געזאָגט אַז אַלע יאָרן האָט ער געהאַט צער פון דעם וואָס ער האָט אים דעמאָלט געזאָגט. ווייל ער האָט געדענקט דעם דבר צחות וואָס ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, און גלייך דערנאָך איז אים איינגעפאַלן אַז ער קען דאָס נאָך נעמען ערנסט. (אַזוי ווי ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן...). און איצט אַז ער האָט אים באַגעגנט איז ער זייער צופרידן אַז ער קען דאָס פאַרריכטן מיט'ן אויפקלערן אַז ער האָט דאָס געזאָגט בדרך צחות. עס איז געווען אַ השגחה פּרטית צוליב דעם וואָס דער רבי האָט געהאַט אַזאַ צער דערפון האָט מען מסבב געווען אַ געלעגנהייט עס צו פאַרריכטן.

*

## ער וויל נישט מטריח זיין די פמליא של מעלה

די פאָלגענדע מעשה פון הגה"ק רבי אייזיק קאליבער זצ"ל האָט דערציילט דער בעל "מנחת אלעזר" פון מונקאַטש זצ"ל:

דער הייליגער קאַליבער רבי זצ"ל איז געווען באַקאַנט מיט זיינע תפלות וואָס זענען געווען מיט אַ געוואַלדיגע התלהבות ואש קודש, און אַסאַך חסידים פלעגן פאָרן מסתופף זיין בצלו און זיך צוהערן צו זיינע תפלות וואָס האָבן מעורר געווען די לבבות. צווישן די וואָס פלעגן פאָרן צו אים אויף די ימים נוראים איז געווען אַ גרויסער גביר, און דער גביר פלעגט באַזונדערס נתעורר ווערן פונעם "ונתנה תוקף" וואָס דער רבי פלעגט זאָגן מיט אַ געוואַלדיגע נעימות. דער נגיד האָט שטאַרק משתוקק געווען אַז זיין פרוי זאָל אויך קומען אַמאָל הערן דעם "ונתנה תוקף", אָבער ס'האָט זיך שטענדיג געמאַכט אַ סיבה אַז זי האָט נישט געקענט פאָרן קיין קאליב.

האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַז רבי אייזיקל זצ"ל איז אָנגעקומען אין שטאָט פונעם נגיד צוזאַמנעמען געלט פאַר אַ דבר מצוה, און איז איינגעשטאַנען ביי דעם גביר. איז איינגעפאַלן דעם גביר אַ געדאַנק, אַז היות ער האָט זוכה געווען אַז דער צדיק שטייט איין ביי אים, אפשר קען ער אים בעטן אַז ער זאָל דאָ זינגען ביי אים דעם "ונתנה תוקף" מיט'ן זעלבן נוסח פון ראש השנה אַז זיי פרוי זאָל דאָס קענען הערן... און זי זאָל זען אַז ס'איז כדאי צו מאַכן אַזאַ מהלך ביז קאַליב צו הערן אַזאַ דאַווענען... אָבער וויאַזוי האָט מען די חוצפה צו בעטן אינמיטן אַ חודש טבת זאָל אַז ער זאָל זאָגן דעם "ונתנה תוקף" מיט'ן ראש השנה'דיגן נוסח...

אָבער אַזוי ווי דער רבי גייט דאָך איצט נאָך געלט, קלערט צו זיך דער גביר, וועט ער פאָרשלאָגן דעם רבי'ן אַז ער צאָלט אים אויס דאָס גאַנצע געלט וואָס ער דאַרף פאַר דעם צדקה צוועק, אַז ער וועט מער נישט דאַרפן וואַנדערן, און אַזוי אַרום וועט ער פאָרשלאָגן זיין בקשה. עשיר יענה עזות, און דער גביר גייט אַריין אין שטוב פון רבי'ן און שלאָגט אים פאָר זיין הצעה.

רבי אייזיק'ל הערט אים אויס, און מאַכט נישט גלייך אַוועק זיין בקשה. סוף כל סוף וועט ער דאָך האָבן דערפון אַ גרויסע טובה. האָט ער אים געזאָגט אַז ער זאָל אים לאָזן איבערטראַכטן די זאַך. דער גביר איז געוואָרן מלא שמחה, הערנדיג אַז ס'קומט אין באַטראַכט זיין געדאַנק.

צומאָרגנס איז ער ווידער אַריין צום רבי'ן פרעגן וואָס ער האָט באַשלאָסן. האָט אים דער רבי געזאָגט אַזוי: אין אמת'ן וואָלט איך געדאַרפט אָננעמען דיין פאָרשלאַג, ווייל ס'איז דאָך אַ גרויסע טובה פאַר מיר אַז איך זאָל נישט דאַרפן וואַנדערן וואָכן לאַנג אונטערוועגנס, אָבער איך האָב מיך מיישב געווען, לאשר (אַזוי פלעגט ער מישן זיינע רייד מיט לשון הקודש ווערטער) "ווען אייזשיק זאָגט ונתנה תוקף קומען זיך צוזאַם די פמליא של מעלה אויבן, ומלאכים יחפזון וכו' ציטערן די מלאכים באמת, נו, איז דאָך דענסמאָל דבר בעתו, ראש השנה ויום כיפור, ועתה וואָס איך וועל מטריח זיין אין אַ פּראָסטן וואָכן טאָג די פמליא של מעלה און די מלאכים וועלן ציטערן בּיים זאָגן ונתנה תוקף, זה אל זה ישאלו מה זה ועל מה זה הרעש והרעדה עתה, ויאמרו "אייזיק ברויך געלט, פאַר דעם זאָגט ער ונתנה תוקף מעין ראש השנה", וועל איך דאָך ווערן פאַרשעמט, אַז וועגן דריי הונדערט רייניש זאָל איך מטריח זיין כל צבא מרום צו ציטערן וכו'. ממילא קען איך נישט אָננעמען דיין פאָרשלאַג"...

*

## יתגדל ויתקדש שמי' רבא

דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זצ"ל האָט אַמאָל יום כפור געזען אַז ס'איז פאַראַן אַ שטאַרקער קטרוג אויף אידישע קינדער, שפּעטער ביי תפילת נעילה האָט ער געזען אַז דער קטרוג איז אַראָפּ און די גזירה איז בטל געוואָרן. ער האָט אָבער נישט געוואוסט ווער ס'האָט מבטל געווען די גזירה. האָט ער נאָך יום כפור געפּאַסט עטליכע טעג מ'זאָל אים מגלה זיין פון הימל ווער ס'האָט מבטל געווען די גזירה. האָט מען אים געזאָגט אַז אַ סאָלדאַט אין אַ געוויסע שטאָט האָט מבטל געווען די גזירה. האָט דער קדושת לוי זצ"ל זייער געוואָלט קענען דעם מענטש. דאָס קומענדיגע יאָר איז ער געפאָרן צו יענע שטאָט און האָט זיך אינטערעסירט וואו עס דאַווענען די אידישע סאָלדאַטן. האָט מען אים פּרובירט אָפּצורעדן, אַז ס'פּאַסט נישט פאַר אַזאַ בכבוד'יגן רב צו דאַווענען מיט אַזעלכע פּראָסטע מענטשן. אָבער דער באַרדיטשעווער רב האָט געזאָגט אַז ער וויל גיין צו זיי כאָטש ביי תפילת נעילה.

גלייך נאָך מנחה האָט זיך דער באַרדיטשוב'ער צוגעאיילט און איז געגאַנגען צום אָרט וואו די סאָלדאַטן האָבן געדאַווענט. (דאָס זענען געווען די ווייטאָגליך-באַקאַנטע "קאַנטאָניסטן", אידישע סאָלדאַטן וואָס דער צאַר האָט זיי פאַרכאַפּט נאָך אַלס קינדער און זיי אַוועקגעריסן פון זייערע משפּחות. זיי האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו לערנען און האָבן גאָר ווייניג געוואוסט פון אידישקייט. אַ טייל האָבן אפילו פאַרגעסן אַז זיי זענען אידן).

דער באַרדיטשוב'ער איז אָנגעקומען אַהין פאַר נעילה, און האָט געזען ווי עס שטעלט זיך אויף דער חזן און האַלט אַ שטיקל דרשה פאַר זיינע חברים. ער איז געווען ווייזט אויס דער גרעסטער "תלמיד חכם" צווישן זיי. זיין דרשה איז געווען ווי פאָלגענד: "רבותי, דאָס אידישע פאָלק בכל אתר ואתר איז מתפלל און בעט פאַר זיינע געברויכן, איינער בעט פרנסה, דער צווייטער געזונט פאַר זיינע בני בית וכו'. אָבער מיר, וואָס מיר זענען סאָלדאַטן ביים צאַר, וואָס זאָלן מיר בעטן ביים אויבערשטן? צו עסן באַקומען מיר ביי די מלוכה. אַ פרוי מיט בני בית האָבן מיר נישט צו בעטן אויף זיי, טאָ וואָס קענען מיר בעטן, מיר קענען בעטן איין זאַך: "יתגדל ויתקדש שמי' רבה!", עס זאָל נתקדש ווערן שמו יתברך", און האָט באַלד נאָכדעם אָפּגעזאָגט גאַנץ קדיש. דערנאָך האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען תפילת נעילה.

ווען הרה"ק מבאַרדיטשוב האָט געהערט די דרשה און די האַרציגע רייד, האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס די ווערטער האָבן מיט זייער התעוררות געשפּאָלטן הימלען, ווייל אַלע צוזאַמען האָבן דערנאָך געבעטן בלויז אויף כבוד שמים.

*



זיבעציג יאר פון דעם

# רבי'נס נסיעה

קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב

וְהִנֵּה בִּמְלֹאות שִׁבְעִים שָׁנָה - חלק ג' -

געקליבענע שילדערונגען, אריגינעלע זכרונות, פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געהאט די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע באזוך.

- חלק ז' -

## מיט הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל

אין ספר "משה רעיא מהימנא" (ח"ב עמ' תתי"ב) תולדות פונעם ירושלים'ער רב הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל ווערט געשילדערט איבער די געוואלדיגע התרגשות פונעם ירושלים'ער רב מיט'ן רבי'נס באזוך אין ארץ ישראל, נאכדעם וואס עס איז שוין אדורך אכט יאר וואס ער האט נישט זוכה געווען צו זען דעם רבי'נס הייליגע צורה, זינט די צווייטע וועלט קריג.

אין א בריוו וואס דער ירושלים'ער רב זצ"ל האט געשריבן צו א ידיד אין יענער צייט, שרייבט ער מיט התרגשות: "**לעת עתה אנו עומדים ומחכים בעינים צופיות, ומונים יום יום** [מ'ציילט די טעג], **לקראת הופעת כ"ק אדמו"ר הגאה"ק רשכבה"ג שליט"א לכאן**".

אין אנדערע בריוו וואס דער ירושלים'ער רב זצ"ל האט געשריבן שוין נאכ'ן רבי'נס אנקום קיין ארץ ישראל, שרייבט ער ווי פאלגנד [אין אידישער איבערזעצונג]:

איך וועל אביסל שילדערן פון די ערשיינונג פון כ"ק אדמו"ר הגאה"ק שליט"א דאהי. מאנטאג צופרי פרשת פנחס תשי"ב, האט דעם רבי'נס שיף געאנקערטביים בארטן אין חיפה בשעה טובה ומוצלחת. זונטאג זענען מיר אינאיינעם מיט הונדערטער מענטשן ארויסגעפארן פון ירושלים מיט געדינגענע באסעס, מקבל פנים זיין דעם רבי'ן אין חיפה. דאס איז אויסער די חסידים וועלכע זענען געקומען פון אנדערע מקומות איבער'ן לאנד.

אינאיינעם האבן זיך דארט צאמגענומען א גרויסער ציבור לאלפים בליעה"ר. ווען די שיף האט זיך באוויזן אויפ'ן האריזאנט און זיך דערנענטערט צום ברעג, איז דער גאנצער עולם איבערגענומען געווארן מיט א רגש קודש של שמחה, און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אין א רקידה אויפ'ן פארט נעבן וואו די שיף האט געדארפט אנקערן.

די געגעועין זענען געשטיגן פון מינוט צו מינוט און מיר האבן קוים געקענט ווארטן אז דער רבי זאל כאטש ארויסקומען אויפ'ן דעק פונעם שיף און באווייזן זיין הייליגע צורה. מיר האבן געלייגט דערויף שטארקע האפענונג, ווייל מיר האבן פריער געבעטן דעם גבאי'ן, ר' יוסף אשכנזי, צו זאגן פאר'ן רבי'ן אז מיר גייען אויס פאר בענקעניש און קענען נישט אויסווארטן די עטליכע שעה וואס געדויערט ביז מ'קומט ארויס פון שיף.

למעשה האט דער רבי געזאגט אז ער וועט קודם דאווענען אויפ'ן שיף און נאכ'ן דאווענען וועט ער ארויסקומען. במשך די גאנצע צייט האט



דער עולם פארגעזעצט צו זינגען און טאנצן אויפ'ן ניגון "קול רנה וישועה באהלי צדיקים". ומה נהדר היה פני מלך, דומה למלאך ה' צבאות, ווען מיר האבן ענדליך זוכה געווען צו זען די הייליגע צורה פונעם רבי'ן.

במשך די טעג וואס דער רבי האט געוויילט אין ירושלים, האט דעם רבי'נס טיר נישט גערוהט, און מאסן מענטשן, פון אלע שיכטן און קרייזן, זענען געקומען צום רבי'ן.

*

עס איז אויך אין פלאץ צו ציטירן א בריוו וואס דער ירושלים'ער רב זצ"ל האט געשריבן צום רבי'ן אין יענעם יאר תשי"ב, נאכדעם וואס ער איז אויפגענומען געווארן אלס א מורה הוראה דורך די העדה החרדית, און ברוב ענוותנותו שרייבט ער אז ער זייער צובראכן ווייל ער ווייסט אז ער איז נישט ראוי דערצו, און זיין איינציגסטע טרייסט וועט זיין אז ער וועט זוכה זיין צו באקומען א ברכה פון רבי'ן אז ס'זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול פון אים.

דער בריוו לייענט זיך ווי פאלגנד:

יום ב' תרומה תשב"י לפ"ק פה עיה"ק ירושלים תובב"א.

**החיים והשלו' וכל טוב סלה לכ"ק אדמו"ר הרב הגאון הקדוש ציס"ע אור ישראל וקדשתו רכב ישראל ופרשיו רשכבה"ג בקש"ת מרן יואל טייטעלבוים שליט"א האבדק"ק סאטמאר יצ"ו ובעת מאיר לארץ ולדרים עלי' בק"ק ברוקלין יצ"ו.**

אחרי הקידה והשתחוי' מול פני הקודש כ"ק אדמו"ר שליט"א, באתי בזה להודיע בתשואת חן על התשובה הטהורה שקבלתי לנכון מכ"ק אדמו"ר שליט"א ע"י ר' יחיאל קליין שליט"א זה יותר משבוע הטשעק של עשרים וחמש ד'.

והנה בזה להודיע לכ"ק אדמו"ר שליט"א שנתקבלתי מאת העדה החרדית לרב ומו"ץ פה עיה"ק בשכונת בית ישראל, ולבי נשבר בקרבי, שידעתי בעו"ה שלא הגעתי למדה זו, ואמרתי להזכיר א"ע לפני כ"ק אדמו"ר שליט"א, וזאת

תהי' נחמתי אם אזכה לקבל ברכותיו הקדושים, שלא יארע דבר תקלה על ידי, ולהנצל ממכשול הן בהוראה ובכ"ד יהי' לי סייעתא דשמיא בכלל כל ישראל אמן.

והנה בזה בבקשה מכ"ק אדמו"ר הגאה"ק שליט"א, להתפלל נא בעדינו שנזכה להבנות בזש"ק, וזוג' פרידא בת מרים תפקוד במהרה בזש"ק בכלל כל ישראל אמן.

והנה בזה עבדא המתאבק בעפר רגליו הקדושים, המשתחוה מרחוק מול הד"ק.

הק' משה ארי' בן שרה

*

א קורצע צייט איידער דער רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל איז דער ירושלים'ער רב הרמ"א פריינד זצ"ל אויך נתמנה געווארן אלס דער רב פון דער "וועד העירוב" שעל ידי העדה החרדית.

אין איינע פון די טעג וואס דער רבי האט געוויילט אין ירושלים האט דער ירושלים'ער רב פארגעלייגט פאר'ן רבי'ן דעם מהלך וויאזוי דער וועד העירוב פון דער העדה החרדית איז זיך נוהג מיט'ן תיקון העירובין. ער האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז זיי דינגען אפ פון דער רעגירונג שטחים פון גוים ומחללי שבתות לצורך כשרות העירוב, וואס עפ"י הלכה קען א גוי ומחלל שבת נישט זיין קיין טייל פון אן עירוב, און ווילאנג מ'דינגט נישט אפ פון אים זיין חצר, אסר'ט ער דעם גאנצן עירוב. דער רבי האט אים באשטעטיגט אז אלעס ווערט געטאן כדת וכדין, און עס איז נישטא דעריין קיין שום פקפוק.

דער ירושלים'ער רב זצ"ל האט דערציילט, אז ביי יענעם באזוך אין ארץ ישראל איז אנגעקומען צום רבי'נס אויערן, אז ס'האט זיך ארייגעכאפט ביי געוויסע שומרי תורה א מקום לטעות אנצונעמען די טענת אפיקורסים, אז דאס וואס צדיקים נ"ע האבן נישט ערלויבט זייערע חסידים ארויפצופארן קיין ארץ ישראל אין די יארן פאר'ן קריג-אויסברוך, אלס חשש מ'זאל נישט נתפס ווערן לרשת המינות פון די ציונים, האט אפשר גורם געווען אז זיי זאלן אומקומען ביים קריג, עפרא לפומייהו.

דאס האט דעם רבי'ן פארדראסן ביז גאר. דער רבי האט דערויף געטייטשט דעם באקאנטן פשט, וואס ער האט שפעטער געדרוקט אנהויב ספר על הגאולה ועל התמורה, אויפ'ן פסוק אין מלאכי (ג, יג-טו) "חזקו עלי דבריכם אמר ה', ואמרתם מה נדברנו עליך, אמרתם שוא עבוד אלהים וגו', ועתה אנחנו מאשרים זדים גם נבנו עושי רשעה גם בחנו אלהים וימלטו".

די תמצית הדברים, האט דער רבי ארויסגעברענגט, אז אידישע קינדער האבן נישט אפן ארויסגעזאגט "שוא עבוד אלקים", ווייל אויב יא וואלט נישט געווען א מקום צו פרעגן "מה נדברנו עליך". נאר דורכדעם וואס מ'בארעכטיגט די עושי רשע, און מ'לויבט די רשעים אויף זייערע הצלחות מיט דעם וואס זיי האבן געפרואווט דעם אויבערשטן און ס'איז זיי געלונגען געראטעוועט צו ווערן, פון דעם קומט ארויס דער דערהער פון "שוא עבוד אלקים" חלילה.

*

ביי יענעם באזוך האט דער רבי זיך אומגעקוקט אויף זיין קהלה און מוסדות אין ירושלים וואס ער האט געגרינדעט מיט עטליכע יאר פריער, בשנת תש"ו, וואוינענדיג אין ירושלים.

צווישן אנדערן האט דער רבי דעמאלט מחליט געווען צו אויפנעמען דעם ירושלים'ער רב הגה"ק רבי משה ארי' זצ"ל אלס ראש ישיבה אין דער סאטמארער ישיבה אין ירושלים, איינזעענדיג אין אים דער פאסיגסטער קאנדידאט וואס וועט קענען מדריך זיין די תלמידים און אריינברענגען אין זיי תורה ויראת שמים.

זייענדיג אויף דער שיף אויפ'ן וועג אהיים פון ארץ ישראל האט דער רבי אפגעשריבן בכתב יד קדשו פארשידענע תקנות בהנהגת הישיבה, און אינעם ערשטן סעיף איז דער רבי ממנה דעם רב אלס ראש ישיבה, וזה לשון קדשו:

"היות שמגודל טירדות העצומות שהי' לי בעיה"ק ירושלים ת"ו, גם ירט הדרך לנגדי, לא יכולתי להביא על הכתב את כל ההחלטות שראיתי כעת אחר המו"מ בכל פרטי הדברים שבסדר הנהלת הישיבה מה שבאפשרות לתקן לע"ע, לכן ראיתי פה על הספינה לרשום בקצרה פרטי הדברים, והשי"ת יהי' בעזרינו לתקן כשלימות.

א) ה"ה הרב המאוה"ג החסיד מוה"ר משה ארי' פריינד האבדק"ק הוניאד שליט"א, יכנוס כעת אל הישיבה בתור ראש ישיבה ללמוד עם התלמידים שיעורין כסדרן, ולהשגיח על הישיבה ועל הת"ת בעינא פקיחא בכל מצבי הרוחני בסדר הלימוד ובכל ענינים הצריכין השגחה".

זינט דעמאלט האט דער ירושלים'ער רב מרביץ תורה געווען אין דער סאטמארער ישיבה אין ירושלים עד זיבולא בתרייתא, מיט העכער פערציג יאר שפעטער, כ' אלול תשנ"ו. טאג טעגליך האט דער רב פארגעלערנט פאר די תלמידים, און משריש געווען אין זיי א לויטערע יראת שמים, און האט מעמיד געווען הונדערטער תלמידים, צווישן זיי גרויסע מרביצי תורה דיינים ומורי הוראה, תופסי ישיבות, תלמידי חכם ואנשי מעשה. זיין הייליגער חותם און השפעה דערקענט זיך אויף זיינע תלמידים עד היום הזה.

## א שיעור אין דער סוגיא פון "פרוזבול"

ביי יענעם באזוך אין יאר תשי"ב האט דער רבי פארגעלערנט א סוגיא פאר די תלמידים פון די סאטמארער ישיבה אין ירושלים אינעם נייעם ביהמ"ד "אהל רחל" אויף רח' יואל. אזוי ווי דאס איז מפורסם געווארן, איז א גרויסער עולם, אריינגערעכנט אסאך גרויסע לומדים, זיך צוזאמגעלאפן מיטצוהאלטן דעם שיעור; אזוי, אז ס'איז שוין ווייט נישט געווען קיין פריוואטער שיעור וואס דער רבי האט געזאלט געבן בלויז פאר די תלמידי הישיבה.

וויבאלד יענעם יאר איז געווען שמיטה, האט דער רבי געזאגט א סוגיא אין דער נושא פון


בס"ד

לקראת ימי הרחמים והרצון הבאים לקראתינו לשלום, הננו בזה להודיע שיכולין לשמוע אוצר גדול ונפלא שיעורים ודרשות, להתכונן בהכנה דרבה

#1 ראש השנה

1 - שיעורים בהלכה
1 הרה"ג ר' שמעון משה וואלדמאן ז"ל
2 הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א
3 הרה"ג ר' מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
4 דיני התרת נדרים, הרה"ג ר' משה עמרם הערמאן שליט"א
5 הלכות שופר, הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
6 דיני אמירת סליחות
7 דיני ומנהגי ר"ה ח"א
8 דיני ומנהגי ר"ה ח"ב
9 דיני תקיעת שופר

2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' בערל גורעלניק שליט"א
2 הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א
3 הרה"ג ר' יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א
4 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א
5 הרה"ג ר' יהוסף מאשקאוויטש שליט"א
6 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
7 הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א

3 - מלכיות זכרונות שופרות
1 הרה"ג ר' יואל אלימלך כהנא שליט"א

#2 יום כיפור

1 - שיעורים בהלכה
1 שיעור כללי, הרה"ג ר' שלמה יונגער שליט"א
2 הל' תשובה דורך הרה"ג ר' משה עמרם הערמאן שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
3 דיני עשי"ת ועיו"כ
4 דיני יוה"כ

2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' יעקב בריינעס שליט"א
2 הרה"ג ר' דוד הירשלער שליט"א
3 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א

3 - עבודת יום הכיפורים
1 הרה"ג ר' שניאור זלמן גרינפעלד שליט"א
2 הרה"ג ר' שלמה אליעזר שפיטצער שליט"א

#3 סוכות

1 - שיעורים בהלכה
1 הל' סוכה, הרה"ג ר' שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
2 לקיחת ד' מינים, הרה"ג ר' שלמה יונגער שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
3 לקיחת ד' מינים
4 לקיחת אתרוג
5 הל' סוכה ח"א
6 הל' סוכה ח"ב
7 דיני ימי הסוכות
8 דיני ומנהגי ימים אחרונים של חג

2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' יעקב בריינעס שליט"א
2 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א

3 - שיעורי חול המועד
1 הרה"ג ר' פנחס יקותיאל יודא כ"ץ שליט"א
2 הרה"ג ר' דוד וועבער שליט"א
3 הרה"ג ר' בערל גורעלניק שליט"א
4 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
5 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
6 הרה"ג ר' שלום שרגא פאפלאנאש שליט"א
7 כלי שיר בביהמ"ק הרה"ח ר' חיים רפאל פערענץ הי"ו
8 עניני שמיטה הרה"ג ר' יואל גאלד שליט"א
והרה"ג ר' יושע חיים רובין שליט"א
9 הרה"ג ר' יעקב לייטנער שליט"א
10 דיני גירות הרה"ג ר' שמואל קרויס שליט"א
והרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א

מערכת סאטמאר
עמוד התורה
קול התורה
שע"י עמוד התורה
דקהל יטב לב קרית יואל
845 799 5050

3 מועדים וזמנים אפטיילונג

פראקטישע אנווייזונגען וויאזוי זיך צו באנוצן מיט'ן סיסטעם
1 צוריק 15 סקונדעס
2 אפשטעלן Pause/Resume צוריקגיין
3 פאראויס 15 סקונדעס
4 צוריק 1 מינוט
5 מאכן העכער די שטימע
6 פאראויס 1 מינוט
7 צוריק 3 מינוט
8 מאכן שטילער די שטימע
9 פאראויס 3 מינוט
* צוריקצוגיין צו א פריערדיגע מעניא
0 מאכן א בוקמארק
# צוריקצוגיין צום בוקמארק



בס"ד

וויכטיגע מיטטיילונג פאר
בעלי שמחה!

בעת איר מאכט חתונה אייער קינד, מאכט זיכער אז אייער שמחה ווערט געזעהן דורך אייערע גוטע פריינט און באקאנטע

ווען איר אדווערטייזט אייער חתונה איינלאדענונג אין
"קרית יואל וואכנשריפט"

קענט איר זיין רואיג אז דאס וועט געזען ווערן דורך אלע תושבי קרית יואל רבתי

כדי דאס צו ערמעגליכן פאר יעדן בעל שמחה, האבן מיר איינגעשטעלט דעם ספעציעלן סייז חתונה איינלאדונגען פאר א צוגענגליכן פרייז פון $100

ביטע, לאזט דאס נישט אויף די לעצטע מינוט!

שיקט עס אריין צייטליך אויף אימעיל: Ads@kyweekly.com
פאר סיי וועלכע פראגע רופט אריין אין אפיס: 845.774.6234

פרוזבול. עטליכע גרויסע לומדים און נקיי הדעת שבירושלים האבן זיך מפלפל געווען מיט'ן רבי'ן אינמיטן פארלערנען, און ס'האט זיך אנטוויקלט א העפטיגער פלפול מיט א ריתחא דאורייתא כדרכה של תורה.

דער רבי האט אינמיטן שטיל געמאכט און געזאגט: "איך האב געהערט אלע קשיות, לאזט מיך אויסרעדן..." און דער רבי האט נאכאמאל איבערגעזאגט זיין מהלך אין דער סוגיא מיט א קלארקייט, וואס דערמיט זענען פארענטפערט געווארן אלע קשיות. די לומדים זענען אויפגעשפרינגען מלא התפעלות ווי דער רבי האט אויפאמאל פארענטפערט אלע הארבע קשיות.

(מפי הרה"ח ר' משה אלי' פאלאטשעק הי"ו)

אין איינע פון די טעג איז דער רבי מיט זיינע באַגלייטערס געקומען צו מיין טאַטן אין שטוב אים מבקר חולה צו זיין. איך געדענק עס ווי היינט, ווי איך האָב געהערט ווי עמיצער קלאַפּט אין טיר, און איך בין צוגעגאַנגען עפענען. ווי געפלעפט בין איך געוואָרן ווען איך האָב געזען ווי דער רבי בכבודו ובעצמו שטייט ביי די טיר. איידער דער רבי איז אַריין צו מיין טאַטן אין שטוב האָט ער באַדאַנקט פאַר אַ ירושלים'ער איד וואָס האָט אים אָנגעוויזן וואו מיין טאַטע וואוינט, און דער רבי האָט מיר געזאָגט אַז ער איז געקומען מבקר חולה זיין דעם טאַטן. איך האָב באַלד צוגעפירט דעם רבי'ן צו מיין טאַטנ'ס צימער אינעווייניג. מיין טאַטע איז כמעט געפאַלן אין חלשות זעענדיג דעם רבי'ן. – ער פלעגט זאגן אַז ער האָט זיך געציפּט צו זען צי ער חלומ'ט נישט – דער רבי האָט זיך אַראָפּגעזעצט נעבן מיין טאַטנ'ס בעט, און אים געזאָגט אַז ער האָט געפילט אַז ער מוז קומען מבקר חולה זיין אַזאַ חשוב'ער איד, נאָך אַ קרוב אויך [מיין טאַטע איז געווען אַן אייניקל פונעם ישמח משה זי"ע], און דער רבי איז געזעסן אַזוי אַ לענגערע צייט נעבן מיין טאַטנ'ס בעט און געשמועסט מיט אים זייער געמיטלעך. דער רבי האָט געשמועסט דעמאָלט פון די גרויסע זיידעס דער הייליגער ישמח משה זי"ע ולמעלה בקודש.

איידער דער רבי איז אַרויס פון מיין טאַטנ'ס צימער האָט מיין טאַטע שטאַרק באַדאַנקט דעם רבי'ן פאַר'ן זיך אַזוי מטריח געווען און געקומען אַליין אים באַזוכן, און מיין טאַטע האָט זיך אָנגערופן צום רבי'ן: "תיכף לתלמיד חכם ברכה"...

במשך די אַלע טעג וואָס מיין טאַטע איז געלעגן אין בעט, פלעגט מיך דער רבי פרעגן כמעט יעדן טאָג וואָס ס'הערט זיך מיט מיין טאַטן, און דער רבי פלעגט אים דאַן מזכיר זיין מיט'ן נאָמען און אָנווינטשן אַז ער זאָל האָבן אַ גאַנצע און אַ שנעלע רפואה אויף די פוס.

פאַר מיין טאַטן האָט שוין געלוינט דעם גאַנצן קלאַפּ אויף די פוס. ווען האָט ער זיך דען געראָכטן אַז דער רבי אַליין בכבודו ובעצמו זאָל אים קומען באַזוכן פערזענליך.

איין זאַך געדענק איך פונעם דעמאָלטיגן שמועס. מיין טאַטע האָט דעמאָלט געזאָגט פאַר'ן רבי'ן, אַז ער פלעגט אין די לעצטע יאָרן האַנדלען מיט אתרוגים, און אַזוי ווי דאָס יאָר איז אַ שמיטה יאָר, וויל ער פרעגן פאַר'ן רבי'ן כדת מה לעשות.

מיין טאַטע ז"ל האָט דעמאָלט פאָרגעלייגט פאַר'ן רבי'ן עטליכע מיני אתרוגים פון געוויסע הכשרים פון עטליכע בתי דינים כשרים וועלכע האָבן אויך געהאַנדלט אין דעם יאָר מיט אתרוגים [די העדה החרדית האָט שוין אין יענעם יאָר געמאַכט דעם אוצר בי"ד]. און ער האָט געפרעגט דעם רבי'ן צי ער מעג האַנדלען מיט אתרוגים פון אַ געוויסן בי"ד, וויבאַלד דאָס איז זיין מקור הפרנסה פון דעם לעבט ער אַ גאַנצע יאָר.

ווי נאָר דער רבי האָט געהערט אַז מיין טאַטע האָט נאָך בכלל אַ צד צו האַנדלען מיט שמיטה אתרוגים, איז דער רבי געוואָרן אַן אש להבה, און האָט אָנגעהויבן צו שרייען צו מיין טאַטן מיט אַ שטאַרקע ווייטאָג: "אוי ווי, מיינס אַ קרוב, דער ישמח משה'ס אַן אייניקל, פרעגט נאָך אַ שאלה צי ער זאָל זיין פון צווישן די סוחרי שביעית?, ווי איז שייך אַ היתר פון אַ בי"ד דערויף? ס'איז דאָך שמיטה?!, חס ושלום צו האָבן בכלל אַזאַ צד מחשבה"... און אַזוי האָט אים דער רבי דאָס איבערגע'חזר'ט מיט אַ ווייטאָג, און האָט אַרויסגעבראַנגט דערמיט זיין צער אויף די אַלע בתי דינים וועלכע געבן הכשרים צו פאַרקויפן אתרוגי שביעית וואָס מיט זייער הכשר זענען זיי מכשיל אידן מיט די האַרבסטע עבירות.

פאַרשטייט זיך אַז מיין טאַטע האָט שוין חרטה געהאַט אויפ'ן פרעגן דעם רבי'ן אַזאַ שאלה, און האָט אין יענעם יאָר בכלל נישט געהאַנדלט מיט קיין אתרוגים.

פארזעצונג קומט אי"ה

# "מיינס א קרוב זאל האנדלען מיט אתרוגים פון שמיטה?!"

עס האט דערציילט הרה"צ ר' מנחם מאנדרער זצ"ל אדמו"ר מקאסוב-ירושלים: ווען מיין טאַטע הרה"צ ר' משה מאנדרער זצ"ל האָט זיך געגרייט אַהיימפאָרן פון די קבלת פנים וואס מ'האט געפראוועט פאר'ן רבי'ן אין חיפה צוריק קיין ירושלים האָט ער זיך אויסגעלינקט די פוס ל"ע, און האָט באַקומען זייער שטאַרקע און ווייטאגליכע שמערצן. מ'האָט אים באַלד אַהיימגענומען צוריק קיין ירושלים, מ'האָט אים געדאַרפט אַרויסהעלפן אויפ'ן גאַנצן וועג, וויבאַלד ער האָט נישט געקענט רירן זיינע פיס. באַלד ווען ער איז אָנגעקומען צוריק אין שטוב, איז ער אַריינגעפאַלן אין בעט, און האָט נישט געקענט אַראָפּשטייגן זיינע פיס אויף די ערד, ווייל ס'איז געווען זייער אַן ערנסטער און שטאַרקער קלאַפּ.

מיין טאַטע איז געווען זייער צעבראָכן אַז ער קען נישט מיטהאַלטן דעם שיינעם שבת מיט'ן רבי'ן, קוים מ'האָט שוין זוכה געווען צו זען די לעכטיגע צורה פון רבי'ן, נאָך 25 יאָר פון געגועים און השתוקקות, און איצט ווען דער רבי איז שוין ענדליך דאָ קען ער גאָרנישט מיטהאַלטן די לעכטיגע דערהויבענע טעג ביים רבי'ן, ער ליגט אַזוי צוגעשמידט צום בעט.

אָבער ווי איבערראַשט איז מיין פאָטער געוואָרן, ווען




וכפר בעדו ובעד ביתו
מיין שטוב איז א
אינטערנעט-
פרייע זאָנע.
מיט א
שטאַבעל
אַרויף
לצורך
פרנסה
ערלעדיגט מען
במקום
הפרנסה!
לצורך... אָנליין
שאַפּינג, נייעס,
קאַמפּיינס,
קיין צורך בכלל.
מחניך
קדוש



# פון נאציזם יאָמערטאָל

א סעריע רירנדיגע זכרונות

פון הגאון האדיר

**רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל**

**אב"ד מאָנטרעאָל**

איבער די ערב-מלחמה יאָרן, די אַריינמאַרש פון די נאַציס ימ"ש אין זיין שטעטל, און וויאזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן קיין יאַפּאַן

(פארזעצונג פון פריער)

אין קאמיסאריאט האב איך אויסגעפונען דעם פרייז פון דער וויזא: 155 אמעריקאנער דאלאר און קיין אנדערע וואלוטע אויסער אמעריקאנער דאלארן אנערקענט נישט דער קאמיסאריאט.

איך האב זיך געווענדעט צום הויפט פארוואלטער פון קאמיסאריאט (א איד) מיט דער דעליקאטער פראגע: וואו קריגט מען אמעריקאנער דאלארן? דער פארוואלטער האט א שמייכל געטאן און האט געענטפערט:

- אמעריקאנער דאלארן קריגט מען אויף רודניצקע גאס, אויף דער שווארצער בירזשע.. אלעס איבעריג גייט אונז נישט אן וואו און אויף וועלכען אופן איר באקומט די דאלארן.

אזא סומע געלט האט קיין איינער פון די פליכטלינגען נישט פארמאגט, האבן פילע פון זיי טעלעגראפירט צו קרובים קיין אמעריקע. אויך איך האב טעלעגראפירט צו הרב מרדכי בוימהעל קיין ניו יארק און צו מיינעם א קרוב, הרב מרדכי הירשפרונג פון קאלומבוס, אהייא, אבער אויף מיין מזל האבן זיי טעלעגראפירט דאס געלט צום אינטוריסט קיין מאסקווע אנשטאט ווילנע און איך בין אזוי ארום געבליבען אן געלט אויף הוצאות.

צווישן די תלמידים פון אונזער ישיבה איז געווארן א בהלה: ישיבה בחורים מיט טראנזיט-וויזעס אין די הענט זענען צוגעשטאנען צו מיר, צו הרב הערשבערג און צו הרב ראטענבערג אז מיר זאלן זיך ארויסלאזן אויף דער פראווינץ מיט אן אקציע פאר הצלת נפשות און כך הוה: מיר האבן זיך ארויסגעלאזט איבער דער פראווינץ. צוערשט זענען מיר אוועק קיין שקודוויל, א שטעטל נישט ווייט פון קאוונע, וואו מיר האבן געשאפן א באדייטענדע סומע געלט. וועגן דעם גאר פרומען שטעטל שקודוויל איז כדאי זיך עטוואס לענגער אפצושטעלן:

*

כמעט די גאנצע שקודווילער יוגענט האט זיך איינגעשריבן אין "קאמסאמאל", (א יוגענטליכע גרופע איינערהאלב די קאמוניסטישע פארטיי) אפילו דער גבאי פון שוהל, א יונגערמאן וועלכער האט אונז ארויסגעהאלפן אין דער אקציע, האט זיך אויך איינגעשריבן פאר א מיטגליד פון "קאמסאמאל".

און א מעשה שהיה וואס איז זיך פארלאפן אין שקודוויל איז כדאי צו פארצייכענען: צו דער שקודווילער פאליציי האט מען אונטערגעטראגן א מסירה'לע אז אידן האלטן אפ אן אומלעגאלע אסיפה אויפ'ן בית הקברות. די פאליציי האט באפוילן 2 מיליציאנערן זיי זאלן ארויפגיין אויפ'ן בית הקברות "ליקווידירן" דעם מיטינג.

ווען די מיליציאנערן - איינער א ליטווישער און דער צווייטער א אידישער - ביידע באגלויבטע קאמסאמאלען, זענען צוגעקומען צום בית עולם, האט דער אידישער מיליציאנער פארגעשלאגן זיין ליטווישן קאלעגע אז ער זאל אליין ארויפגיין אויפ'ן בית החיים, ווייל איין מיליציאנער איז גענוג אז די פארזאמעלטע זאלן זיך צולויפן.

- אויב איינער איז גענוג - האט דער ליטווישער מיליציאנער געענטפערט - טא גיי, זיי מוחל, דו ארויף אויפ'ן בית-הקברות.

- איך קען נישט ארויפגיין - האט דער אידישער מיליציאנער זיך געבעטן - מחמת איך בין א כהן.

- און איך טאר נישט ארויפגיין אויפ'ן אידישן בית עולם - האט דער ליטווישער מיליציאנער גע'טענה'ט - מחמת איך בין נישט פון אידישן גלויבן.

בקיצור, קיינער פון זיי האט נישט באטראטן די ערד פון בית הקברות און די אסיפה איז בשלום אפגעהאלטן געווארן.

איך ווייס נישט ווי אזוי די מעשה איז דערגאנגען צום פאליציי קאמיסאריאט. נאר דער פאקט איז, אז מ'האט ביידע מיליציאנטן ארעסטירט און גאנץ שקודוויל האט געקאכט מיט דער מעשה.

*

פון שקודוויל האבן מיר זיך אוועקגעלאזט אין אנדערע מקומות. מיר האבן פאר א משך פון עטליכע וואכן באזוכט כמעט גאנץ ליטע, און אומעטום האט מען אונז ארויסגעוויזן מיטגעפיל און פארשטענדעניש און הגם די עקאנאמישע לאגע איז דעמאלט געווען א געדריקטע, האבן מיר פונדעסטוועגן געשאפן היבשע סומעס געלט.

איך אליין האב זיך אפילו ארייננגעכאפט קיין

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
CONG. YETEV LEV SATMAR KIRYAS JOEL
5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699
בזה הננו מודיעים אשר בעהשי"ת מתקיים
מנין ותיקין
קבוע מידי יום ביומו
בחדר בית שמעון
שע"י ביהמ"ד הגדול
והן ידוע בשער בת רבים גודל הענין
והסגולה להתפלל ותיקין
בריכים מקדימים למצוות
ואשרי למי שזוכה להצטרף לקבוע תפלתו,
וכל הקבוע מקום לתפלתו אלקי אברהם בעזרו!
הנהלת הקהלה

זמני מניני מעריב
· בביהמ"ד הגדול ·
בכל 10 מינוט מזמן מעריב עד שעה 11:00
בחדרי התפלה למטה
12:00 | 11:45 | 11:30 | 11:15 | 11:00 | 10:40
היכל בית המדרש הגדול
קהל יטב לב סאטמאר

לעטלאנד וואו הרב זאק און זיין איידעם הרב קיסיליעוו האבן מיר זייער ענערגיש ארויסגעהאלפן אין שאפן פאנדן לטובת די תלמידים פון אונזער ישיבה.

גאר שטארק ארויסגעהאלפן האט מיר אין לעטלאנד ר' מרדכי דובין, א איד א למדן מופלג, א ליובאוויטשער חסיד און געוועזענער סענאטאר פון לעטלאנד וועלכער האט זיך קונה שם געווען דערמיט וואס ער האט, צוליב זיין איינפלוס אין רעגירונגס קרייזן, געראטעוועט טויזענטער אידן פון די נאציס ובתוכם דעם ליובאוויטשער רבי'ן, דורך זיין השפעה האב איך אין לעטלאנד געשאפן א ריזיגע סומע געלט.

פון לעטלאנד בין איך געפארן קיין קאוונע. אין קאוונע האב איך זיך געווענדעט נאך הילף צו הרב ר' דוב שפירא וועלכער האט מיט דער מיטהילף פון זיין זון, דאקטאר חיים נחמן שפירא פאר מיר געשאפן די גאנצע סומע געלט וואס האט מיר אויסגעפעלט אויף צו באזארגן מיט ארויספאָר וויזעס פאר די תלמידים פון אונזער ישיבה.

א בארוישטער פון דער ווארימקייט וואס אחינו בני ישראל האבן מיר אומעטום ארויסגעוויזן האב איך זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע און בין גלייך פון וואקזאל אוועק צום קאמיסאריאט אויף ווילענסקא גאס וואו איך האב געטראפן אסאך פליטים וועלכע האבן באקומען זייערע וויזעס.

איך האב אפגעווארט מיין רייע, און איינגעצאלט די געפאדערטע סומע - 155 אמעריקאנער דאלארן און איך האב בשעה טובה ומוצלחת, באקומען מיין ארויספאר וויזע.

צו מיין שמחה איז נישט געווען קיין שיעור, קיין ערך און קיין ברעג.

*

צוויי וואכן פאר פורים האבן מיר זיך ארויפגעזעצט אויף דער אינטוריסט-באן וועלכע האט אונז געפירט פון ווילנע קיין מאסקווע וואו מיר האבן פארבראכט בלויז איין טאג.

אין מאסקווע האב איך געהאט די געלעגענהייט צו באטראכטן די וואונדערליך שיינע מאסקווער מעטרא (סאבוועי).

קיין פערד האב איך אין מאסקווע נישט געזען. טראמווייען, אויטאבוסן אויף שינעס און טרעלאבוסן מיט אויטאמאבילן פארפלייצן די שטאט, בייטאג מאכט מאסקווע אן




# דער יאפאנישער פראפעסאר אברם קוצוזו

רעדענדיג וועגן יאפאן קען איך זיך נישט אפהאלטן פון שרייבן אפאר ווערטער וועגן דעם יאפאנישען פראפעסאר קוצוזו.

ווען מיר זענען אנגעקומען קיין יאפאן, אין א פרעמד לאנד, מיט א פרעמדער שפראך און א פרעמדן לעבנס-שטייגער האבן מיר דארטן אנגעטראפן א ווארימען פריינד, א פריינד פון אידן און א פריינד פון תורה.

ער האט אונז ארויסגעוויזן גרויס ליבשאפט און פארערהונג, און געטוהן אלעס וואס אין זיינע מעגליכקייטן אונז צו העלפן, און אים צו פארדאנקן איז יאפאן פאר אונז געווארן פיל היימישער ווי מיר האבן זיך עס פריער געקענט פארשטעלן. אברם קוצוזו, פראפעסאר פון טעאלאגיע איז דעם אוניווערזיטעט פון טאקיא, האט ביי דער יאפאנישער רעגירונג אויסגעבעטן אן ערלויבעניש צייטווייליג צו עפענען א ישיבה פאר די לומדים פליטים.

צום ערשטן מאל אין דער געשיכטע פון יאפאן האבן אין קובא און אין שאנכאי פונקציאנירט ישיבות.

מיין חבר, הרב ר' אברהם מרדכי הערשבערג, איז פערזענליך זייער נאענט באפריינדעט געווארן מיט'ן חשוב'ן וויסענשאפטסמאן קוצוזו, און איידער מיר האבן פארלאזט יאפאן, האט דער פראפעסאר אים אונטערגעטראגן א זעהר ווערטפולע מתנה - א ספר וואס איז א לערן בוך, פארפאסט פון פראפעסאר קוצוזו.

"איר. לומדים-פליטים האט פאר זיך א גרויסע שליחות, איר דארפט ראטעווען די תורה פון פייער און זי טראגן וואו עס זאל נישט זיין. עס מאכט נישט אויס אין וועלכן פארוואָרפענעם ווינקל דער פליטים וועג וועט אייך ברענגען: אויף א פארוואָרפענעם אינזל אין אזיע, אפריקע, אדער ערגעץ אין א קאלאניע פון זיד-אמעריקע - אהין וועט איר ברענגען די תורה און איינפלאנצן א אידיש לעבן".

אזוי האט דער פראפעסאר געזאגט צו די תלמידים פון די ישיבות, בעת מיר האבן אים באעהרט מיט א באנקעט, אויס אנערקענונג פאר זיינע לייסטונגען צו די אידישע פליטים בכלל און באזונדערס פאר זיין ווארימען אינטערעס אין די לומדים.

פראפעסאר קוצוזו האט ווירקליך געהאלפן מיט זיין איינפלוס אויף די יאפאנישע אויטאריטעטען אז זיי זאלן זיין ליבעראל מיט טראנזיט-וויזעס צו די פליטים און נישט זיין שטרענג צו די פליטים וועלכע מוזן פארבלייבן לענגער אין לאנד.

אין קובא האבן מיר געהאט צו טאן מיט'ן אידישן קאמיטעט "יעווקאם", דאס איז א קאמיטעט געגרינדעט פון קובא'ער בעלי-בתים מיט דעם ציל צו שטיצן די דורכפארענדיגע פליטים, טאקע דארטן אין "יעווקאם" איז פארגעקומען אונזער ערשטע באקאנטשאפט מיט דעם פראפעסאר קוצוזו. מיט הרב הערשבערג איז ער אזוי באפריינדעט געווארן אז ער האט אים געלאדענט צו זיך אהיים, האט מיט אים געמאכט לאנגע שפאצירן און האט זיך מיט אים פאטאגראפירט אויף א בילד.

אין "יעווקאם" זענען מיר געוואויר געווארן אז נאך איידער מיר זענען געקומען קיין יאפאן האט פראפעסאר קוצוזו, אויף דער איניציאטיווע פון די קובא'ער בעלי בתים, זיך משתדל געווען ביי די יאפאנעזישע אויטאריטעטען אז זיי זאלן ערלויבן טראנזיט-וויזעס פאר די פליטים, די טראנזיט-וויזעס זענען געווען פאר א קורצן טערמין - 10 טעג. די פליטים האבן אבער געמוזט פארבלייבן לענגער און פראפעסאר קוצוזו האט אנגעווענדעט זיין איינפלוס אויף די יאפאנעזישע אויטאריטעטן אז זיי זאלן פארלענגערן דעם טערמין.

אויף אונזער שיף האבן זיך געפונען 72 פליטים וואס האבן נישט געהאט קיין וויזעס קיין קוראסא, האלענדיש אינדיע, און די יאפאנעזישע אויטאריטעטן האבן זיי דערפאר צוריקגעשיקט קיין וולאדיוואסטאק. דער "יעווקאם" האט זיך געווענדעט צו פראפעסאר קוצוזו און ער האט רעאגירט אויף דער בקשה פון "יעווקאם"; ער האט זיך משתדל געווען לטובת די פליטים און האט אויסגע'פועל'ט אן ערלויבעניש פאר זייער אריינקום אין לאנד.

אפילו די דייטשע ראדיא האט רעאגירט אויף דעם וואס די פליכטלינגען זענען צוריקגעשיקט געווארן פון צירוגא קיין וולאדיוואסטאק, זי האט געמאלדען אז נישט רוסלאנד און נישט יאפאן זענען מסכים צו האבן ביי זיך אין לאנד אזוינע עלעמענטן וואס דאס דריטע רייך האט "עראוסגעשמיס". פראפעסער קוצוזו האט מיט זיין האנדלונג דערלאנגט א פאטש אין פנים דעם דריטן רייך.

די ישיבות האבן איינגעלאדענט פראפעסאר קוצוזו פאר א באזוך, ער האט אויסגעדריקט אנערקענונג פאר דעם אופן פון לערנען, אבער איין זאך, - האט ער געזאגט, איז אים אומפארשטענדליך - דאס שאקלן מיט דעם קאפ ביים לערנען. - איך פארשטיי נישט - האט ער גע'טענה'ט - ווי אזוי מען קען קאנצענטרירן די געדאנקן שאקלנדיג מיט דעם קאפ.

הרב הערשבערג האט מיר איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון זיינעם א געשפרעך מיט דעם פראפעסאר. הרב הערשבערג האט אים געפרעגט וואס איז זיין מיינונג וועגן דער השערה אז די יאפאנעזער שטאמען פון די עשרת השבטים. זיין ענטפער איז געווען:

"וויסענשאפטליך איז עס נישט באגרינדעט, אבער עס איז מעגליך אז מיט הונדערטער יארן האבן קיין יאפאן איינגעוואנדערט אריענטאלישע אידן פון פערסיע, אינדיע און אנדערע לענדער און זיי האבן זיך אסימילירט צווישן די יאפאנער".

'די רעליגיע פון די העכערע שיכטן אין יאפאן - האט דער פראפעסאר געזאגט - איז געקניפט און געבונדן מיט א פילאזאפישען מיסטיציזם וואס איז ענליך צו דער אידישער רעליגיעזער פילאזאפיע'.

אויף דעם בוך וואס פראפעסאר קוצוזו האט געגעבן א מתנה צו הרב הערשבערג האט ער זיך אונטערגעשריבען "אברם קוצוזו".

הרב הערשבערג האט אים געפרעגט פארוואס ער שרייבט זיך אונטער "אברם" אנשטאט "אברהם", דער פראפעסאר האט געענטפערט:

- אונזער עלטער זיידע האט זיך אנגעהויבן רופן "אברהם" ערשט נאכדעם ווי ער האט זיך מל געווען.

הרב הערשבערג האט אים געשטעלט די פראגע פארוואס ער איז זיך נישט מגייר.

- איך קען מער אויפטאן פאר אידן פיגורירענדיג אלס עכטער יאפאנער ווי ווען איך וואלט אפיציעל אנגענומען אידישקייט - האט דער פראפעסאר געענטפערט.

ווען איך בין געקומען קיין קאנאדע בין איך פון די היגע צייטונגען געוואויר געווארן אז פראפעסאר קוצוזו איז דערמארדעט געווארן.

מיין השערה איז, אז, אדער נאצי-אגענטען, אדער יאפאנעזישע מיליטאריסטען האבן אים אפגערוימט פון וועג.

ת.נ.צ.ב.ה.

אויסערגעוועגליכען איינדרוק, בעת אין די אוועגט שטונדען איז די שטאט ארים באלויכטן.

פון מאסקווע האט אונז גענומען 17 טעג די רייזע מיט דער באן קיין וולאדיוואסטאק. מיר זענען פארבייגעפארן אירקוטסק, בירא בידזשאן, די אוראל-בערג, נאוואיא-סימבירסק און נאך פיל ישובים.

דער ניי געבויעטער וואקזאל אין נאוואיא סימבירסק האט אויף אלעמען געמאכט אן אויסערגעוועגליכען רושם.

אויף דעם גאנצן וועג פון דער באן ליניע האבן מיר געזען ישובים און פון יעדן ישוב האבן זיך געווארפן אין די אויגן גרינע קירכע געביידעס.

אויף פיל באן סטאנציעס אין ביראיבידזשאנער געגענט האבן מיר אנגעטראפן שילדן מיט אידישע אויפשריפטן וואס האבן באצייכענט דעם נאמען פון דער סטאנציע.

אויף קיין איינער פון די באן סטאנציעס איז אין די בופעטען נישט געווען קיין ברויט צו קויפן.

פארענדיג איבער סיביר האב איך זיך דערמאנט אין א בוך מיט'ן נאמען "סיביר אן טרערן", געשריבן פון דעם פוילישן אפיציר לעפעצקי, דער דאזיגער אפיציר איז, אויב איך האב קיין טעות נישט, געווען פילסודסקיס פערזענליכער אדיוטאנט און האט אין די לעצטע יארן פאר דער מלחמה באזוכט סיביר. אין יענעם בוך באשרייבט ער די ריזיגע קולטורעלע און אינדוסטריעלע אנטוויקלונג פון סיביר פאר די לעצטע פאר צענדלינג יאר אונטער סאוועטישער הערשאפט.

וויסענדיג אז מיטן נאמען סיביר איז פארבונדן די געשיכטע פון רוסישער מארטיראלאגיע אונטער'ן צאר - איז געווען אנגענעם צו זען אידישע אויפשריפטן אויף די באן סטאנציעס, דאס הארץ האט אנגעקוואלן באטראכטענדיג די עלעקטריפיקאציע און די ריזיגע צאל קוימענס פון פאבריקן וואס האבן געררויכערט איבער דער גארער לענג פון דער באן ליניע.

פון וולאדיוואסטאק זענען מיר געפארן מיט דער שיף קיין יאפאן. מיר זענען אין א שבת נאכמיטאג אנגעקומען צום יאפאנעזישען פּאָרט צירוגא וואו פארשטייער פון דעם פליטים קאמיטעט אין קובא האבן אונז אפגעווארט און זייער ווארים אויפגענומען.

מיין הארץ האט אויפגעצאפעלט פון שמחה און טרערן האבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן קוקענדיג אויף די פארשטייער פון דעם פליטים קאמיטעט און דאס ערשטע וואס מיר איז געקומען אויפ'ן געדאנק איז: "מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ".

אומעטום איבער אלע עקן וועלט איז פאראן א שארית הפליטה פון דעם עם ישראל וואס איז מפוזר ומפורד בין העמים, ווייל אזוי איז דער הייליגער רצון פון דער השגחה עליונה. אויך דא אין יאפאן איז דא א קליינער אידישער קבוץ פון אייראפעאישע און ספרדישע אידן וואס די השגחה האט זיי אהער פארווארפן בכדי ער זאל, אין אן "עת צרה ליעקב" אויסשטרעקן א ברודערליכע האנט פון הילף און רעטונג, פון חסד און רחמים צו זיינע געיאגטע און געפלאגטע ברידער-אידן.

אויך אהער קיין יאפאן האט די השגחה צוגעשטעלט א אידישן קיבוץ וואס האט אפגעראטעוועט איבער 2000 אידן פון נאצישע הענט, אויך דא זענען פאראן אידן וואס זענען מקדש דאס לאנד בקדושת ישראל!

צוליב שבת זענען מיר געבליבןביים פארט און מיר האבן די שטאט צירוגא כמעט נישט אנגעזען אין די אויגן.

מוצאי שבת האבן מיר, אין דער באגלייטונג פון די פארשטייער פון קאבע'ר הילפס-קאמיטעט, זיך אויפגעזעצט אויף דער באן וועלכע האט אונז בשלום געבראכט קיין קובא וואו מיר האבן זיך אויפגעהאלטן פאר א משך פון ניין חדשים.

נאך 9 חדשים וואס מיר האבן זיך אויפגעהאלטן אין קובא האט אונז די יאפאנעזישע רעגירונג אויסגעוויזן קיין שאנכאי פונוואנען מיר זענען, מיט דער הילף פון דער "פעדעראציע פון פוילישע אידן" אין מאנטרעאל, געקומען קיין קאנאדע.

- ענדע -


שהשמחה במעונם

תושבי קרית יואל

עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI

ברכת מזל טוב

להולדת הבנים

הרה"ג אליעזר פריעדמאן שליט"א
ר' שמואל זלמן ברייער הי"ו
ר' שלמה לייב גרובער הי"ו
ר' בערל הירש הי"ו
ר' וואלף הערשקאוויטש הי"ו
ר' יקיר הערשקאוויטש הי"ו
ר' שמעון וואלנער הי"ו
ר' קלמן אליעזר ווערצבערגער הי"ו
ר' אייזיק הערש זאלדאן הי"ו
ר' אליעזר זוסמאן זיכערמאן הי"ו
ר' ישעי' ניישטאדט הי"ו
ר' אפרים פרידריך הי"ו
ר' יעקב מרדכי פריעדמאן הי"ו
ר' אברהם שלמה קעסטענבוים הי"ו

ר' יואל (ב"ר אביגדור) ראזענבערג הי"ו
ר' אשר אברהם רובינשטיין הי"ו

להולדת הבנות

ר' יואל (ברי"מ) ברוין הי"ו
ר' קלמן אליעזר (ברר"ד) ג'ברא הי"ו
ר' שלמה לייב גרובער הי"ו
ר' שמעון האלפערט הי"ו
ר' נפתלי הירצקא (בר"ל) וואלנער הי"ו
ר' יוסף וויטריאל הי"ו
ר' יואל (ברב"י) ווייס הי"ו
ר' משה אלי' לעבאוויטש הי"ו
ר' ארון לייב לענעראוויטש הי"ו
ר' יואל משה מאלח הי"ו
ר' יוסף חביב מאסרי הי"ו
ר' ישראל יוסף מינצבערג הי"ו

ר' משה סרוגא הי"ו
ר' מרדכי הערש פישער הי"ו
ר' אברהם יוסף פעדער הי"ו
ר' אלי' פריינד הי"ו
ר' יואל (ברבצ"י) קרויס הי"ו
ר' איתמר טובי' רובינשטיין הי"ו
ר' יואל שאלאמאן הי"ו
ר' נפתלי יואל שטיינמעץ הי"ו

להכנסת בניהם לעוה"מ

ר' ישעי' יודא בערקאוויטש הי"ו
ר' יוסף וויטריאל הי"ו
ר' יצחק וויטריאל הי"ו
ר' אברהם הערש וויינבערגער הי"ו
ר' יואל פרידריך הי"ו
ר' יחיאל בער פריעד הי"ו

לאירוסי צאצאיהם

| | | |
|---|---|---|
| ר' פנחס בראך הי"ו, מאנטרעאל | שלמה הי"ו | ר' יחזקאל שרגא הירש הי"ו קרית יואל |
| ר' יואל (ב"ר הלל) ברוין הי"ו, קרית יואל | דוד הי"ו | ר' יעקב מנחם מערמלשטיין הי"ו, קרית יואל |
| ר' יעקב משה גאלדבערגער הי"ו, קרית יואל | אשר אנשיל הי"ו | ר' חיים יודא האפפמאן הי"ו, בארא ארק |
| ר' נחום כ"ץ הי"ו, קרית יואל | רפאל הי"ו | ר' פנחס שטערן הי"ו, קיימישע |
| ר' יואל לענעראוויטש הי"ו, קרית יואל | אלי' יוסף הי"ו | ר' מנחם מענדל (ברח"ד) טארים הי"ו, קרית יואל |
| ר' שמואל מרדכי נאה הי"ו, קרית יואל | נפתלי יוסף הי"ו | ר' אהרן גרשון מנחם ענגעל הי"ו, וויליאמסבורג |
| ר' חיים עזריאל פריעד הי"ו, קרית יואל | ליפא הי"ו | ר' מרדכי וועבערמאן הי"ו, מאנטרעאל |
| ר' זלמן לייב קאהן הי"ו, וויליאמסבורג | אברהם הי"ו | ר' ישראל נחמן שימענאוויטש הי"ו, קרית יואל |

חתונות • פדיון הבן • סעודת מצוה
תנאים • בר מצוה • שבע ברכות
אהערגעשטעלט!

עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI

STANDARD • PREMIUM • DELUXE
פאר באשטעלונגען און פאר מער אינפארמאציע רופט היינט
845-781-2288



בילד פון עטליכע חדשים צוריק ווערט געזען אינסטולאציע פון די סערוויס טאוער אויפן הויכען בנין 'בית כהנא' דקהל יטב לב פארן געברויך פון די טויזנטער שטאטישע איינוואוינער



נאכן באנייען צענטראלן ביהמ"ד 'בית יקותיאל' אינעם שכונה: 3 משפחות ציען זיך אריין אויף אוסטראה פארקוועי



גרויסער סוכה אויפגעשטעלט דורך קהל יטב לב 12 אויפן צענטראלן גארפיעלד גאס

# ארבעט אנגעהויבן אויפצובויען מאסיוון 17'טן בנין פאר בית חינוך לבנות אין שטאט

## נייע בנין ווערט געבויעט אין שכונת אלטא פיגא ביים בית רחל 12 קאמפלעקס









קאר ווערט אוועקגעשלעפט פון דעעש ראוד נאכן אריינפארן אין ביימער ביים זייט פון שטראז



סטרוקטור פון 'פערטע הצלה באזע' אין קרית יואל ארויפגעצויגן אין 'טאון אוו מאנראו'



אין ליכט פון פארקינג קריזיס ביים גרויסן ביהמ"ד



בע"ה
JEWELRY MASTER
Fine Jewelry & Diamonds
LATE NIGHT 9-11PM
845-782-6365
FOR PVT APPTS. PLEASE CALL
845-248-8644
Sun-Thurs: 11am-6:30pm
Fri. 11am-1pm
for special hours call:
845-248-8644
52 Bakertown Rd.
BUSINESS CENTER II